STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03458

DR. HAYIM ZSHITLOVSKI UN ZAYNE FARTEYDIKER

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווידמעט מיין טייערן פריינט, דעם
תלמיד חכם און בעל מדות טובות

ה ע ר י   פ ר ע נ ק ע ל

דר. חיים זשיטלאָווסקי
און זיינע פאַרטיידיקער

נאָך אַ וואָרט וועגן דעם גייסטיקן באַנקראָט פון אַ דור.

פ ו ן

חיים ליבערמאַן

ניו־יאָרק, 1944

Copyright, 1944,
by
Herman Lieberman

200

אינהאַלט:

1. דר. ח. זשיטלאָווסקי — דיכטער און דענקער.

2. „דער גרעסטער פאַרברעכן אין אונזער גאַנצער געשיכטע פון גלות".

3. זשיטלאָווסקי צווישן איד און גוי.

4. ש. ניגער, דער אַדוואָקאַט אָן אַ צונג.

5. אַ דור אין היפּנאָטישן שלאָף.

6. אַ בריוו און אַן ענטפער.

7. ווי אַזוי ש. דובנאָוו האָט אויפגענומען זשיטלאָווסקי'ס ערשטע שריפט.

8. קען מען פאַרטיידיקן זשיטלאָווסקי'ס אַטאַקעס אויף אידן?
פון הלל ראָגאָף.

דר. חיים זשיטלאָווסקי — דיכטער און דענקער

.1

ווייניק מענשן ווייסן אַז דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אויך געווען אַ דיכטער און האָט געשריבן לידער. ניט קיין סך, אָבער ער האָט זיי געשריבן. זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע האָט ער אייגנטלעך אָנגעהויבן אַלס דיכטער. ער דערציילט וועגן דעם אויספירלעך אין זיינע „זכרונות" (באַנד 2, ז. 124 און ווייטער). ער האָט געשריבן אָריגינעלע לידער און אויך געמאַכט איבערזעצונגען. אַ רייע איבער־זעצונגען אַזעלכע געפינען זיך אין איינעם פון די בענדער פון זיינע געזאַמלטע שריפטן. פון זיינע איבערזעצונגען, מייסטנס רעוואָלו־ציאָנערע לידער, האָבן אַ פּאָר אפילו געהאַט די זכיה געזונגען צו ווערן אין דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פון די מוסטערן וואָס ער ברענגט אין זיינע „זכרונות" קען מען זען אַז זיינע לידער זיינען געווען גאָרניט שלעכט. ווערדליג פּאַר אַן אָנפאַנגער, און ווערדליג דער מדרגה פון דער אידישער פּאָעזיע אין יענער צייט.

זשיטלאָווסקי איז שוין געווען אַ היפשער בחור ווען ער האָט אָנגע־הויבן שרייבן פּאָעזיע. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ אידישיסט און האָט זיינע לידער געשריבן אין אידיש. און איין צייט האָט ער געגלויבט, און געהאָפט, אַז ער וועט זיין אַ פּאָעט ביי אידן. ער איז מודה אַז ער האָט עס געוואָלט. ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ היפשע צאָל לידער און האָט זיך שוין געקליבן זיי אַרויסצוגעבן אין אַ בוך און מאַכן זיין אויפטריט אַלס אידישער פּאָעט.

אָט איז, פּאַר אַביישפּיל, איין ליד זשיטלאָווסקי'ס וואו ער טענה'ט זיך אויס מיט גאָט וועגן אידישע צרות:

> דעם בעכער פון צרות, פון צער און יסורים,
> האָבן מיר שוין געטרונקען אודאי רוב כוס...
> נו, גאָט, אונזער גאָט! וואו זיינען דען דיינע דיבורים?
> נאָך אַלץ ניט גענוג דיר? נאָך ווייניג דיר דאָס?

דער בעכער די גרויס ווי דער אידישער גלות,
פול מיט גאַל און מיט גיפט און מיט בלוט . . .
עס וואַקסן אין האַרץ ביי אונז ספקות חיילות,
וואָס זויגן אַרויס אונזער מוט.

יעדן טאָג פאַלן אָפּ פון אונז אונזערע קינדער,
זיי דאַרפן צום וואַקסן געזינטערע זאַפט.
הער זיך צו: אויף אונז קלינגען די שקלאַפּישע קייטן,
מיר ברומען פאַר ווייטיק און לויבן דיין קראַפט...

מער ווי מיט דער פּאָעטישקייט איז דאָס ליד אינטערעסאַנט מיט דער צייט־שטימונג און מיטן צייט־בילד וואָס עס גיט. דאָ ווערט געוויטיקט אויף אידישע ליידן, צער און יסורים. אידן זיינען שקלאַפן אין קייטן. די יוגנט פאַלט אָפּ. ווער געדענקט ניט יענע עפּאָכע אין רוסלאַנד, ווען אידישע זין און טעכטער, פול מיט ברויזנדיקן כוח, מיט אַ דראַנג צו אַרבעטן און שאַפן און בויען, איז אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג, ווייל שטודירן האָט מען איר ניט געלאָזט, זיך לערנען אַ רעכטע מלאכה האָט מען איר ניט דערלויבט, אַרויספאָרן פון תחום האָט זי ניט געטאָרט, און אין די אָרימע שטעט און שטעט־לעך וואָס צו טאָן איז ניט געווען. געוויס האָט זי געדאַרפט „צום וואַקסן געזינטערע זאַפט".

און זשיטלאָווסקי אַליין — ער טרעט דאָ אויף ווי אַ מליץ־יושר פאַר אידן.

אָבער זשיטלאָווסקי איז קיין פּאָעט ניט געוואָרן. ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין טאַלאַנט און מיט וועמען זיך מיישב צו זיין, דערציילט ער, איז ניט געווען.

די הויפּט סיבה פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט דיכטן לידער איז געווען, שרייבט ער, דאָס וואָס ער האָט אין זיך אַנטדעקט אַ טאַלאַנט מער צו טעאָרעטיזירן איידער צו פּאָעטיזירן. ער האָט גע־פונען אין זיך „אַ שטאַרקע נטיה צו אַן אייגענעם טעאָרעטישן שאַפן". ביז ער האָט סוף־כל־סוף אַוועקגעלייגט די לירע און משלח געווען די מוזע.

און אַזוי איז זשיטלאָווסקי'ס קאַריערע ביי אידן אַוועק ניט אַלס דיכטער, נאָר אַלס טעאָרעטיקער, דענקער, וויסנשאַפטסמאַן, פי־לאָזאָף.

און עס בלייבט אַן אינטערעסאַנטע פראַגע, וואָס וועט שוין ליידער קיינמאָל ניט פאַרענטפערט ווערן: וואָס וואָלט געווען ווען זשיטלאָווסקי וואָלט טאַקע געבליבן אַ פּאָעט? ווי אַ פּאָעט, זעען מיר פון זיינע איבערגעבליבענע פּרואוון, איז ער געווען „גוט צו

אידן״. ווי אַ טעאָרעטיקער איז ער געווען בייז צו אידן. ווי אַ פּאָעט האָט ער געזען אידישעליידן, געזען ווי עס פעלט זיי זאַפט צום וואַקסן ; ווי אַ טעאָרעטיקער האָט ער זיי געזען ווי פּאַראַזיטן, וואָס זויגן און זויפן פרעמדן זאַפט. ווער ווייס וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן דורכדעם וואָס ער איז געוואָרן אויס האַרץ־מענש און איז געוואָרן קאָפּמענש . . .

זשיטלאָווסקי האָט פאַרלאָזט די מוזע, מ׳קען אפשר זאָגן אַז ער איז איר אומגעטריי געוואָרן, אָבער די מוזע איז אים ניט אומגעטריי געוואָרן. ווייניקסטנס אַביסל. און פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך באַווייזן צו אים און אים שענקען איר גנאָד.

אַזוי ווייסן מיר, אַז זי האָט אים איינמאָל געשענקט אַ ליד, וואָס איז אַ באמת געראָטן פּאָעטיש קינד. און עס איז טאַקע געוואָרן כמעט אַ פאָלקס־ליד. עס גייט אַזוי :

שוין נישטאָ דער נעכטן,
נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
ס׳איז געבליבן אַ שטיקעלע היינט —
שטערט אים נישט מיט זאָרגן.
טראַ־לאַ־לאַ . . .

כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל,
כל־זמן איר זייט ביים לעבן ;
אם ירצה השם אויף יענער וועלט,
וועט מען אייך גאָר ניט געבן.
טראַ־לאַ־לאַ . . .

דאָס איז אַ פילאָזאָפיש־פּאָעטישער געזאַנג, וואָס דריקט אויס, אויף אַ שיינעם אופן, דעם צער פון דעם יחיד. ס׳איז פול מיט אַ פּעסימיזם וואָס וויל פון זיך גופא אַרויסקוועטשן אַביסל אָפּטימיזם. ס׳איז אַ מין „נאכל ונשתה כי מחר נמות״ . . . און „נמות״ טאַקע אויף אַן אמת, אָן גאַרבּיט אויף יענער וועלט . . .

ס׳איז, ווי געזאָגט, אַ יחידיש ליד, אַן אוניווערזאַל־יחידיש ליד.

און אויף איינעם פון אירע זעלטענע באַזוכן האָט אים די מוזע, שוין אויף די גאָר עלטערע יאָרן, מזכה געווען אפילו מיט אַ נאַציאָ־נאַל ליד. אַ אידיש־נאַציאָנאַל ליד, פאַרשטייט זיך.

נאַציאָנאַלע לידער ווערן געשאַפן דאָס רוב אין צייטן פון נאַ־ציאָנאַלע קריזיסן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען אין דעם פאַל. געשען איז עס נאָכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. שווערע וואָלקנס האָבן זיך גענומען פאַרציען איבער אידישע קעפּ.

אידן, אידישע פירער, שרייבער, דענקער און פּאָעטן האָבן דעמאָלט גענומען אַ סך טראַכטן און זאָרגן און חקירה׳ן און שרייבן וועגן דעם אידישן גורל צווישן די פעלקער בכלל און אונטער היטלער׳ן בפרט. דר. זשילאָווסקי אויך. ס׳איז געווען אַ גרויסע צעטרייסלונג פון דער נאַציאָנאַלער נשמה.

אין יענער צייט, „על משכבי בלילות״, האָט זיך עס די מוזע נאָכאַמאָל באַוויזן צו זשיטלאָווסקי׳ן און האָט אים, און אונז דורך אים, געשענקט דאָס נאַציאָנאַלע ליד.

דר. זשיטלאָווסקי׳ס הויפּט אייגנשאַפט אַלס טעאָרעטיקער און דענקער איז געווען אַ גוואַלטיקע רואיקייט פון געמיט, אַ דורכלויכ־טיקייט פון גייסט. יעדנפאַלס צו אַזאַ קילער דורכלויכטיקייט האָט ער מיט אַלע כוחות געשטרעבט. ער האָט זי זאָרגפעלטיק קולטי־ווירט, כדי צו דערגרייכן יענע אָביעקטיווקייט וואָס פאָדערט זיך פון דעם אמת׳ן דענקער און טעאָרעטיקער. און ערשט אין שטירמישע צייטן, האָט ער געוואוסט, איז די אָביעקטיווע רואיקייט רעכט נויטיק, כ׳מיין אין שטירמישע צייטן פאַר אידן, כדי צו קענען געפינען דעם אמת׳ן אמת און בלייבן גערעכט. בלייבן „גערעכט אפילו צום שונא״. דוקא צום שונא. וואָרים זיין גערעכט צו פריינט, צו די אייגענע, איז דאָך קיין קונץ ניט. דאָ קען מען גאָר גרינג אַריינפאַלן אין פּאַרטייאישקייט.

און אַזוי האָט דר. זשיטלאָווסקי אין יענער צייט נאָך היטלער׳ס אָנקומען געשריבן וועגן דעם אידישן פּראָבלעם אין דייטשלאַנד.

נאָר ליידער איז דער אידישער מזל געווען אַזאַ, אַז אין אַלע אַזעלכע זוכונגען האָט זשיטלאָווסקי געפונען, אַ שולדיק אין אונזערע צרות איז קיינער, נאָר מיר אַליין.

און אַזוי האָבן מיר פאַרשפּילט אויך קעגן היטלער׳ן.

צווישן די סך אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן וועגן דער היטלער־פראַגע איז דאָ איינער וואָס הייסט: „אידן, אידיש פאָלק און אַנטיסעמיטיזם״. דער קורצער סך־הכל פון יענעם אַרטיקל איז — דער אַלטער סך־הכל: מיר זיינען אַ פּאַראַזיטן־פאָלק.

און דאָרט, אין יענעם אַרטיקל, אונטער דעם שטורם און דראַנג צו זיין רואיק־אָביעקטיוו, האָט זיך אין אים גראָד אויפגעוועקט די אַלטע פּאָעטישע קראַפט און ער האָט אונז געגעבן זיין נאַציאָנאַלן געזאַנג. און מיר געפינען דאָ זשיטלאָווסקי׳ן אין גאָר אַ זעלטענעם מאָמענט, וואו ער איז טעאָרעטיקער און פּאָעט אין איינעם.ביידע טאַלאַנטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ גליקלעכער פאַר׳קנס׳ונג.

און דאָס נאַציאָנאַלע ליד וועגן דעם אידישן פאָלק גייט לאמר, אַזוי צו זאָגן:

„ניט עס אַקערט, ניט עס זייט,
ניט עס פיטערט, ניט עס נייט,
ניט עס האַמערט, ניט עס שפינט,
און גאָט צו דאַנקען, עס פאַרדינט".

דאָס איז ממש אַ מייסטער־ליד. אין פיר קורצע שורות איז דאָ אַריינגעדריקט דער תמצית פון הונדערטער אַרטיקלען וואָס זשיט־לאָווסקי האָט געשריבן וועגן דעם „מהות" פון אידישן פאָלק. דאָ איז פאָרגעקומען אַ זעלטענע פאַרשמעלצונג פון דיכטער און דענקער: אַזאַ ברייטע און טיפע טעאָריע, איבערגעגעבן אַזוי קורץ, אַזוי פשוט און אַזוי פּרעציז אין פאָעטישער פאָרם . . .

ס'איז אַ נאַציאָנאַלער געזאַנג וואָס איז ראוי צו פאַרנעמען אַן אָרט אין איין שורה מיט הלוי'ס „ציון הלא תשאלי" און ביאַליק'ס „שחיטה שטאָט". נאָך מער:

אויב זשיטלאָווסקי איז גערעכט; אויב מיר זיינען טאַקע פּאַ־ראַזיטן; אויב מיר זיינען טאַקע אַ פאָלק וואָס וויל ניט אַרבעטן, דעמאָלט איז זשיטלאָווסקי'ס ליד ערשט דאָס אמת'ע נאַציאָנאַלע ליד אונזערס, אמת'ער און דערפאַר העכער ווי „ציון הלא תשאלי" און די „שחיטה־שטאָט".

און ס'איז אַ גרויסער חידוש וואָס מ'האָט עס איבערגעלאָזט זיך וואַלגערן אין אַלטע צייטונגען און מ'האָט עס ניט אַריינגענומען אין די לערן־ביכלעך פון יענע קינדער־שולן, פון וועלכע זשיטלאָווסקי איז אָנגענומען אַלס דער „פאָטער". ס'איז אַ חידוש און אַן עולה און די עולה דאַרף גוט געמאַכט ווערן. ס'איז אַ חוב וואָס קומט זשיט־לאָווסקי'ן ער זאָל אַזוי געערט ווערן דורך זיין גייסטיקן קינד, אין דער אינסטיטוציע וואו עס רוט זיין גייסט. זאָלן אידישע קינדער לערנען דאָס ליד אויף אויסנווייניק. זאָלן זיי קענען זייער פאָלק.

דאָס ליד לאָזט זיך לערנען אויף אַ סך אופנים, מיט „געזענגע, טענצע און מערשע", און אויך ווי אַ רעטעניש. דער לערער קען פרעגן די אידישע קינדער אַ רעטעניש אַזוי: קינדערלעך, טרעפט, וואָס איז דאָס:

„ניט עס אַקערט, ניט עס זייט,
ניט עס פיטערט, ניט עס נייט,
ניט עס האַמערט, ניט עס שפינט,
און גאָט צו דאַנקען, עס פאַרדינט"?

און קלוגע אידישע קינדערלעך, די משה'לעך און די שלמה'לעך, וועלן פאַרקנייטשן די שטערנדלעך, און טראַכטן און טראַכטן, און וועלן טרעפן:

ס'איז דאָס אידישע פאָלק!

געטראָפן! — וועט זאָגן דער לערער און אויפן פנים וועט אים שיינען אַ גרויסע גדולה...

ס'איז נאָר אַ פּאַרדראָס וואָס דאָס ליד איז ניט אינגאַנצן אָרי־גינעל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נאַציאָנאַלן ליד.

יעדער איינער וועט גרינג דערקענען אַז דאָס ליד איז אַ נאָכ־מאַכונג פון דעם באַרימטן ליד

און דו אַקערסט און דו זייסט
און דו פיטערסט און דו נייסט

אַ ליד וואָס איז געשאַפן געוואָרן דעם אַרבעטערמאַן צו כבוד.

די פאָרם און ריטם פון אָט דעם ליד האָט עס זשיטלאָווסקי איבער־גענומען און דעם אינהאַלט איבערגעקרימט פון אידנס־וועגן צו — חרפה...

2.

ניט ווי אַ דיכטער, נאָר ווי אַ געלערטער און דענקער האָט זשיטלאָווסקי זיך קונה שם געווען אין יענער סביבה אונזערער, אויף וועלכער ער האָט משפיע געווען. ווי אַ געלערטער, דענקער, טעאָ־רעטיקער, סאָציאָלער פאָרשער, און אפילו גאון.

עס זעט אָבער אויס אַז די מוזע פון פּאָעזיע האָט אים שטענדיק געהאַלטן פאַר איריקן און אים געמאָנט פאַר זיך. די גריכישע גע־טער און געטינס זיינען, ווי באַוואוסט, אייפערזיכטיקע און אַפּנים אַז די געטין פון פּאָעזיע האָט אים קיינמאָל ניט מוחל געווען וואָס ער איז איר געוואָרן אומגעטריי און איז אַוועק צו אַנדערע מוזעס. און זי פלעגט אים אָפּטמאָל אָפּטאָן טשיקאַווע שפּיצלעך. אין די אייזער־נע רעדער פון דער אייזערנער לאָגיק פלעגט זי אים אָפּט אַריינשיטן דעם גאָלדענעם זאַמד פון פּאָעזיע, און וואָס פּאַסירט ווען צווישן די רעדער פון אַ מאַשין פאַלט אַריין זאַמד?

פון דעם גאָלדיקן זאַמד פון פּאָעזיע אין זיין לאָגישער מאַשין איז דער פועל יוצא געווען, אַז זשיטלאָווסקי פלעגט אָפּט זען וויזיעס דאָרט וואו ער האָט געדאַרפט זען פאַקטן. לאָמיר עס באַטראַכטן גענויער.

דער ערשטער יסוד פון וויסנשאַפט און פון יעדן ערנסטן פאָרשן איז די דעפיניציע. די קלאָרע, פעסטע און זיכערע באַשרייבונג פון די זאַכן, וועגן וועלכע ס'גייט די רייד. אָן פעסטע דעפיניציעס קען

מען בלאָנדזשען און פאַרווירט ווערן אין דעם געפּאָרשטן ענין. אַ העלפט פון דער לאָגישער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור וואָס מיר פאַרמאָגן געהערט צו דער וויסנשאַפט פון וויסן און פון קאָרעקטן דענקען.

קלערער גערעדט: ווען מיר קומען, למשל, וויסנשאַפטלעך צו ריידן וועגן אַ גאַנז, דאַרפן מיר גענוי באַצייכענען די אייגנשאַפטן פון אַ גאַנז, און עס מוז פון אָנהויב ביזן סוף פון דעם שמועס אָדער חקירה זיין אַ גאַנז. אָבער ווען איינער זאָגט מיר אַז ער האָט אַ גאַנז און ער פירט גאָר אַרויס אַן אינדיק און רעדט דערפון ווי פון אַ הון וואָס קרייט, איז עס וואָס איר ווילט אין דער וועלט, נאָר ניט קיין וויסנשאַפט.

און זשיטלאָווסקי, אין איין אָרט, זאָגט עדות וועגן זיך אַליין אין דעם פּרט און ער דערקלערט:

„מיין אויג האָט זיך ביסלעכווייז איינגעוואוינט צו זען דעם חילוק צווישן אַ וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלטן פאַקט און אַ מער אָדער ווייניקער וואַרשיינלעכער סברה. איך גלויב, אַז איך בין מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיקל מבין, פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם אמת׳ן וויסנשאַפטלעכן מעטאַל און דעם געמיש פון סברות מיט ברעק־לעך פאַקטן, וואָס איז אָפּגעלאַקירט אין אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרם. דאָס האָט מיר שפּעטער געהאָלפן פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם אַזוי אָנגערופענעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם״, ווי אין דעם מאַרק־סיזם בכלל״ (זכרונות, ב. 2, ז. 140—141).

האַלטנדיק דאָס אַלץ אין געדאַנק ווי אַ דעפיניציע אָדער יסוד פאַר אונזער אייגענעם איצטיקן שמועס, לאָמיר צוגיין צו דער גרויסער לעבנס־טעמע פון זשיטלאָווסקי׳ס פאָרשן און דענקען — אידן און אידישער פּאַראַזיטיזם.

קודם־כל זיין הנחה פון פּאַראַזיטיזם. פאַרוואָס האָט זשיטלאָוו־סקי באַטראַכט אידן פאַר פּאַראַזיטן? צוליב דעם „הענדלערישן כאַ־ראַקטער פון אידישן פאָלק״. „איך בין אַ סאָציאַליסט — שרייבט ער („זכרונות״, ב. 3, ז. 134) — אַ פרייער פון אַלע מאַרקסיסטישע געשיכטס־פילאָזאָפישע פשט׳לעך און דריידלעך. אַ סאָציאַליסט קען אָנערקענען נאָר איין איינציקן קוואַל פאַר אַ מענשלעכער חיונה: די אייגענע פּראָדוקטיווע אַרבעט . . . יעדער אַנדער באַשעפטיקונג וואָס לעבט אויפן חשבון פון די פּראָדוצירער, איז פון אַ סאָציאַליס־טישן שטאַנדפּונקט ניט קיין אַנדער זאַך ווי גניבה און גזילה — מעג די „פילאָזאָפיע״ דערקלערן אונז, לויט איר האַרצנס־גלוסט, ווי אַזוי די דאָזיקע גניבה און גזילה איז „על פי נאַטור־נויטווענ־דיקייט״ אַרויסגעוואָקסן אין דער געזעלשאַפט״.

ער גייט זיך דאָ שאַרף פאַנאַנדער מיט די „אַסימילאַטאָרן, די בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן און אפילו די סאָציאַליסטן פון מאַרק־סיסטישן חדר וואָס האָבן גאָרנישט ניט אַנטקעגן אָט די באַשעפטי־קונגען, און פיל פון זיי באַטראַכטן עס גאָר פאַר אַ שיינדל. אַ שפּאָס אַביסל דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל און די גרויסע ראָלע זיינע פאַר דעם מענשלעכן פּראָגרעס!" (דאָרט, ז. 133).

לערנען מיר דאָ ביי זשיטלאָווסקי'ן אַז נאָר לויט זיין אייגענעם סאָציאַליזם איז האַנדל און פּראָפעסיאָנעלעריי פשוט'ע גניבה און גזילה. לויט דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם איז עס גראַד, אדרבא, אַ שיינדל.

גייען מיר איבער צו אַן אַנדער אַרבעט זשיטלאָווסקי'ס און מיר לייענען דאָרט אַזוי:

„דאָס אידישע פאָלק לעבט אומעטום — אַ חוץ ראַטנלאַנד — ווי אַ שטאַטישער הענדלער־פאָלק. איר וועט ניט געפינען קיין איין סאָציאַליסטישע ריכטונג אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַ גוט וואָרט פאַר אַזאַ לעבן פון אַ גאַנצן פאָלק. דער סאָציאַליזם האַסט דעם האַנדל. דער עיקר דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם — מער איידער אַלע" („וועקער", נאָוו. 20, 1937).

בלייבן מיר דאָ שטיין געפּלעפט: וואָס איז די שטעלונג פון דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם צו האַנדל — פאַר אָדער קעגן? עס גייט דאָ די רייד וועגן אַ פאַקט, וועגן דער באַשרייבונג פון אַ פאַקט. און וועגן דעמזעלבן פאַקט גיט אונז דערזעלבער זשיטלאָווסקי צוויי באַריכטן וואָס זיינען סותר איינער דעם אַנדערן.

שטעלן מיר זיך פאָר אַ מענשן וואָס קומט אַראָפּ פון דער לבנה אויף אונזער זינדיקער ערד, און ער וויל וויסן די שטעלונג פון דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם צו האַנדל, און ער ווייס ניט פון קיין אַנדער קוואַל באַלערנט צו ווערן וועגן דעם ווי זשיטלאָווסקי'ס ווערק — וואָס וועט ער זיך פון זיי דערוויסן?

איינמאָל איין זאַך, דאָס אַנדערע מאָל דעם היפּך.

און זאָל די דאָזיקע סתירה ניט קליין זיין אין דיינע אויגן, חשוב'ער לעזער. ס'איז אַ גרויסער ענין. אויף דעמדאָזיקן פּונקט האָט זשיטלאָווסקי אָנגעשפּאַרט זיין גאַנצע לערע וועגן אידן. אויפ'ן סמך דערפון, מיט'ן כוח און אין נאָמען פון סאָציאַליזם, האָט ער זיך געפּילט באַרעכטיקט צו רופן אידן אַ פּאַראַזיטן־פאָלק. דאָס איז געווען דאָס אַרכימעדישע פּינטל אויף וועלכן ער האָט זיך געשטעלט דרויסן פון אונזער וועלט כדי צו דרייען אונזער וועלט, און האָט אונז פּופּציק יאָר נאָכאַנאַנד געדרייט אַ מוח...

דאָס איז וועגן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

ניט בעסער איז עס מיטן שטאַנדפּונקט וואָס וואַקסט אַרויס פון זשיטלאָווסקי'ס אייגענעם, אַנטי־מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

לויט דעמדאָזיקן סאָציאַליזם קומט אויס, ווי מיר האָבן געזען, אַז דער מיטלשטאַנד לעבט פון גניבה און גזילה. זשיטלאָווסקי רעדט פון זיין „שאַרף־נעגאַטיווער שטעלונג" צו האַנדל און פּראָפעסיאָ־נעלעריי, און צום אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, און ער מאַכט חוזק פון יענע סאָציאַליסטן וואָס האַלטן אַז זיי האָבן „געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם מענשלעכן פּראָגרעס". איבערהויפּט איז דער חוזק גרויס ווען ער באַרירט דעם אידישן טייל אין דעמדאָזיקן צווייג. „אַ שפּאַס אַביסל דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל — שרייבט ער (דאָרט) — פאַר אים אַליין קומט אונז דאָס טעלערל פון הימל. נאָר די שונאים אונזערע פאַרגינען אונז ניט אונזערע כשר־פאַרדינטע פּריי־ווילעגירטע פּאָזיציעס אין דעם האַנדל, קאַפּיטאַליסטישער אינ־דוסטריע און די ליבעראַלע פּראָפעסיעס".

נאָר אַ גאַנץ פאַרקערטן פּזמון וועגן דעם מיטלשטאַנד געפינען מיר אין אַן אַנדער אַרבעט ביי אים:

„אונזער גאַנצן פּראָגרעס, אונזער גאַנצע מאָדערנע ציוויליזאַציע, מיט אַלע פרייהייטן און עמאַנסיפּאַציעס וואָס זיי האָבן אונז געבראַכט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער אויסבילדונג און דער אויפוואַכונג פון דעם מיטלשטאַנד אין די מערב־אייראָפּעאישע שטעט". („טאָג", נאָוו. 14, 1937).

ווידער אַ סתירה! אַ סתירה אין דער דעפיניציע פון דעם סאַמע קאַרדינאַלן פּונקט: אין איין אָרט איז עס גניבה און גזילה, און אין אַ צווייטן אָרט איז עס די גאַנצע ציוויליזאַציע און פּראָגרעס.

ניט קיין שלעכטער גנב און גזלן, נאָך אַלעמען, איז דער־דאָזיקער מיטלשטאַנד: גנב'עט געלט און צאָלט אָפּ מיט פּראָגרעס, גזל'ט יענעמס פּראַצע און באַלוינט אים מיט פרייהייט און יושר...

נאָר וויבאַלד דער מיטלשטאַנד איז דער מחבר פון גאָר דאָס גוטע אין דער וועלט; און וויבאַלד דאָס אידישע פאָלק איז גאָלער מיטלשטאַנד — אפשר ברענגען אידן אויך עפּעס נוצן דער מענש־הייט?

דאָס וועט איר ביי זשיטלאָווסקי'ן בשום אופן ניט פועל'ן.

„מיר אידן — שרייבט ער — זיינען, ווי אַ פאָלק, איינס פון די אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער, אי אין פּרט פון וועלטלעכקייט, אי אין פּרט פון פּראָגרעס" („טאָג", אַפּריל 30, 1939).

נאָר וועגן די אידן וועלן מיר נאָך ריידן. דער עיקר האָב איך דאָ געוואָלט פעסטשטעלן זיין גרונט־הנחה וועגן אידישן פּאַראַזיטיזם, אַ הנחה וואָס ער האָט געזען פאַרוואָרצלט אין דער סאָציאַליסטישער

לערע. נאָר פון די געבראַכטע ציטאַטן, וועלכע קענען פאַרמערט ווערן וויפיל מ׳וויל פון זיינע ווערק, זעען מיר, אַז זיין הנחה האָלט ניט אויס די מינדסטע וויסנשאַפטלעכע דיסציפלין. וואָרים אַן ער־שטער גרונטזאַץ פון דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנקענגאַנג איז, אַז אַ זאַך קען ניט זיין זי אַליין און איר היפך אין דער אייגענער צייט.

אין אַנדערע ווערטער, זשיטלאָווסקי איז געווען צעפלאָנטערט אין דער פראַגע צי לויטן סאָציאַליזם זיינען אידן אַ פּאַראַזיטן־פאָלק, אפילו ווען מ׳נעמט אָן אַז דאָס אידישע פאָלק מוז ניט אַנדערש ווי געשטעלט ווערן אונטערן משפט פון דעם סאָציאַליזם. דאָס איז העכסטנס געווען די אַנשויאונג נאָר פון זיין אייגענעם סאָציאַליזם. און אפילו דאָ האָט ער זיך סותר געווען.

נאָר יעדנפאַלס, שיין געמאַכט אין די אויגן פון דעם סאָציאַליזם האָט ער אונז ניט...

נעמען מיר איצטער זשיטלאָווסקי׳ס דעפיניציע, אַזוי צו זאָגן, פון דעם אידן גופא, כ׳מיין זיין באַשרייבונג פון דעם „עקאָנאָמישן אידן״. מיר ווייסן גוט דידאָזיקע דעפיניציע: דער איד איז אַ פּאַראַזיט.

פונדעסטוועגן געפינען מיר ביי אים ווייניקסטנס איין פאַל וואו ער איז בפירוש אַרויסגעגאַנגען קעמפן קעגן דעם געדאַנק אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן. געשען איז עס, אמת, דורכן חסד פון אַ גוי, אָבער ס׳איז געשען.

איך האָב עס אַרויסגעבראַכט מער אויספירלעך אין מיין ביכל „אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי״, נאָר דאָ וויל איך עס דערמאָנען בקיצור.

דער גוי איז אַ רוסישער עקאָנאָמיסט מיטן נאָמען סובאָטין. סובאָטין האָט אַרום סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט אויסגעפאָרשט דעם אידישן תחום המושב אין רוסלאַנד און האָט געפונען, אַז די אידן אין דעם תחום זיינען אַ האָרעפּאַשנע מאַסע וואָס ווערט שווידער־לעך עקספּלואַטירט, אַזוי וויט, אַז די אַזוי גערופענע „אידישע עקס־פּלואַטאַציע״ איז לגמרי גאָרנישט אַנטקעגן דער עקספּלואַטאַציע וואָס ווערט אַנגעפירט אויף די אידן. פאַרשטייט זיך, דורך די גוים, אָדער לטובת די גוים.

דאָסדאָזיקע ווערק סובאָטינ׳ס האָט זשיטלאָווסקי, אין זיינע ערשטע אַגיטאַציע־יאָרן, אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב און איז אַרויס־געגאַנגען פאָכען דערמיט אונטער די נעזער פון אידישע פריינט און פיינט, און ער האָט געפרעגט:

ווי אַזוי האָט מען עס דאָס אַלץ פאַרזען און פאַרקוקט? דאָס אידישע פאָלק, אָט דער גאַנצער אידישער פּראָלעטאַריאַט — ווי

אַזוי איז ער דאָס פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט פון דער אידישער פראַגע „און האָט געמוזט ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט אַנט־דעקט ווערן פון אַ רוסישן פאַרשער"?

געהאַנדלט האָט זיך דאָ, נאַטירלעך, וועגן די רוסישע אידן, אין יענער צייט דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין דער וועלט, אַן ערך אַ העלפט פון גאַנצן אידישן פאָלק. און מיר האָבן דאָ זשיטלאָווסקי'ס ערשטע דעפיניציע פון דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס פון רוסישן אידנטום. דאָס איז אַ סטאַטוס פון אַ פּראָלעטאַרישן, שווער עקספּלואַטירטן פאָלק.

ער רופט דאָ אפילו אָן רכילות די באַשולדיקונגען „וועגן אונזער עקל צו פיזישער אַרבייט, וועגן דעם פּאַראַזיטישן לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק" (ב. 6, ז. 53).

אַלץ איז שיין און פיין.

נאָר יאָרן שפּעטער טרעט אַריין אַ שאַרפע ענדערונג אין זיין טאָן וועגן די רוסישע אידן. ער פאַרגעסט אַז ער האָט אַליין באַצייכנט ווי רכילות די באַשולדיקונג אַז אידן פאַראַכטן פיזישע אַר־בעט און ער הויבט אָן אַליין צו ריידן וועגן אידישן עקל צו לוין אַרבעט, און ער שרייבט שוין, אַז „אין רוסלאַנד האָט זיך דער איד געמוזט נעמען צו דער אַרבעט, ווייל מען לאָזט אים ניט האַנדלען, און ווייל רוסלאַנד'ס קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג איז נאָך צו יונג, אַז פון איר זאָלן קענען לעבן נאָך אַ פינף־זעקס מיליאָן מענשן" — די צאָל רוסישע אידן. אָבער, זאָגט ער, זאָל נאָר רוסלאַנד אַוועקגיין אויפן וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און אידן זאָלן צוגעלאָזט ווערן צום האַנדל, דעמאָלט וועט קיין קראַפט זיי ניט איינ־האַלטן ביי דער מאַשין און אין וואַרשטאַט (ב. 6, ז. 230).

דאָס איז שוין ניט אַזוי „שיין און פיין", נאָר על כל פנים האָבן מיר דאָ נאָך אַלץ דעם פאַקט אַז די פינף־זעקס מיליאָן אידן האָבן געלעבט פון אַרבעט, ניט פון האַנדל, ווייניקסטנס דער עיקר פון אַר־בעט. טאַקע על פי הכרח, אָבער פאָרט געלעבט מיגיע כפים.

גייען ווידער אַוועק יאָרן. פערציק יאָר נאָך דער ערשטער באַשרייבונג, צוואַנציק יאָר נאָך דער צווייטער. זשיטלאָווסקי שרייבט זיינע דעראינערונגען, פירט זיין בליק איבער די פאַרגאַנגענע צייטן און באַשרייבט ווידער דעם מצב פון די רוסישע אידן, אַ דריטן מאָל. און די דריטע באַשרייבונג מעקט אינגאַנצן אָפּ די ערשטע צוויי. גאָר אַן אַנדער רוסיש אידנטום טרעט אַרויס פאַר אונזערע אויגן.

איצט לאָד איך איין דעם לעזער צו אַ לענגערער שטעל פון זשיטלאָווסקי'ס אַן אַרטיקל וועגן דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס פון די אידן אין רוסלאַנד. די שטעל וואָס איך ברענג דאָ איז דער גרע־

סערער טייל פון אַ קאַפּיטל אין זיינע „זכרונות”. דער קאַפּיטל הייסט: „אין אַ אידישער מדינה”, און איז געשריבן געוואָרן אַרום יאָר 1935. דאָ באַשרייבט זשיטלאָווסקי ווי ער געדענקט, אויף דער עלטער אין ניו־יאָרק, רוסלאַנד, וויניקסטנס יענעם טייל רוסלאַנד וואו ער האָט אָפּגעלעבט זיין קינדהייט און יוגנט, רייסן, בילאָ־רוס.

אין דעם נאָמען אַליין, „אין אַ אידישער מדינה”, ווערט שוין גענוג געזאָגט. נאָר אינווייניק, אין דעם גוף פון דעם אַרטיקל, ווערט געזאָגט אַזוינס וואָס פּאַראַליזירט דעם מוח פון איבעראַשונג.

עס האָט אויסגעזען, דערציילט ער אונז, אַזוי ווי „דאָס לאַנד האָט אַמאָל, אַמאָל געהערט צו דעם גוי, אָבער מיר, אידן, האָבן עס, ווי דאָס פּאַסירט אָפּט אין דער געשיכטע, איינגענומען מיט אונזער ביקס און שווערד און זיינען געוואָרן, ווי דאָס איז נאַטירלעך אין אַזוינע פאַלן, דאָס הערשנדיקע פאָלק, אויב ניט אין פּאָליטישן פּרט, איז לכל הפחות אין דעם עקאָנאָמישן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן”.

וואו זיינען אַהינגעקומען די האָרעפּאַשנע אידישע מאַסן? וואָס איז געוואָרן מיט דער גוואַלדיקער אידישער עקספּלואַטאַציע און דער „אין לשער וואָלוועלער אידישער אַרבעט”?

ווידער „פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט פון דער אידישער פראַגע”!

פאַרשוואונדן איז אויך די דעפיניציע, די פּאַקטישע, וויסנ־שאַפטלעכע באַשרייבונג פון דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס פון פינף־זעקס מיליאָן אידן, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אונז געגעבן פריער, און אויף וועלכער ער איז אַזוי קרעפטיק באַשטאַנען אין זיין „אַ איד צו אידן”.

פון דער גאַנז איז פלוצלונג געוואָרן אַ קאָטער וואָס קרייט . . .

לאָמיר זיך באַקענען נעענטער מיט די פּרטים פון דער אידישער הערשאַפט אין רוסלאַנד. זשיטלאָווסקי דערציילט:

„אין שטוב ביי אונז איז דאָס פאַרשקלאַפטע גויאישע פאָלק געווען פאַר־טראָטן, אויך דאָס ניט אַלעמאָל, אין דער פּערזאָן פון „ניעשצער” דעם דוואָרניק — אַן אַנדערש מאָל האָט ער געהייסן אַנדערש — וואָס האָט געקערט אונזער הויף און אַרומגעגאַנגען אַרום אונזער פערד אין שטאַל, און פון צייט צו צייט פלעגן זיך באַווייזן ביי אונז: יולקע די וועשערין וואָס פלעגט קומען איינמאָל אַ חודש נעמען וואַשן אונזער וועש...

געוויס, עס זיינען אין אונזער אידישן לאַנד געווען נאָך אַ סך אַנדערע גוים פון אַלערליי מינים, אודאי נאָך מער, איידער אידן; אָבער זיי זיינען באַשיינ־פּערלעך פאַר׳משפט געוואָרן דורך אונזער איבערמאַכט צו דעם, אַז זיי זאָלן אונז דינען, מיר זאָלן ציען פון זיי די יניקה...

עס זיינען געווען אַ סך פּויערים, וואָס האָבן באַדאַרפט האַקן די וועלדער, וועלכע מיין פאָטער און די איבעריקע אידישע וואַלד־סוחרים האָבן געקויפט ביים פּריץ, און טרייבן די פליטן קיין ריגע. באַדאַרפט באַאַרבעטן די ערד, כדי מיין זיידע זאָל קויפן ביי זיי פלאַקס און ליין און זוימען און פאַרקויפן דאָס אין „קאָנטאָר״ אין ריגע. באַדאַרפט זייען קאָרן און ווייץ פאַר אידישע תבואה־הענדלער (אין אונזער משפּחה איז ניט געווען קיין איינער פון זיי) און פאַר מיין פעטער מיכלען פון אושאַצי, כדי ער זאָל אין זיין „ברויז״ טרייבן דערפון בראַנפן און „ספּירעט״; באַדאַרפט טרינקען דעם בראַנפן, כדי אַלע אידישע שענקער זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן; און טאַקע פּשוט באַאַרבעטן אונזער ערד, די ערד אין דעם גרויסן הויף וואָס מיין פעטער מיכל האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אין אַרענדע ביי דעם „גראַף״.

עס זיינען געווען פּריצים, גראַפן און פירשטן פון פּוילישן און רוסישן בלוט. אָבער זייער לעבן האָט געהאַט אַ קלאָרן תכלית און זין: אָפּשליסן קאָנ־טראַקטן מיט אידן. דאָס פלעגן מיר ביי זיי קויפן די וועלדער, נעמען די הויפן און די „מילכיגסן״ און פּאַכט, איינהאַנדלען די פּראָדוקטן פון דער אַגראַר־ווירטשאַפט, און פון זיי ברענגען אינדיקעס אויף פּסח אַהיים.

עס זיינען אויך געווען אַלערליי מינים טשינאָווניקעס און שטאַטס־באַאַמטע, דער דאָרף־שרייבער, וואָס האָט געדאַרפט מאַכן אונזערע „אוסלאָוויעס״ מיט דעם פּויער און פאַרקויפן אים אונז מיט לייב און לעבן פאַר אַ פינף־און־צוואַנציקער מיט אַ בוטל „ראָם״. די „פּריסוטסטוויע״ לייט אין שטאָט, וואָס האָבן געוואַכט, אַז אונזערע קאָנטראַקטן מיט דעם פּריץ זאָלן אָפּגעהיט ווערן, — ער זאָל אונז, חלילה, גאָרנישט ניט צעדרייען, און זאָלן נאָך אונז העלפן, אויב מיר וועלן צעדרייען אים; וואָס האָבן געגעבן חיונה אידישע וואוכערערס, מעקלערס, און סרסורים.

געווען אויך אָפיצירן און גענעראַלן, מיט סאָלדאַטן אין קאַזאַרמעס און גובערנאַטאָרן און „סטאַנציע־נאַטשאַלניקעס״ אויף די אייזנבאַנען, — אַלץ צוליב דעם, מיר זאָלן האָבן, וועמען צוצושטעלן „פּאָדריאַדן״ און ווער עס זאָל אַריבער־פירן אונזערע סחורות וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט ביי דעם פּויער און דעם פּריץ.

אַז די אַלערליי מינים שטאַטס־באַאַמטע האָבן אין די מיינסטע פאַלן געדינט אונז, און ניט „זיי״ קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס גראָד אין די סוף זעכיצער און אין דעם אָנהויב זיבעציקער יאָרן האָבן אַ סך אידן זיך אַ לאָז געטאָן אין אונזער געגנט רואינירן דעם פּריץ, — בפועל ממש רואינירן עד לחרמה, — און די כלומרשט „הערשנדיקע״ מאַכט האָט אַלעמאָל באַשיצט „אונז״ און ניט זיי.

איך קאָנסטאַטיר מיט גרויס באַפרידיקונג, אַז אין אונזער משפּחה — ד. ה. אונזער הויז און אונזערע נאָענטסטע קרובים, — האָט זיך ניט געפונען קיין איינער פון די דאָזיקע בלוט־זויגערס. אָבער אַ מחותן אַזאַ האָבן מיר געהאַט

— אליה האָט מען אים, דאַכט זיך, גערופן פון „מאָנאַסטירשצינע", אַ שטעטל ניט ווייט פון סמאָלענסק... וועגן דעם אליה און זיינע בריהשקייטן אין אויס־זויגן דעם פּריץ פלעגט מען זיך אין אונזער הויז אָנדערציילן מעשיות און מעשיות, נישט חלילה קיין אויסגעטראַכטע, אין גרונט געגומען שרעקלעכע מעשיות, אָבער דערציילט מיט אַזאַ לוסטיקייט, אַז ס'איז גאָר קיין ספק ניט געווען: די סימפּאַטיעס פון דעם דערציילער (און פון די צוהערער) זיינען געווען אויף אליה'ס צד.

דער סוף פון אַזאַ מעשה האָט זיך דערציילט אַזוי:

— ...און אַז ער האָט שוין ביי אים אָוועקגענומען בכל מכל כל, קומט ער, דער פּריץ, צו אים און בעט זיך רחמים: „עליאַ! דאַי־זשע ט'אי מיניע כאָט נאַ פּאַטשקו טאַבאַקו!" און ער קוועטשט מיט די אַקסלען און ענטפערט: „אלי פּאַני אינדיעזש יאַ טעביע וואַזמו? וואט־זשע ראַכונעק".

— ניט געגעבן — פאַרענדיקט דער דערציילער מיט טריאומף.

איך האָב שוין געזאָגט: א ונזער משפחה איז געווען ווייט פון אַזעלכע פּרנסות. אָבער אַלע שבת און יום־טוב פלעגן אויף אונזער לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט, ווערן אויסגעלייגט שווערע זילבערנע גאָפּל און מעסער, און לעפל, און קאַכלעפל, און דעסערט־לעפל, און אַ ברייטער דורכאויס זיל־בערנער פיש־מעסער, און אויף די אַלע שטיק זילבער איז געווען אויסגעקריצט אַ קרוין מיט רוסישע איניציאַלן: „עס דע." דאָס האָט געמאַכט: קניאַז דרוצקי־סאָקאָלניצקי. — די זילבער האָבן מיר געהאַט פון אליה'ן, צו וועמען יענער קניאַז איז אַריינגעפאַלן אין נעץ...

אויף אַזאַ אופן האָבן אידן בהרחבה געצויגן חיונה פון דעם „גוי" (דעם פויער), דעם פּריץ און דעם „טשינאָווניק" און דער עקאָנאָמישער מצב פון דעם אידישן סוחר־שטאַנד האָט געגומען אין אונזער געגנט וואַקסן, אמת, ניט איבעריקס שנעל, אָבער דערפאַר זיכער...

געוויס ניט אַלע פון דעם „הערשנדיקן פאָלק" האָבן געלעבט אין אַזאַ רחבות. עס זיינען געווען אויך אָרימע אידן — „אפשר" מער איידער רייכע. אין אונזער משפחה אַליין איז געווען אַ היפּשע מחנה קבצנים, סיי פון דעם פאָטער'ס סיי פון דער מוטער'ס צד... אַ חוץ זיי זיינען געווען מאַסן „פרעמדע" קבצנים — בעלי מלאכות און פועלים, מלמדים און שמשים, לופט־מענשן און קליינע קרעמערלעך. ניט צו פאַרגעסן די גלאַט שלעפּערס אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט...

ווי ביי יעדן פאָלק, צו יעדער היסטאָרישער צייט, זיינען אויך ביי אונז געווען אָרימע און רייכע: אַ סך קבצנים און ווייניק גבירים. אָבער עס איז נאָך ניט געווען קיין קלאַסן־צעשיידונג, קיין קלאַסן־קעגנזאַץ און קיין קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך ערשט באַוויזן אַ סך שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. מען האָט דעמאָלט גאַנץ געוויס געקאָנט ריידן פון אַ נאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער סאָלידאַריטעט פון דעם גאַנצן פאָלק, ווייל די

גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, — ווייניקסטנס אין אונזער געגנט, — איז באמת געווען איין איינהייטלעכער לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס האָט ווי אַ ספרוט געלעבט אויף דעם גוף פון דעם „אונטעריאָכטן" פאָלק. זיינע סוחרים, פון די קליינע ביז די גרויסע — זיינען געווען די פאַנג־ און זויג־אָרעמס מיט וועלכע דער אידישער אָרגאַניזם האָט אַרומגענומען און אויסגעזויגט די ניט־אידישע באַפעלקערונג, און אַלע אַנדערע שיכטן זיינען אויך עקאָנאָמיש געווען טיילן פון דעם אידישן אָרגאַניזם, וואָס האָבן זיך אין לעצטער ליניע געשפייזט פון דעם אויסגעזויגטן זאַפט"... (זכרונות, ב. 1, זז. 115—125).

עד כאן זשיטלאָווסקי. אַ גרויס, ברייט, כמעט „עפיש" בילד פון אידישן לעבן, אויף אַ ריזיקער קאַנווע אָנגעוואָרפן, מיט שאַרפע, שרייאיקע פאַרבן. די דאָמינירנדיקע פאַרב: רויט. דאָס רויט פון בלוט, רוסישן בלוט. דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו — אַ ספרוט, ד. ה. אַן אָקטאָפּוס, אין דער געשטאַלט פון אַ אידן. אַ איד מיט אַכט שפּיציקע הענט, די נעגל אַריינגעשטאָכן אין דעם מאַכטלאָזן גוף פון רוסישן לאַנד...

און די פּריצים און גראַפן און קניאַזן, וועלכע זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, ווייל די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט זיי פאַרניכטעט — זיי האָבן געפונען אַ אידישן מקונן. זייערע נשמות האָבן געקראָגן אַ תיקון דורך אַ אידישן צדיק. אין זשיטלאָווסקי'ס „יענער וועלט" זיצן זיי אודאי אין גן־עדן, און זייערע אידישע באַדריקער ליידן גיהנום. דעם ערגסטן גיהנום האָט דער מחותן אליה.

אַז די אידן האָבן עפּעס נוצן געבראַכט דעם לאַנד מיט זייערע טעטיקייטן — וועגן דעם איז קיין וואָרט ניטאָ. מיט אַן איינציקן וואָרט ווערט ניט גערעדט אַז זיי האָבן זייער ברויט פאַרדינט. דאָ רעדט זיך נאָר וועגן „אויסזויגן די זאַפט". עפּעס געטאָן לייסטן האָבן אידן ניט. גאָרניט, געגאַנגען און צוגענומען. צוגענומען רוסלאַנד ביי די רוסן. אַזוי ווי אַ שונא מיט אַ שווערד. ווי אַ היישעריק אַראָפּגעגעסן די פּרוכט פון לאַנד.

ווען ניט די אידן, אַך ווען ניט די אידן! דער פּויער וואָלט זיך געהאַט זיינע תבואות, דער פּריץ זיין וואַלד (און זיין פּעקל טאַבאַק), דער קניאַז זיינע זילבערנע לעפל, און נאַטשאַלסטוואָ וואָלט געווען ערלעכע נאַטשאַלסטוואָ. אַלץ — ווען ניט דער גזלן, דער פעטער אליה...

נאָך אַ גליק, וואָס דער פעטער אליה האָט ניט געהאַט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (וואוין־רעכט) און מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזט קיין „פּעיטערבאַרג", אפילו אויף איבערנעכטיקן אַ נאַכט. וואָרים ווען מ'זאָל אים געווען אַריינלאָזן — ווער מיינט איר וואָלט געזעסן אין די צאַרסקע פּאַלאַצן און געטראָגן די רוסישע קרוין:

אַלעקסאַנדער דער דריטער, ניקאָלאַי דער צווייטער? ניין, דער פעטער אליה...

מיט קיין וואָרט ווערט ניט דערמאָנט יענע „גרעלע בילד פון דער ריזיקער פיזישער אַרבעט פון די אידן", וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל אַליין געבראַכט פון סובאָטינ'ס אויספאָרשונג פון דעם תחום־המושב.

אַנשטאָט דעם קריגן מיר גאָר אַ בילד, ווי אַזוי אפילו אונזערע קבצנים און בעטלער האָבן זיך „אין לעצטער ליניע געשפייזט פון דעם אויסגעזויגטן זאַפט". ס'איז געגאַנגען ווי אַ מין חד־גדיא: די אָרימעלייט האָבן געזויגן פון די אידישע סוחרים, די אידישע סוחרים האָבן געזויגן פון די פויערים, פריצים און קניאַזן, במילא האָבן אונזערע אָרימעלייט אויך געזויגן פון די פויערים, גראַפן, און קניאַזן.

אָט דאָס הייסט וויסנשאַפטלעכע לאָגיק! גראַד, אויסגעהאַלטן...

און אַ שפּריכוואָרט זאָגט: יעדער בעל־דרשן דרשנ'ט פאַר זיך. אינטערעסאַנט ווי אַזוי זשיטלאָווסקי מאַטערט זיך צו באַשיצן דעם כבוד פון זיין אייגענער משפחה. זי נעמט ער אַרויס פון דעם כלל. אין זיין משפחה „האָט זיך ניט געפונען קיין איינער פון די־דאָזיקע בלוטזויגערס", דערקלערט ער „מיט גרויס באַפרידיקונג". כאָטש זיין אייגענער טאַטע האָט אויך געהאַנדלט מיט פריצים, וואַלד און געהילץ.

די איינציקע שוואַרצע שאָף אין דער משפחה איז קענטיק געווען דער פעטער אליה און אויף אים גיסט אויס זשיטלאָווסקי כל חמתו.

אָבער די זילבערוואַרג פון דעם קניאַז „דרוצקי־סאָקאָלניצקי", אויף וועמעס טיש האָט מען געגעסן מיט זיי? אויפן טיש פון די זשיטלאָווסקיס...

און דער גנב איז ניט די מויז, נאָר די לאָך.

נון, איז דאָס אַלץ אַ וויסנשאַפטלעכע באַשרייבונג פון דעם מצב פון די אידן אין רוסלאַנד? איז דאָ פאַראַן די דיסציפלין פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, פון אַ געלערנטן, דענקער, סאָציאַלן פאָרשער? שטימט עס מיט דעם וואָס זשיטלאָווסקי אַליין האָט פריער געשריבן וועגן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די רוסישע אידן?

דער סטאַטוס פון די אידן אין רוסלאַנד איז געווען אַ היסטאָרישער פאַקט. ס'איז ניט אַ זאַך וועגן וועלכער מ'קען פראַווען ליטעראַרישע שטיק און זאָגן היינט איין זאַך, מאָרגן אַן אַנדער זאַך.

די דאָזיקע באַשרייבונג זשיטלאָווסקי'ס איז ניט קיין וויסנשאַפט. ס'איז אפילו ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכער רעפּאָרטאַזש. ס'איז פּאָעזיע, אָבער פּאָעזיע ווי פלאַטאָן האָט זי דעפינירט: אויסגעטראַכטער ליגן. ס'איז אַ שפּיצל וואָס די פאַראַטענע מוזע האָט אים אָפּגעטאָן, די מוזע וואָס האָט אים קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט. נאָר דאָסמאָל

האָט זי זיך צו אים באַוויזן ניט ווי אַ אידישקע, אפילו ניט ווי אַ גריכין, נאָר ווי אַ פאַרשייטע קאַצאַפּקע ערשט פון שענק אַרויס . . .

נאָר דאָ בלייבן מיר שטיין פאַר אַ מאָדנער רעטעניש :

פאַר וועמען און צו וועמען האָט ער דאָסדאָזיקע גערעדט און געשריבן ? פאַר רוסישע אידן אין אַמעריקע, פאַר אידן וואָס האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען אַוועק פון רוסלאַנד צוליב דחקות און נויט, צוליב רדיפות און נגישות, פּיין און דערנידערונג, צוליב אויס־נאָם־געזעצן און פּאָגראָמען, צוליב דערשטיקט ווערן אין ענגן תחום, צוליב אַ קאָרופּטער נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָט געצויגן פון זיי די אָדערן, צוליב און צוליב און צוליב — ס'איז דען אויסצורעכענען און איבערדערציילן ?

צום סוף איז געקומען דר. זשיטלאָווסקי און זיי דערציילט אַ מעשה, אַז זיי זיינען גאָר געווען די הערשער פון רוסלאַנד !

אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע זיינען זיי אַנטלאָפן קיין אַמעריקע ? האָט דאָך גאָר רוסלאַנד געדאַרפט אַנטלויפן קיין אַמעריקע . . .

זיי האָבן געהערט ווי מ'האָט זיי דערציילט די באָבע־מעשה, זיי גערופן פּאַראַזיטן און ספּרוטן, און זיי האָבן דערויף נאָך געפּאַטשט בראַוואָ !

וואָס פאַראַ בלענדעניש איז דאָ געווען ? וואָס פאַראַ היפּנאָז האָט ער אויף זיי אויסגענוצט ? וואָס פאַראַ שלאָפטרונק האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשלעפערן זייער מאַרך און זייערע געפילן, זייערע מענשלעך־אידישע געפילן ?

איז עס טאָקע דער כוח פון „פּאָעזיע” אַזוי גרויס ?

נאָר לאָמיר פאַרענדיקן דעם ציקל „רוסישע אידן”.

ווידער זיינען אַוועק יאָרן, עס איז געקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, עס איז אַוועק די הערשאַפט פון די צאַרן און פון די „אידן”, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דעם באָלשעוויזם. און ווידער גיט אונז דר. זשיטלאָווסקי אַן אָפּשאַצונג איבער דער ראָלע פון די אידן אין רוסלאַנד.

ער שרייבט אין איין אָרט אַזוי :

„דערמאָנט זיך וואָס איז פאָרגעקומען אין ראַטנלאַנד, בעת דעם גרויסן סאָ־ציאַלן אומשטורץ און איבערבוי — וועלכעס פון די רוסלענדישע פעלקער האָט, ווי אַ פאָלק, געליטן מער, איידער אַלע פעלקער ? נאָר אונזער הענדלער־פאָלק, און ניט נאָר זיינען אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון אונזער פאָלק, ווי אַ פאָלק, די אומגעהויערסטע יסורים, נאָר אויך די דערנידעריקדניקסטע חרפות און בזיונות. אָ, ווי אונזערע מאַסן האָבן זיך דאָס אין דער ערשטער צייט געקליגט, דורכצוקריכן דורך די פאַרשיידנסטע שפּעלטעלעך אין דעם נייעם רעזשים, אַבי חלילה ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אונזער פּאַראַזיטישער עקזיסטענץ, ווי אַ הענדלער־פאָלק ; און

ווּיפיל אויסטערליש־פּײַן־שפּיציקן שווינדל האָבן מיר דאָס דעמאָלט אַרויסגעבראַכט פון זיך! און מיט וואָס פאַר אַ העלדישען קוראַזש זײַנען מיר דעמאָלט געגאַנגען „על קידוש השם", אונטער די אויגן פון דער אַלץ־זעעוודיקער „טשע־קאַ", כדי צו קאָנען באַ'גנבי'ענען די רעגירונג ... ווי אַ ביין אין האַלז האָבן מיר געשטעקט דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געשטרעבט צו סאָציאַליזם" („וועקער" נאָוועמבער 20, 1937).

קיין סך פּירושים זײַנען דאָ ניט נויטיק.

אָט אַזאַ שיינעם נאָמען האָט אונז זשיטלאָווסקי געמאַכט לגבי רוסלאַנד...

און אַלץ, פאַרשטייט זיך, לויט די בעסטע כללים און שטרענגסטער אויסגעהאַלטנקייט פון אַ געלערטן, דענקער, וויסנשאַפטסמאַן און סאָציאַלן פאָרשער . . .

„דער גרעסטער פאַרברעכן אין אונזער גאַנצער געשיכטע פון גלות"

.1

אין איין אָרט שטעלט זשיטלאָווסקי אויס אַ קלאַגע קעגן אידישן פאָלק — אַ קלאַגע און אַ משפט — וואָס ער רופט אָן: „דער גרעסטער פאַרברעכן אונזערער אין דער גאַנצער צייט פון אונזער גלות־געשיכטע".

דער גרעסטער פאַרברעכן — דאָס קלינגט זייער סענסאַציאָנעל. מעשה מאָרד־געשיכטע. יעדערער וועט זיכער אָנשטעלן מויל און אויערן. איבערהויפט אַזעלכע וואָס האָבן גאָרניט געוואוסט, אָדער האַלטן ניט אַז אידן, ווי אַ כלל, האָבן אין זייער גלות זיך זינדיק געמאַכט אין עפּעס אַ פאַרברעכן. דער אָנגענומענער כלל איז פאַרקערט, אַז אין אונזער גלות־געשיכטע זיינען פאַרברעכנס באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונז, איינער גרעסער און שרעקלעכער פון אַנדערן.

איידער מיר דעקן־אָפּ דעם שלייער פון איבערן שרעקלעכן בילד פון אונזער גרויסן פאַרברעכן, איז כדאי צו באַקוקן די ראַם, אין וועלכער זשיטלאָווסקי האָט דאָס בילד אַריינגעפּאַסט. אַ בילד, כידוע, אַנטפּלעקט זיך אין זיין גאַנצער פּראַכט ערשט ווען עס שטייט אין אַ פּאַסיקער ראַם.

די ראַם איז אַ טעאָריע וואָס זשיטלאָווסקי האָט אָנגעטראָפן ביי דעם רוסיש־אידישן יוריסט גאָלדענווייזער וועגן פאַרברעכן און שטראָף.

די טעאָריע באַציט זיך אויף אינדיווידועלע פאַרברעכער און האַלט, אַז אין תוך זיינען די פאַרבעכער ניט שולדיק. זיי זיינען קרבנות ענטוועדער פון איינגעבאָרענע שוואַכקייטן, אָדער פון דער געזעלשאַפט. בכן איז די שטראָף וואָס די געזעלשאַפט לייגט אַרויף אויף פאַרברעכער אַ ניט־פאַרדינטע שטראָף. און ווי אַ ניט־פאַרדינטע שטראָף איז די שטראָף אַליין אַ פאַרברעכן, וועלכע ווערט מיט דער צייט אויך באַשטראָפט.

און אַזוי באַקומט זיך די פאָרמולע: יעדער פאַרברעכן איז אַ שטראָף און יעדע שטראָף איז אַ פאַרברעכן.

אָן דערדאָזיקער טעאָריע האָט זיך זשיטלאָווסקי אָנגעכאַפּט ווי אָן אַן אבן־טוב און האָט איר געווידמעט אַ סעריע פון דריי אַרטיקלען („טאָג", אָקטאָבער 24 ביז נאָוועמבער 14, 1937). זי איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן ווייל זי האָט אים געגעבן אַ שליסל צו — דער אידישער געשיכטע.

ביי גאָלדענווייזער'ן, ווי געזאָגט, האָט די טעאָריע צו טאָן מיט אינדיווידועלע, דער עיקר קרימינעלע פאַרברעכער. קומט זשיטלאָווסקי און ברייטערט זי אויס אויף געזעלשאַפטלעכע גרופּן, אויף פּאַרטייען, קלאַסן און פעלקער, און ווענדט זי אָן אויפן אידישן פאָלק.

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט, קומט ער צום אויספיר, זיינען ניט געווען און עס זיינען ניטאָ קיין פאַרברעכער, קיין שולדיקע, קיין זינדיקע. „ניטאָ קיין זינדיקע" איז טאַקע דער נאָמען פון דעם דריטן אַרטיקל פון דער סעריע. עס זיינען נאָר געווען שטראָף פאַר פריערדיקע פאַרברעכנס. און יעדע שטראָף איז געוואָרן אַ פאַרברעכן און אַן אויסגאַנג פאַר אַ נייער שטראָף און פאַרברעכן.

ווי לאַנג קען זיך דידאָזיקע קייט ציען? קיינער קען עס, נאַטירלעך, ניט זאָגן. מסתמא ביז משיח'ס צייטן.

זשיטלאָווסקי האָט אָבער געפונען וואו זי האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט עס געפונען אין רוסאָ'ס געדאַנק, אַז דער ערשטער פאַרברעכן האָט זיך אָנגעהויבן פון „יענעם מענשן" וואָס האָט דער ערשטער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אַ שטיק פון דער מוטער ערד און געזאָגט: „דאָס איז מיין" (אגב, נאָך פאַר רוסאָ האָט עס געזאָגט דער מדרש אין שייכות מיט דער מעשה קין און הבל).

דאָס איז געווען דער אָנהויב. בלויז אויף יענעם מענשן קען מען טייטלען מיטן פינגער: אָט דאָס איז אַ פאַרברעכער. פון דעמאָלט אָן אָבער איז קיינער ניט קיין דירעקטער פאַרברעכער אָדער שולדיקער.

זשיטלאָווסקי נעמט דאָן די טעאָריע און ווענדט זי אָן אויף קאָנקרעטע היסטאָרישע ביישפילן. איינער פון די ביישפילן איז — דער היטלעריזם. דער היטלעריזם מיט אַלע זיינע גרויזאַמקייטן איז אַ שטראָף אויף דער געזעלשאַפט. אַ שטראָף פאַר דער זינד פון דעם אומגערעכטן פרידן פון ווערסאַיל.

אָבער דער היטלעריזם פון זיין זייט איז אויך אַ פאַרברעכן וואָס מוז באַקומען זיין שטראָף.

און, אויב נאָך דער שטראָף אויפן היטלעריזם וועלן ניט אָנ־

קומען משיח'ס צייטן און די קייט וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן אין איר פּראָצעס פון וויקלען און וועבן זיך, וועלן די שטראָפער פונם היטלעריזם אויך געשטראָפט ווערן. אַזוי קומט אויס לויט דער גאָלדענווייזער־זשיטלאָווסקישער פאָרמולע.

אָבער קיינער, אין דעם גאַנצן פּראָצעס, איז ניט קיין שולדיקער און ניט קיין אמת'ער פאַרברעכער.

לאָזן מיר די וועלט־געשיכטע אָן אַ זייט און מיר קומען צו דער אָנווענדונג וואָס זשיטלאָווסקי מאַכט פון דער פאָרמולע אויפן אידישן פאָלק.

דאָס אידישע פאָלק איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אויסנאַם פון דעמדאָזיקן וועלט־פּראָצעס. עס איז אויך איינגעוויקלט און אַרומ־גענומען אין דער קייט פון פאַרברעכן און שטראָף, אַזוי ווי לאַאָקאָאָן און זיינע צוויי זין אין די רינגען פון דער שלאַנג.

די אידישע ליידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד, זאָגט אונז זשיט־לאָווסקי, זיינען אַ שטראָף פאַר פאַרברעכנס.

„און אַזוי איז עס אויך מיט אונזער לאַגע אין דייטשלאַנד — שרייבט ער, אין 1937, אין די טעג פון היטלער'ן — צו דעם פאַרברעכן פון דער פאַרהויקערטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראָלע אונזערער האָבן מיר אין דייטשלאַנד, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, נאָך צוגעגעבן דעם דירעקטן פאַרראַט צו אונזערע אינטערעסן ווי אַ פאָלק. אין דער אַסימילאַציע האָבן מיר אָפּגעלייקנט אונזער נאַ־ציאָנאַלע עקזיסטענץ. און די שטראָף דערפאַר איז שוין אַריינגע־טראָטן אין לעבן: אין דייטשלאַנד איז זי שוין דורכגעפירט כמעט ווי אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט" („טאָג", נאָוו 14, 1937).

און אָט דאָס איז די ראָם אין וועלכער זשיטלאָווסקי האָט אַריינ־געזעצט דאָס געמעל פון אונזער גרעסטן פאַרברעכן אין דער גאַנצער געשיכטע אין גלות.

איצט קומען מיר צו צו דעמדאָזיקן פאַרברעכן. געשען איז עס אין פּוילן.

זשיטלאָווסקי שטעלט אויס דעם אָנקלאַגע־אַקט אַזוי:

„אין דרייצנטן און פערצנטן יאָרהונדערט האָבן מיר גענומען איינוואַנדערן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן. ביי דער ערשטער איינ־וואַנדערונג האָט דער דעמאָלדיקער הערשער — איך געדענק שוין ניט ווער" . . .

ער געדענקט ניט ווער, נאָר ער געדענקט גוט דעם פאַקט . . .

„איך געדענק שוין ניט ווער, אפשר אַ באָלעסלאַוו — (האָט) אונז פאָרגעשלאָגן גרויסע שטחים פרייען לאַנד, צו באַזעצן זיך ווי קאָלאָניסטן. מיר האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט. מיר האָבן זיך געבעטן

אין די שטעט און מען האָט אונז צוגעלאָזן אַהין ווי הענדלער, קרעמער און באַלעמעלאָכעס. מען אָט אונז באַגנעדיקט מיט אויסעראָרדנטלעכע פּריווילעגיעס — דער עיקר אונטער קאַזימיר דעם גרויסן, אין דעם פערצנטן יאָרהונדערט. פון די שטעט זיינען טיילן אונזערע אַריבער צו די פּריצים אין זייערע שטעטלעך און דערפער און מיר האָבן אויס־געבילדעט דעם נייעם קלאַס פון קרעטשמער און שענקער". און —

„אָט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ראָלע אונזערע אין שטאָט און דאָרף, אַרויסגעוואַקסן פון אונזער ניט־וועלן באַזעצן זיך ווי ערד־אַר־בעטער אויפן לאַנד, איז געווען דער גרעסטער פאַרברעכן אונזערער אין דער גאַנצער צייט פון אונזער גלות־געשיכטע בכלל און אין פּוילן (שפּעטער אין רוסלאַנד) בפרט" („טאָג", נאָוועמבער 14, 1937).

קלאָר און שאַרף, וואָס קלערער און שאַרפער קען ניט זיין.

דער גרעסטער פאַרברעכן איז עס געווען דערפאַר, וואָס די־דאָזיקע טאַט, אָדער אומטאַט, האָט באַשטימט דעם גאַנצן ווייטער־דיקן גאַנג פון דער אידישער געשיכטע אין פּוילן און אין רוסלאַנד. און אויב דידאָזיקע געשיכטע איז געווען אַזוי פול מיט ליידן און פּיין, איז עס געווען נאָר דער פועל יוצא פון יענעם פאַרברעכן און די שטראָף פאַר יענער היסטאָרישער עבירה.

וואָרים עבירה גוררת עבירה. די אידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון גיין אויפן גערעכטן וועג זיינען זיי אַוועק אויפן אומגערעכטן. אַנשטאָט כשר'ער ערד־אַרבעט האָבן זיי אויסגעקליבן צו זיין הענד־לער, קרעמער, קרעטשמער און שענקער. זיי זיינען געוואָרן דער מיטלשטאַנד פון פּוילן — אין זשיטלאָווסקי'ס אויגן די ערגסטע זאַך. זיי זיינען געוואָרן, שרייבט ער —

„ווי אַן אבר פון דעם פּריצים־שטאַנד... ווי די פאַנג־ און זויג־אָרימס פון אַ ספּרוט, וואָס האָט אַרומגענומען שיר ניט די גאַנצע אַרבעטאָרישע באַפעלקערונג און געזויגן פון איר דאָס בלוט וואָס האָט געדאַרפט שפּייזן און פעט מאַכן דעם קערפּער פון דעם הויפּט עקספּלואַטירנדן קלאַס, דעם פּוילישן אַדל...

„אין די דערפער און שענקלעך האָבן אונזערע שענקער און קרעטשמער פאַר'שיכור'ט דעם פּויער... מיר זיינען געווען די זויג־רערן, דורך וועלכע דער פּוילישער פּריצים־שטאַנד האָט געזויגן דאָס בלוט פון דער פּויערימשאַפט, און מיר זיינען אויך געווען יענע רערן, דורך וועלכע דער אַדל האָט געגאָסן באַטויבנדיקן סם אין דער פּויערימשאַפט, פּאַראַליזירנדיק איר ווידערשטאַנד, דער עיקר אין אוקראַינע".

„ניט דאָס — שרייט ער אויס מיט פּאַטאָס — האָבן אונז גע־

לערנט די תורה און די נביאים מיר זאָלן האַלטן אין אַרענדע די קלויסטערס פון אוקראַינע און פאַר׳שיכור׳ן די פויערימשאַפט מיט אונזער בראָנפן״.

און דאָס אַלץ איז געווען אַ „מאוימד׳יקער פאַרברעכן״.

האָט אַזאַ פאַרברעכן געקענט בלייבן אָן אַ שטראָף?

„האָט די געשיכטע דורכגעפירט אירע שטראָפן אין פוילן. פריער אין כמעלניצקי׳ס און גאָנטאַ׳ס צייטן און איצטער אין דעם פוילישן אַנטיסעמיטיזם מיט זיינע בלוטיקע פאָגראָמען״ (דאָרט).

דער „איצטער״ האָט געמיינט אונזער אייגענע צייט. עס איז געווען דאָס יאָר 1937 ווען זשיטלאָווסקי האָט געבראַכט די קלאַגע, דעם משפט און דעם היסטאָרישן צידוק הדין. בשעת די נאַציס און די פוילישע פאַשיסטן האָבן געקאַטעוועט דעם אידישן גוף און געפּליקט די אידישע נשמה.

פאַרברעכן און שטראָף זיינען דאָ פאָרגעקומען לויט דער גאָלדענ־ווייזערישער פאָרמולע. געטריי צו דערדאָזיקער פאָרמולע דערקלערט אונז זשיטלאָווסקי גלייך אויפן פלאַץ: „מיר זיינען ניט שולדיק דעריך, קיין פאַרברעכער איז ניט שולדיק, ווייל די אומשטענדן צווינגען אים דערצו״ . . .

כאָטש ווער האָט די אידן געצוואונגען דערצו? מ׳האָט זיך דאָך געבעטן ביי זיי ווי ביי גזלנים: נאָט אייך לאַנד וויפיל איר ווילט און לעבט ווי גאָט האָט געבאָטן, און זיי האָבן ניט געוואָלט.

פילנדיק אַליין די לאָגישע אומקאָנסעקווענץ, איילט זיך זשיט־לאָווסקי צוצוגעבן: „אָבער דער פאַרברעכערישער כאַראַקטער פון דער טואונג בלייבט״.

קלאָר, אַז מיר שטייען דאָ ביי אַן „ערשטער זינד״, אַן אָריגי־נעלן, במזיד׳יקן פאַרברעכן, ביים ערשטן רינגל פון אַ בייער קייט פאַרברעכן און שטראָף. אַזוי ווי ביי „יענעם מענשן״ רוסאָ׳ס, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אַ שטיק פון דער מוטער ערד . . .

מער ניט, וואָס דאָ איז דער פאַרברעכן געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג: די אידן האָבן ניט געוואָלט אַרויפלייגן זייער האַנט אויף אַ שטיק מוטער ערד . . .

איצט קענען מיר נאָכגיין די קייט ווייטער.

די ערשטע זאַך וואָס איבעראַשט אונז אין זיין קורצער סקיצירונג פון דער אידישער געשיכטע אין פוילן, איז די מאָדנע היסטאָריאָ־גראַפיע. עס ווערט פאָרגעשטעלט אַזוי ווי די אידן „ביי דער ער־שטער איינוואַנדערונג״, אין דרייצנטן יאָרהונדערט, וואָלטן געשטאַנען ביי דער גרעניץ פון לאַנד און ס׳איז פאָרגעקומען אַ דינגעניש: די „הערשער״ האָבן געזאָגט: קומט אויפן לאַנד, אין די דערפער,

און די אידן האָבן געזאָגט: ניין, מיר ווילן נאָר אין די שטעט, אַניט גייען מיר ניט...

און די הערשער האָבן זיך געבויגן, און זיי נאָך „באַגנעדיקט מיט אויסעראָרדנטלעכע פּריווילעגיעס".

פאַרוואָס זיינען די הערשער געווען אַזוי גוט צו די שלעכטע אידן? פאַרוואָס האָבן זיי זיי געגעבן פּריווילעגיעס ווי הענדלער און קרעמער, ווען זיי האָבן זיי גאָר געוואָלט פאַר ערד־אַרבעטער?

אין אמת'ן זיינען די אידן אין דרייצנטן יאָרהונדערט ניט געגאַנגען קיין פּוילן, נאָר געלאָפן, און ניט געלאָפן, נאָר זיך גע־ראַטעוועט, זיך געראַטעוועט פון רדיפות און חורבן פון די קרייצצוגן. אַזוי ווי מיר האָבן געזען אידן לויפן אין אונזערע אייגענע טעג.

און אין דרייצנטן יאָרהונדערט זיינען שוין אידן גאַנץ לאַנג געווען אין פּוילן. אַ סברא אַז אידן זיינען געקומען קיין פּוילן נאָך איידער דאָס לאַנד האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום אין 965. די ערשטע גרויסע וואַנדערונג קיין פּוילן איז געווען פון בעהמען, פונ־וואַנען אידן זיינען געלאָפן פון די ערשטע קרייצצוגן (1098). אונטער מעטשיסלאַוו דעם אַלטן (1173) האָבן שוין אידן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי אין גרויס־פּוילן סיי אין קליין־פּוילן. פון יענער צייט שטאַמען די פּוילישע מטבעות מיט אידישע אותיות אויף זיי. באַלד נאָכן מיטן פון דרייצנטן יאָרהונדערט (1266) האָט שוין די קאַטוי־לישע קירכע באַשלאָסן אָפּצושיידן די אידן פון דער פּוילישער באַ־באַפעלקערונג אין געטאָס כדי צו באַשיצן דאָס יונגע פּוילישע קריסטנ־טום פון דער סכנה פון אידישער השפּעה (דובנאָוו און אַנדערע היס־טאָריקער).

אין 1173, ד. ה. אין דריטן פערטל פון צוועלפטן יאָרהונדערט, האָט שוין מעטשיסלאַוו געדאַרפט אַרויסגעבן אַ דעקרעט קעגן גוואַלד־טאַטן אויף אידן...

די צווייטע זאַך וואָס איבעראַשט אונז דאָ איז די מאָדנע היס־טאָריאָזאָפיע. עס איז געשיכטע אין רעטראָספּעקט. ווען די אידן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק וואָלטן געווען געפאָלגט זשיטלאָווסקי'ס עצה פון זיבן הונדערט יאָר שפּעטער, וואָלט אַלץ גוט געווען. זיי האָבן דעמאָלט געדאַרפט דענקען אַזוי ווי ער היינט, נעמלעך, אַז האַנדל איז גניבה און גזילה (אפילו ווען מען גיט ערלעכע וואָג און מאָס) און אַז אין ערד־אַרבעט ליגט גאַראַנטירט שלום ושלוה.

וואָרים עס איז געווען אַ דאָגמע אין זשיטלאָווסקי'ס דענקען, אַז ווען אידן וואָלטן זיך געווען פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט וואָלטן די גוים זיי ניט באַטראַכט פאַר קיין פּאַראַזיטן, וואָלטן דרך ארץ געהאַט

פאַר זייער ערלעכער פראַצע, און עס וואָלט ניט געווען קיין אַנטיסע־מיטיזם און קיין רדיפות און רציחות.

היגטער אַזאַ געדאַנקענגאַנג ושטייט במילא, ווי אַ גאַראַנטיע, די הנחה, אַז ערלעכע פּראַצע ווערט רעספּעקטירט פון אַלעמען, שטענדיק און אומעטום, און יענעמס כשר דערוואָרבענער האָב ווערט פון קיינעם ניט געגלוסט אָדער אָנגערירט.

אַזוי האָט געטראַכט און פאַר אונז געפּריידיקט זשיטלאָווסקי, אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט, ווי אַ סאָציאַליסט, געוועדט וועגן קלאַסנ־קאַמף, עקספּלואַטאַציע, מלחמה, אימפּעריאַליזם.

וואו אין דער וועלט האָט ער דען געזען אַזאַ הייליקן דרך־ארץ פאַר מענשלעכער פראַצע? וואָס איז דען מלחמה אויב ניט אַן אַוועק־רויבן פון דער פראַצע און דעם באַזיץ פון אַ צווייטן פאָלק? האָט דייטשלאַנד דרך ארץ געהאַט פאַר דער פראַצע און דער ערד־אַרבעט פון סאָוועט־רוסלאַנד? אָדער יאַפּאַן פאַר דער כשר'ער פראַצע פון כינע? ווען עס וואָלט געהערשט אין דער וועלט דרך ארץ פאַר ערלעכער אַרבעט וואָלט דאָך דער אַרבעטער געקראָגן דעם גאַנצן ווערט פון זיין אַרבעט, און דעמאָלט וואָלט דאָך קיין קלאַסן־קאַמף ניט געווען. און דער הענדלער וואָלט קיינמאָל ניט איבערגענומען ביי דעם קונה. און דער פויער וואָלט ניט געדאַרפט קעמפן קעגן דעם פריץ פאַר זיין ערד. און אַזוי ווייטער. עס וואָלטן דאָך געווען משיח'ס צייטן.

נאָר על כל פנים אַזוי האָט זשיטלאָווסקי געדענקט. און דעם אידעאַל פון אַ אידישן פויערים־פאָלק וואָס ער האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט געטאָוועט פאַר דער צוקונפט האָט ער אַריבערגעוואָרפן אין דער פאַרגאַנגענהייט. און אַזוי ווי ער איז זיכער געווען, אַז אין דער צוקונפט (און קעגנוואַרט) קען אונזער גליק קומען נאָר פון ערד־אַרבעט, אַזוי איז ער זיכער געווען, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר אונזער גליק פאַרשפּילט אין יענעם פאַטאַלן מאָמענט ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן אַן ערד־אַרבעטער פאָלק אין פוילן.

נון, וואָלט דאָס אַלץ פונדעסטוועגן געווען נאָך גאָר ניש'קשה'דיק, די טעאָריע און איר אָנווענדונג, דער משל און דער נמשל, די ראַם און דאָס בילד. נאָר אַ צרה, אַן אומגליק:

איר האָט באַטראַכט די ראַם און איר ציט אַראָפּ דעם שלייער פון דעם בילד, ערשט קיין בילד איז גאָר ניטאָ!

דאָרט וואו עס דאַרף שטיין דאָס בילד געניצט אייך אין פּנים אַריין אַ גרויסע, ליידיקע לאָך.

ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געווען אַזאַ זאַך! ס'איז קיינמאָל ניט

געוועז און ס'איז קיינמאָל ניט געשען, אַז די הערשער פון אַמאָליקן פוילן האָבן אָנגעבאָטן אידן פאַרם-לאַנד, זיך צו באַזעצן פאַר ערד־אַרבעטער!

און אַז מען האָט זיי ניט אָנגעבאָטן האָבן זיי במילא ניט געקענט אָפּזאָגן.

און אַז זיי האָבן ניט אָפּגעזאָגט, האָט שוין ניט געקענט זיין דער פאַרברעכן פון וועלכן זשיטלאָווסקי רעדט, ניט דער „גרעסטער" און אַפילו ניט דער קלענסטער.

ס'איז פשוט ניט געווען דער פאַקט.

איז שוין שלעכט גענוג ווען אַ געלערטער און דענקער און וויסנשאַפטסמאַן באַשרייבט אַ פאַקט „פאַעטיש"; נאָך ערגער איז ווען ער דערציילט אַ פאַקט איינמאָל אַזוי, אַ צווייטן מאָל פונקט פאַרקערט. נאָר ערגער פון אַלץ איז ווען ער טראַכט אויס אַ פאַקט.

עס איז ניט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אויסגעטראַכטע פאַקטן. ניטאָ דער מין אין דער וועלט.

היינט ווען מ'קומט נאָך און אויפן סמך פון אַן אויסגעטראַכטן פאַקט פּראָקלאַמירט מען אַ „מאוים'דיקן פאַרברעכן" און אַ פאַרדינטע מאוים'דיקע שטראָף, וואָס בלייבט שוין דעמאָלט צו זאָגן?

אַ שטראָף פאַר אַ פאַרברעכן וואָס איז גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזן! . . .

אַרויסציען אַזאַ היסטאָרישן שם־רע, אַוועקלייגן אַזאַ סטאַמפּ און אַזאַ שולד-לאַסט אויפן אידישן פאָלק אין פוילן, וואָס איז געוועזן איינער פון די שעפערישסטע אידישע קיבוצים אין דער גאַנצער געשיכטע!

און זאָגן אַז ער איז חייב פאַר אַלע אונזערעליידן אין די לעצטע זיבן הונדערט יאָר!

דאָס גופא איז דאָך אַ פאַרברעכן פאַר וועלכן ס'איז קיין מחילה ניטאָ.

אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן היינט אין דעם זין פון אידישער קולטור איז געקומען פון פוילן. דורכן פוילישן אידנטום איז אויפגעהיט געוואָרן, און איז איבערגעליפערט געוואָרן צו אונז אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן פריער, פון ארץ ישראל, דורך בבל און שפּאַניע און איטאַליע און פראַנקרייך ביז דייטשלאַנד. דאָ איז אַזוי אומגעהויער פיל געשאַפן געוואָרן ווייטער. דאָ איז אויך די אידישע שפּראַך געשאַפן געוואָרן, וואָס איז שוין פאַר זשיטלאָווסקי'ן געוועזן די וויכטיקסטע באַזע פון אידישער קולטור און אידישן לעבן.

און פונדאַנען, פון דעם פוילישן אידנטום, האָט זיך דאָס אַלץ

אויסגעשפּרייט און אויסגעשטראַלט איבער אַלע פינף קאָנטינענטן.

און אין שויס פון אָט דעם גרויסן אידנטום האָט זשיטלאָווסקי אַריינגעלייגט אַן אויסגעטראַכטע זינד, וואָס דאַרף זיין די געבורט־קוואַל פון אַלע אונזערעליידן אין די לעצטע הונדערטער יאָרן. פון כמעלניצקי׳ן ביז די לעצטע פּאָגראָמען אין פּוילן.

אַזוי ווי די זינד מיטן עץ־הדעת איז די גרונט־זינד פון וועלכער עס זיינען געקומען אַלע מענשלעכע ליידן, אַזוי איז דער „אָפּזאָג" פון די פּוילישע אידן צו ווערן ערד־זידלער, אין זשיטלאָווסקי׳ס אויגן, די גרונט־זינד פון וועלכער עס האָט זיך גענומען אונזער ליידנס־געשיכטע זינט דעם דרייצנטן יאָרהונדערט.

און וואָס פאַר אַ ביטערקייט ער לייגט אַריין אין זיין אָנקלאַגע אויף די אידן! הערט זיך נאָר איין אין די ווערטער: „געזויגן דאָס בלוט", „פאַר׳שיכור׳ן די פּויערימשאָפט מיט אונזער בראָנפּן", „רערן פון סם", „די פאַנג־ און זויג־אָרעמס פון אַ ספּרוט" — אָט דער געוויינלעך קיל־אינטעלעקטועלער מענש דערוואַרימט זיך ממש צו פּאָעטישער היץ אין זיין שילדערונג פון „אידישן פּאַראַזיטיזם".

נאָר ניט ווי פּאָעזיע, פאַרשטייט זיך, האָט זשיטלאָווסקי פאַנאַנ־־ערגעוויקלט פאַר אונז אָט די היסטאָרישע פּאָנאָראַמע פון אידישן פאַרברעכן און שטראָף, נאָר ווי אַ פילאָזאָפיע פון געשיכטע.

ניט קיין פאַרדאַרבער פון דער מענשהייט, ניט קיין בלוט־שונאים פון אידן זיינען די היטלערס און געבעלסעס און גערינגס און די אַנטיסעמיטן פון אַלע צייטן און אַלע מינים, נאָר ריכטער.

און גערעכטע ריכטער. וואָרים „ביטאָ קיין זינדיקע" הייסט דער אַרטיקל אין וועלכן די אַלע טיפע געדאַנקען ווערן אַרויסגע־זאָגט. אַ פאָלק, אַ כלל קען מען ניט משפּט׳ן, אַ כלל קען ניט זיין אומגערעכט.

אַזוי קומט אויס בפירוש נאָך גאָלעדנווייזער׳ס פאָרמולע: יע־דער פאַרברעכן איז אַ שטראָף און יעדע שטראָף איז אַ פאַרברעכן. בלויז דער אידישער כלל אָפּנים קען זיין אומגערעכט . . .

אמת, לויט דערזעלבער פאָרמולע האָט היטלער אויך געמוזט קריגן זיין שוואַרצן סוף, האָט זשיטלאָווסקי ריכטיק פאַראויסגעזאָגט. וואָרים זיין „שטראָף" איז דאָך אויך אַ פאַרברעכן.

נאָר איז די שטראָף פון היטלער׳ס שטראָפער אויך אַ „פאַר־ברעכן", פאַר וועלכן די צייט דאַרף ברענגען אַ שטראָף? ס׳איז עפּעס אַ מין ווילדער, משוגע׳נער היסטאָרישער חד־גדיא.

פרעגט מיך ניט ווי אַזוי דאָס אַלץ בינדט זיך און קניפּט זיך צוזאַמען. ס׳איז איינע פון יענע זשיטלאָווסקי׳ס פלי־רייזעס אין די פילאָזאָפישע וואָלקנס פון וועלכע עס הויבט אייך אָן שווינדלען

אין קאָפּ. נאָר אין זאַך פונדעסטוועגן קומט אַרויס גאַנץ קלאָר: זיין אָפּשאַצונג פון אידישער געשיכטע אַלס אידישער פאַר־ברעכן און גוישע שטראָף. גערעכטע שטראָף. ווען די אידישע געשיכטע וואָלט געווען ניט דאָס לעבן פון אַ פאָלק, נאָר אַ פאַר־שטעלונג אין טעאַטער, האָט מען אויך געמעגט מאַנען ביי זשיט־לאָווסקי'ן מער פאַרשטענדעניש און מער דרך ארץ פאַר דעם וואָס עס קומט פאַר אויף דער בינע. ניט זיצן ביי אָט דעם בלוטיקסטן שפּיל פון דער מענשהייט און שפּייען אויף דער בינע, אין דעם שפּיל אַריין . . .

.2

עס קען דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט זיין מיין עובדא צו געבן די געשיכטע פון די אידן אין פּוילן. נאָר אין דעם ענין פון ערד איז פאַראַן גאָר אַ פאַרקערטע סברא, נעמלעך, אַז אידן האָבן פאַרלאַנגט ערד זיך צו באַזעצן, און מען האָט זיי ניט באַוויליקט.

עס ווערט דערציילט אַז נאָך אין יאָר 894 האָבן אידן געשיקט קיין פּוילן אַ דעלעגאַציע פון די חשוב'סטע רבנים פון שפּאַניע, מיט אַ בקשה אַז עס זאָלן באַוויליקט ווערן פאַר אידן שטרעקעס לאַנד אין דער פּוילישער טעריטאָריע זיך צו באַזעצן און זיך צו פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט און מלאכה. נאָר דאָס איז זיי ניט געגעבן געוואָרן (זע: דזשואיש ענסאיקלאָפּעדיאַ, ב. 10, ז. 561). דער ענין מיט דערדאָזיקער דעלעגאַציע איז אַ טונקעלער, ווי בכלל די געשיכטע פון די ערשטע אידישע איינוואַנדערונגען קיין פּוילן. פאַראַן היסטאָריקער וואָס נעמען עס אָן, אַנדערע נעמען עס ניט אָן. על־כל פנים איז עס גאַנץ עפּעס אַנדערש ווי זשיט־לאָווסקי'ס פּזמון.

אָט ווי אַזוי ש. דובנאָוו שטעלט אַוועק די אָנהויב־געשיכטע פון די אידן אין פּוילן:

„אין אַ לאַנד וואָס איז נאָך ניט געווען אַרויסגעגאַנגען פון דער פּרימיטיווער מדרגה פון אַגריקולטור און האָט פאַרמאָגט נאָר צוויי באַשטימטע קלאַסן, באַלעבאַטים פון דער ערד און אַרבעטער פון דער ערד, האָבן די אידן נאַטירלעכערווייז פאַרגעשטעלט דעם דריטן שטאַנד, ווי די פּיאָנערן פון האַנדל און פינאַנץ" („געשיכטע פון די אידן אין רוסלאַנד און פּוילן", ב. 1).

עס איז ווי אַ מיטלשטאַנד, וועלכער האָט אין דעם לאַנד אינ־גאַנצן געפעלט, וואָס אידן זיינען אויפגענומען געוואָרן אין פּוילן. דאָס קען מען קלאָר זען פון די טשאַרטערס וואָס זיינען זיי געגעבן געוואָרן. די טשאַרטערס האָבן באַשטימט זייערע פּריווילעגיעס

צו גרינדן קהילות, און די פֿאָרמען פון שוץ פון זייערטוועגן, און אויך די פונקציעס וואָס מען האָט דערוואַרט זיי זאָלן דערפילן. און די פונקציעס זיינען געווען די פונקציעס פון מיטלשטאַנד. די אידן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ קאָרפּאָראַטיווע קערפּערשאַפט און זיינען געשטעלט געוואָרן דרויסן פון די עקזיסטירנדיקע שטאַנדן, דירעקט אונטער דער קרוין.

אידישע סוחרים פלעגן קומען קיין פוילן נאָך איידער דאָס לאַנד האָט אָנגענומען קריסטנטום, אָבער זייער גרויסע איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן צוליב די קרייצצוגן אין מערב־אייראָפּע. פוילן האָט דעמאָלט גענומען ביסלעכווייז זיך אַרויסהויבן פון דעם חורבן וואָס די טאָטערישע אינוואַזיע האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן אַנטוויקלען שטעט און האָט זיך גענויטיקט אין אַ שטאָטישער באַפעלקערונג. און זי האָט דעריבער גערן אויפֿגענומען נייע איינוואַנדערער, דערינען אויך אידן.

אין דער אייגענער צייט וואָס די אידן האָבן גענומען וואַנדערן קיין פוילן האָבן אויך געוואַנדערט אַהין דייטשן, וועלכע האָבן גע־קראָגן ספּעציעלע פּריווילעגיעס באַקאַנט אַלס די „מאַגדעבורגער רעכט". דייטשישע קאָלאָניסטן האָבן זיך איבערגעזעצט פון דייטשי־שער ערד דירעקט אויף פוילישער ערד, און זיינען געשטאַנען אונ־טערן שוץ פון דעם געריכט אין מאַגדעבורג. דייטשישע סוחרים זיינען געגאַנגען אין די פוילישע שטעט. און די מורא אַז די שטעט יועלן געדמאַניזירט ווערן האָט גורם געווען, אַז די אידן זאָלן נאָך מער אָנגעלייגט זיין ביי די פוילישע הערשער אַלס שטאָטישע איינוואוינער, ווי אַ קעגנגעוויכט צו די דייטשן.

אַלע היסטאָרישע כוחות, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, האָבן געפירט די אידן צו דער ראָלע פון דעם מיטלשטאַנד אין פוילן.

דערגעגן, אַלע היסטאָרישע כוחות האָבן פאַרשפּאַרט פאַר זיי דעם וועג צו ערד.

בלויז אַ קורצן משך פון צייט, אונטער דער השפעה פון די „מאַגדעבורגער רעכט" פאַר די דייטשן, האָט אויך דער פוילישער פויער גענאָסן אַ געוויסע מאָס פּריווילעגיעס. פריער אָבער, און שפּעטער, איז די פוילישע געשיכטע געווען איין דורות־לאַנגער קאַמף צווישן דעם פויער און די פּאַנעס פאַר דעם באַזיץ פון באָדן. ביז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט דער „פּאַנשטשיזנע", וואָס איז געווען די פולשטענדיקע פאַרשקלאַפונג פון דעם פויער. דער פויער איז געוואָרן דאָס לייב־אייגנטום פון דעם פּריץ.

דורות לאַנג האָט דער פּריץ געקעמפט אַרויסצורייסן די ערד פון די הענט פון דעם פויער. ביז עס איז אים געלונגען. האָט דער

פריץ געריסן די ערד פון דעם פויער כדי זי אָפּצוגעבן דעם אידן? און וואָלט דער פויער צוגעקוקט גלייכגילטיק ווי זיין ערד ווערט אַוועקגענומען פון אים און אָפּגעגעבן דעם אידן? און האָט דער איד געקענט אָננעמען אַזאַ רויב?

וואָס וואָלט אַן אמת'ער סאָציאַליסט געדאַרפט זאָגן וועגן דעם?

דער איד איז געווען אַן עדות פון דעמדאָזיקן קאַמף. ער האָט געזען דאָס לעבן פון דעם פוילישן פויער אונטער דער הערשאַפט פון דעם פוילישן פאַן. אפילו ווען דער פויער איז נאָך געווען כלומרשט פריי צו פאַרלאָזן די ערד פון דעם פאַן — און אַריבערגיין צו אַן אַנדער פאַן — האָט דער פריץ מיט זיינע פּריווילעגיעס אויס־געזויגן זיין בלוט און צעטראָטן זיין מענטשלעכן כבוד.

מיר וועלן ניט ריידן פון די שטייערן, שרעקלעכע, אומגעהויערע. אויך ניט פון אַלע פליכטן פון דעם פויער צו זיין האַר. עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. פון די פליכטן וועלן מיר דערמאָנען נאָר איינע: די יאַגד־פליכט. דער פויער האָט געדאַרפט צושטעלן יאַגד־פויגל פאַרן פאַן. ער האָט געדאַרפט היטן די חיות זיי זאָלן ניט אַנטלויפן פון וואַלד. און ווען די הינט פון דעם פאַן האָבן פאַרבלאָנדזשעט איז דער פויער מחויב געווען זיי צו געפינען.

וואָס האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט: אַז די פוילישע אידן זאָלן זיין הינט־יעגער פאַר די פוילישע פאַנעס?

האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט, אַז די אידן זאָלן פאַשען די חזירים פון די פוילישע פריצים?

שפּעטער האָט דער פויער פאַרלאָרן אפילו די פרייהייט אַריבערצוגיין פון איין פריץ צום אַנדערן. אַ געזעץ איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז נאָר צוויי פויערים אין אַ דאָרף קענען מאַכן אַזאַ איבערגאַנג אין דעמזעלבן יאָר. דער פויער איז דאָ פאַקטיש צוגעשמידט געוואָרן צו דער ערד. אָבער דאָך איז ער נאָך אין זיין אייגענער פערזאָן געבליבן „פריי".

נאָך שפּעטער האָט ער אויך דידאָזיקע לעצטע פרייהייט פאַר־לאָרן. די פערזאָן פון דעם פויער איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם פאַן. ווי דער אָקס און דער פערד. ווי די ערד אַליין. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די שרעקלעכע פּאַנשטשיזנע. דער פּוילישער פויער איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער שקלאַף.

האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט אַז די אידן אין פוילן זאָלן ווערן שקלאַפן ביי די פאַנעס?

אָבער אידן טאָרן ניט זיין קיין שקלאַפן! יעדן טאָג זאָגט דער איד די ברכה שלא עשני עבד.

אין דער פּאַנשטשיזנע קריגט דער פאַן נאָך מער רעכט. דאָס

רעכט אַפּילו איבערן לעבן און טויט פון זיין קנעכט. פּאַרן קלענסטן פאַרברעכן קען ער שמייסן זיין קנעכט.

האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט אַז די פּוילישע אידן זאָלן זיך לאָזן שמייסן פון די פּוילישע פּאַנעס? שוין בעסער געווען פּאָגראָ־מירט צו ווערן פון זיי.

צווישן די רעכט פון דעם פּאַן איבער זיין קנעכט איז געווען דאָס „רעכט אויף דער ערשטער נאַכט".

האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט אַז דער פּוילישער איד זאָל נעמען זיין טאָכטער פון אונטער דער חופּה און זי פירן צום פּריץ אין בעט אַריין?

דער פּוילישער פּריץ האָט געהאַלטן דעם פּויער אין פינסטערניש און אין אומוויסנקייט. ער האָט אים אפילו אַ צורה פון אַן אות ניט געלאָזט זען. דער פּריץ אַליין איז דאָס רוב געווען אַן אַנאַלפאַבעט. אָבער דער איד האָט געהאַט אַ תורה און אַ גמרא צו לערנען. וואָס האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט, אַז אויך דאָס זאָל דער איד אויפגעבן אין דעם זכות פון זיין אַן ערד־שקלאַף ביים פּאַן?

וואָס האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט פון די פּוילישע אידן?

ביטער און דערנידעריקט איז געווען דאָס לעבן פון דעם פּוילישן פּויער. און דער פּראָצעס פון זיין פאַרשקלאַפונג איז געווען אַ לאַנגער און אַ בלוטיקער. ווי אַ לייב לאָזט זיך ניט פאַרשפּאַרן אין שטייג, אַזוי האָט ער זיך ניט געלאָזט פאַרשמידן אין דער פאַנשטשיזנע. ס'איז אַ לאַנגע און טרויעריקע געשיכטע.

אין דעם אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט איז אונטערגעגאַנגען די אַלטע פּאַטריאַרכאַל־קאָלעקטיוויסטישע אָרדנונג אין פּוילן און עס האָט זיך איינגעשטעלט די פעאָדאַלע אָרדענונג.

די פּויערים האָבן ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך זייערע פאַרלאָרענע פרייהייטן.

אין 1040 קומט פאָר דער ערשטער מאַסלאָוו־אויפשטאַנד.

אין 1047 דער צווייטער מאַסלאָוו־אויפשטאַנד.

אונטער דער הערשאַפט פון באָלעסלאַוו דעם דרייסטן (79—1058) קומט פאָר אַ בונט פון די פּויערים.

אונטער דער הערשאַפט פון באָלעסלאַוו דעם קרוממויליקן (38—1102) קומט פאָר די ענדגילטיקע קאָנפיסקאַציע פון דער פּויער־שער ערד.

אין 1241, 1259 קומען פאָר די איבערפאַלן פון די מאָנגאָלן אויף פּוילן. פּוילן ווערט כמעט אינגאַנצן חרוב.

אין 1294 קומט פאָר אַ בונט פון שטעט און דערפער אין גרויספּוילן.

אין 1307 — דער בונט פון סאַלטיס יאַן סמאַזשעוויטש.
אין 1311 — דער בונט פון וואָיט אַלבערט.

אין 1347, אונטערן סטאַטוט פוןווישליצאַ, ווערן געמאַכט די ערשטע שריט איינצופירן די פּאַנשטשיזנע (זע: ב. מאַרק, „די געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן").

דאָס זיינען אַלץ געווען קאַמפן פאַר ערד. דידאַזיקע קאַמפן ליגן גראַד אין די יאָרהונדערטן פון די אידישע וואַנדערונגען קיין פּוילן: וואו האָבן דאָ די אידן געקענט זיך אַריינרייסן אינמיטן צו ווערן אַ פּויערים־פּאָלק, ווי זשיטלאָווסקי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז זיי האָבן געדאַרפט טאָן, און פאַרפעלנדיק דאָס צו טאָן זיינען זיי באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן אין אונזער גאַנצער געשיכטע אין גלות?

דער גורל פון אידן אין פּוילן איז געהאַנגען אין אַ וואָגשאָל וואָס האָט זיך שטענדיק געוויגט אַרויף און אַראָפּ אין די אייביקע וואַקלענישן אין דעם מצב פון דער אומגליקלעכער מדינה. בלויז קורצע צייט־אָפּשניטן האָבן אידן געהאַט באַרוטע. וואָס שייך באָדן האָבן אידן, אָפּט אפילו אין די גוטע צייטן, געמעגט נאָר אַרענדירן ערד, ניט קויפן. ערד־באַזיצער האָבן נאָר געקענט זיין דער אַדל, ניט די פּויערימשאַפט. און אַ לענגערע צייט האָבן אידן געהאַט די פּריווילעגיע: ווען אַ איד האָט זיך גע'שמד'ט איז ער אויפגענומען געוואָרן אין דעם אַדל־שטאַנד און האָט געקענט ווערן אַ פּוילישער פּריץ און אַ לאַנד־אייגנטימער. און אַ גאַנצע ריי היינטיקע פּוילישע פּריצישע פאַמיליעס ציען זייער יחוס פון אַזעלכע אידן־משומדים. דער פּוילישער שריפטשטעלער יענסקע־כאינסקי האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך איבער דעם ענין (אוצר ישראל, חלק 8, ז. 200).

האָבן פּוילישע אידן בדאַי געזאָלט זיך שמד'ן און ווערן פּריצים, אַבי מקיים צו זיין זשיטלאָווסקי'ס מצוה פון ערד־אַרבעט?

ווי אַזוי די פּריצים האָבן זיך באַצויגן צום פּויער האָבן מיר געזען. און אָט איז ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַצויגן צום אידן:

„אויב די פּוילישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט געבן אידן בירגערלעכע רעכט *) און האָט זיי באַטראַכט נאָר ווי שטייער־צאָלער, האָבן די אויבערשטע קלאַסן — די גלחים און פּריצים — געוואָלט אָפּנעמען ביי זיי די מענשלעכע גרונט־רעכט. דער קאַטוילישער גלח האָט פיינט געהאַט דעם אידן דעם „כופר בעיקר" — („יודעאוס אינפּינדעליס" — אומגלויביקער איד — דאָס איז

*) דאָ גייט די רייד וועגן דעם אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט.

דער געוויינלעכער אויסדרוק אין אָפיציעלע דאָקומענטן), און דער פּאַריסענער פּריץ פלעגט זיך פאַרהאַלטן מיט פאַראַכטונג צום אידן, זיין פאַקטאָר און משרת . . . פונקט ווי די פּריצים האָבן אויסגע־נוצט די אַרבעט פון זייערע לייבאייגענע פויערים אין פעלד, אַזוי האָבן זיי אויסגענוצט דעם איד, דעם סוחר אָדער אַרענדאַר... די פוילישע פּריצים אין זייער גלוסט צו פאַרשקלאַפן מענשן, האָבן געפּרוּווט אַפילו צו מאַכן „זייערע" אידן פאַר שקלאַפן לויטן גע־געץ. אויף דער סיים־זיצונג פון יאָר 1740 האָבן דעלעגאַטן פון די פּריצים אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז די אידן וואָס זיצן אין די מאַיאָנטקעס פון די פּריצים זאָלן פאַררעכנט ווערן פאַר „סוביעקטי הערעדיטאַטי", ד. ה. פאַר אייגנס פון דער פּריצישער משפחה, וואָס גייט איבער פון פאָטער צום זון. אויב דערדאָזיקער פּראָיעקט וואָלט אָנגענומען געוואָרן, וואָלטן מאַסן אידן, וואָס זיינען געזעסן אין פּריצישע מאַיאָנטקעס, געוואָרן אָפיציעל צו לייבאייגענע קנעכט, זיי און זייערע קינדער און קינדס־קינדער, און איטלעכער פּריץ וואָלט געמעגט איבער גוואַלד האַלטן דעם אידן אין זיין מאַיאָנטעק, ווייל ער איז אים אַ שקלאַף" (ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, ב. 1, ז. 6־15).

דעם דאָרפס־איד, דעם קרעטשמער און שענקער, האָט זשיט־לאָווסקי מער ווי אַלעמען פאַרלוימדיקט און פאַרשעמט.

דער איד אין דאָרף איז אין אמת'ן געווען דער איינציקער פריינט אין דער וועלט וואָס דער פויער האָט געהאַט. די אידישע קרעטשמע איז געווען קודם־כל די אכסניא פון דאָרף. פאַרן פויער איז זי געווען אַ מין „קלוב". דאָ פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט די אַנדערע פויערים פון דאָרף און באַשפּרעכן זיין פינסטערן מזל. דאָ האָט ער געפונען ניט בלויז, און ניט דער עיקר, זיין קוואַרטירל בראָנפן, נאָר אויך זיין פונט קעראָסין, און זיין פּעקל מאַכאָרקע, און זיין שטיקל צוקער, און דאָס ביסל אָרימע שמוק וואָס די פויערטע האָט זיך פאַרגונען.

דאָ פלעגט ער קענען אָפּזעצן אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ טוץ אייער אָדער אַן עוף, וואָס ער פלעגט אָפּשפּאָרן פון זיינע באַדערפעונישן, און דורכן אידן גרייכן דעם מאַרק און זען די צורה פון אַ גראָשן. דער איד פלעגט פאַר אים אָנשרייבן אַ בריוול. פון דעם אידן האָט ער געהערט נייס פון דער וועלט, וואָס דער איד פלעגט ברענגען פון שטאָט. צום אידן פלעגט ער קומען נאָך אַ פריינטלעכער עצה אין אַן עת צרה, וואָס דאָס איז אויף שטענדיק געבליבן פאַרקערפּערט אין דעם ווערטל: יאַק בידאַ טאָ דאָ זשידאַ.

וואָס האָט זשיטלאָווסקי זיך אָנגעזעצט אויפן אָרימען אידישן קרעטשמער?

פאַרוואָס קומט אָט דעם אידישן קרעטשמער פאַרלוימדעט צו ווערן אין דער אידישער ליטעראַטור? און פאַרוואָס קומט דעם אידישן קרעמער אָדער סוחר פאַרלוימדעם צו ווערן? וואו אין דער וועלט איז נאָך געווען אַזאַ טיפּ פון אַ סוחר אָדער קרעמער? אָפט האָט דער קרעמער געהאַט אַ ספר אויפן טיש און ער פלעגט אַריינקוקן אין אים צווישן איין קונה און דעם אַנדערן. אָפט, אין די קליינע שטעטלעך, איז אַזאַ קראָם געווען אַ בית ועד לחכמים, וואו אידן לומדים פלעגן זיך אַמפּערן אין תורה, און דער תורה־שמועס איז געווען וויכ־טיקער ווי די לייזעכץ. תורה אינמיטן פון אַ יאַריד! און אַ איד אַ סוחר וואָס האָט געקענט לערנען — און דאָס רוב פון זיי האָבן געקענט, געווען אָפט מוסמכים צווישן זיי — איז ניט אַרויסגעפאַרן אין וועג אַריין אויף מסחר אָן אַ ספר אין זיין סאַקאָוויאַזש. אומעטום, אין קרעטשמע צי אין קראָם, אין קאַנטאָר צי אין וועג, אויף די פּליטעס איבער די טייכן, צי גאָר אין די געהאַקטע געהיימניספולע וועלדער, איז די תורה און די קדושה געווען מיט דעם אידן און דער איד מיט זיי. און געהאַנדלט האָט מען אויף נאמנות. דורות האָבן זיך געהאַלטן, מדינות זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף דער אידישער נאמנות. גוים האָבן געטרויט און געלעבט אויף אידישער נאמנות. דאָס זיינען געווען הערלעכע דורות. ביז אונזערע אייגענע טעג. פאַרוואָס זאָלן זיי פאַרשפּיגן ווערן?

.3

האָבן מיר בכן שוין געזען דאָס ערשטע „אומגליק” וואָס אידן האָבן געבראַכט אויף פּוילן: געזויגן בלוט פון די אָדערן, געגאָסן בראַנפן אין די אָדערן.

ס'איז אָבער ניט געווען דאָס לעצטע.

אומגליקלעך האָט דער איד געמאַכט ניט נאָר דעם פּוילישן פּויער, נאָר אויך דעם פּוילישן מיטלשטאַנד.

נאָר אידער מיר גייען וויטער לאָמיר זיך אומקערן אויף אַ ווילע צוריק, צום פּונקט וועגן „האַלטן אין אַרענדע די קלויסטערס פון אוקראַינע”, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַריינגעשטעלט אין דעם צעטל פון די היסטאָרישע אידישע חטאים, און וואָס די גרויזאַמע שחיטות פון כמעלניצקי און גאָנטאַ זיינען געווען די פאַרדינטע שטראָף פאַר זיי.

דאָס איז אַ גוט באַקאַנטע קלאַגע קעגן די אידן וואָס מ'באַגעגנט אָפט אין די געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן יענער צייט. זשיט־

לאָווסקי האָט עס אָנגענומען אָן שום אָפּפרעגעניש. וואָס איז אָבער דער אמת?

איך קען דעם ענין ניט באַהאַנדלען בעסער ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַ בריוו פון י. האַרט, וואָס איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" פון 3טן יוני, 1944: מר. האַרט שרייבט:

„אמת, דידאַקטיקע ווערסיע ווערט אויך איבערגעגעבן דורך דעם אידישן היסטאָריקער גרעץ. אָבער מיט גרעצ'ן האָט זיך דאָך די געשיכטע־פאָרשונג ניט אָפּגעשטעלט. אַ ריי היסטאָריקער, צווישן זיי אויך שמעון דובנאָוו, פרעגן אָפּ די גאַנצע מעשה. אפילו ניט־אידישע געשיכטע־פאָרשער, ווי פּכינקא און קאַמאַנין, האַלטן, אַז מען האָט דאָ ניט צו טאָן מיט קיין רעאַלן פאַקט.

גאלאנט, אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ" (באַנד 1, 1909, פּעטערבורג), ברענגט אַ ריי איבערצייגנדיקע אַרגומענטן קעגן דער מעשה, אַז אידן האָבן געהאַלטן אין פאַכט אוקראַינישע קירכעס. די גאַנצע מעשה איז געבאָרן געוואָרן אויפן סמך פון אַ לידל, וואָס די קאָזאַקן, די אידן־שעכטער, האָבן געזונגען, ווי אויך אויף כראָניקעס וואָס שטאַמען פון דיזעלבע קרייזן. דאָס אַליין איז אָבער ווייניק, אַז מען זאָל עס אָננעמען אַלס פאַקטן. די אומגלויבהאַפטיקייט פון אַ ריי זאַכן פון יענע כראָניקעס איז באַוויזן געוואָרן דורך אוקראַינישע פאָרשער גופא. דער היסטאָריקער גאַלאַנט ווייזט אָן אויף דעם וויכטיקן פאַקט, אַז אין די אַרכיוון האָט מען ניט געפונען קיין איינציקן אַקט, וואָס זאָל קאָנען באַשטעטיקן דאָס פאַרפאַכטן קירכעס צו אידן, בעת אַקטן וועגן אַנדערע פאַכט־געשעפטן צווישן אידן און פריצים זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל. צווייטנס, אין די מאַניפעסטן (אוניווערסאַלן) פון באָגדאַן כמעלניצקי, און העטמאַן אָסטראַניצאַ, וואו עס רעדט זיך וועגן אידן, און די קאָזאַקן ווערן גערופן צום קאַמף קעגן זיי, ווערט לגמרי ניט דערמאָנט, אַז אידן זאָלן האַלטן אין פאַכט די קירכעס. און וואָלט אַזאַ זאַך פּאַסירט, וואָלטן דאָך די היטלערס און הימלערס פון גזירות ת"ח ות"ט זיכער אַזאַ פאַקט אויסגענוצט און אים ניט פאַרשוויגן. אויך אין אַנדערע אידן־פיינטלעכע דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע ווערט דאָס ניט דערמאָנט".

דאָס הייסט, די גאַנצע מעשה ווערט שטאַרק אָפּגעפרעגט, אויב ניט אינגאַנצן אָפּגעלייקנט. און אין אַזאַ פאַל, וואו עס גייט וועגן איינער פון די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס אין דער אידישער געשיכטע, וואָלט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז אַ אידישער מענש זאָל נוטה זיין לכף זכות פאַר אידן. דאָס האָט זשיטלאָווסקי ניט געטאָן. אומעטום וואו עס האָט זיך געהאַנדלט ספק זכאי ספק חייב פאַר אידן האָט ער גע'פסקנ'ט כולו חייב.

מיר קומען צוריק צום אידן און דעם פוילישן מיטלשטאַנד.

אין די פוילישע שטעט, דערקלערט זשיטלאָווסקי אין דערזעל־בער דיסערטאַציע, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פוילישער מיטל־שטאַנד, וואָס איז געווען פראָגרעסיוו, מיט דיזעלבע אידעאישע טענ־דענצן ווי אין מערב־אייראָפּע, קעגן דעם קלאַס פון די פּריצים, קעגן דעם קעניג, קעגן דער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג ביי דער קאַטוילישער רעליגיע.

און וואָס האָט דער אידישער מיטלשטאַנד געטאָן דעמאָלט? „מיר האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די פּריצים”, זאָגט זשיטלאָווסקי, און אַדאַנק אונז „איז יענער פּראָצעס דערשטיקט געוואָרן אין זיינע אָנהויבן”.

וואו זשיטלאָווסקי האָט דאָס גענומען, ווייס נאָר איין גאָט . . .

זיינען מיר שוין פאַרטיק מיט אומגליק נומער צוויי אויך.

שפּאַנען מיר מיט זשיטלאָווסקי'ן איבער די דורות און קומען צו אומגליק נומער דריי.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1919, באַלד נאָך דער רעסטאַווראַציע פון דער פוילישער רעפּובליק, איז, ווי באַוואוסט, פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין לעמבערג.

אין יענער צייט איז זשיטלאָווסקי אַרויסגעטראָטן מיט אַ נייער דיסערטאַציע וועגן די אידן אין פוילן, מיט אַ נייעם צעטל חטאים.

יענער אַרויסטריט האָט געמאַכט אַ „רושם” אין זיין צייט, אַ רושם, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרגעסן געוואָרן. א. אַלמי האָט אָפּט וועגן דעם געשריבן און דערציילט פון דעם שרעק וואָס איז באַפאַלן אידישע פירער אין פוילן איבער יענעם אַרויסטריט. און אָט איז וואָס, מיט יאָרן שפּעטער, האָט אַ גרויסער איד, דר. א. גינזבורג, גע־שריבן וועגן יענעם אַרויסטריט:

„ . . . באַלד נאָך דעם לעמבערגער פּאָגראָם. ער (זשיטלאָווסקי) איז דאַן אַרויס מיט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט מער אָדער ווינציקער פאַרטיידיקט די פּאָגראָמשטשיקעס. די אידן, האָט עס געהייסן אין זיין אַרטיקל, האָבן געהאָלפן רוסלאַנד רוסיפיצירן פוילן. מיט זייערע „גראָבע שטיוואַלעס” האָבן די פוילישע אידן געטראָטן אויף די בעסטע געפילן פון די פוילישע פּאַטריאָטן. איז בכן האָט מען געקענט מאַכן דעם אויספיר, אַז אַ שיינע, ריינע כפרה אויף די אידן; זיי האָבן כשר פאַרדינט די פּאָגראָמען” („פאָר־ווערטס”, יוני 11, 1936).

דאָ, אין דעמדאָזיקן אַרויסטריט, איז געדעקט געוואָרן די אידישע ראָלע אין דעם פּעריאָד פון דער צאַרישער הערשאַפט איבער פוילן.

און ווידער זיינען די אידן זינדיק קעגן פוילן . . .

און ווייטער זיינען אַוועק יאָרן און אין פּוילן איז געקומען די רעאַקציאָנערע רעגירונג פון די יאָרן ערב דעם צווייטן וועלט־קריג. די אידישע לאַגע אין פּוילן איז דערגאַנגען צו אַ קאַטאַסטראָפּאַלן מצב. און ווידער איז זשיטלאָווסקי אַרויס מיט אַן אָפּהאַנדלונג, מיט אַ נייער תוכחה, אויף אידישע קעפּ, אַז זיי מאַכן פּוילן אומגליקלעך. ער שרייבט דעמאָלט אַזוי: („וועקער", נאָוו. 20, 1937):

טוט אַ ווענד, זייט מוחל, אייער בליק אויף פּוילן.

„די דאָרטיקע האַלב־פאַשיסטישע רעגירונג, אין איינעם מיט אַ גרויסן טייל פון די פאָלקס־מאַסן, ווענדן אָן אַלע מיטלען, כדי צו אַנטוויקלען די דאָרפישע און שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, צו באַפרייען די מאַסן פון די קליין־הענדלער. מיר באַשולדיקן זיי אַלעמען אין אַנטיסעמיטיזם, ווייל דער קליין־הענדלער איז דאָרטן דער איד. מיר דעקן אויף דעם אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער פון דער רעגירונג און פון יענע פאָלקס־מאַסן. מיר מאַכן פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס אַנטקעגן זיי. אין דעם באַשולדיקונגס־אַקט, אין פילע פּונקטן אַ באַרעכטיקטן, שטעלן מיר אַריין דעם גרויסן חטא פון אונטערגראָבן דעם אידישן האַנדל אויך דורך קאָאָפּעראַטיוון? וואָס פאַראַ פּנים האָבן מיר דערביי? אַ פּנים פון עקל און חוזק! אַ פּנים פון אמת'ע סאָציאַל־רעאַקציאָנערן! און אויף וויפל די פּוילישע אידנשאַפט האָט אַוועלכע עס איז מאַכט אַריינצושטעקן פּלעקענער אין די רעדער פון אָט דער פרידלעכער סאָציאַלער עוואָלוציע, איז אונזער ראָלע דערביי ניט נאָר אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע, נאָר דירעקט אַ פּראָגרעס־פיינטלעכע. קען אַ סאָציאַליסט זיך אויספיינען מיט אָט דער שיינער ראָלע אונזערער?"

זינדיק אויך קעגן דער „האַלב־פאַשיסטישער" רעגירונג...

בלויז איין זאַך האָט דאָ זשיטלאָווסקי פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז אידן האָט מען אין די קאָאָפּעראַטיוון ניט אַריינגעלאָזט . . .

און דאָס איז די פּערטע פּעריאָדע אין דער פּוילישער געשיכטע, און די פּערטע סעריע אומגליקן וואָס אידן האָבן געבראַכט אויף פּוילן.

און אַזוי זיינען מיר מיט זשיטלאָווסקי'ן פאַמעלעכקע דורכגעגאַנגען גאַנצע עטלעכע הונדערט יאָר אידישע געשיכטע אין פּוילן, פון די „ערשטע" איינוואַנדערונגען ביז צום אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אומעטום האָבן מיר געפונען אַז די אידן זיינען געווען אַ „פּראָגרעס־פיינטלעכער" עלעמענט אין פּוילן, פּלעקענער אין די רעדער פון איר פּראָגרעס און סאָציאַלער עוואָלוציע.

און מיר האָבן אויך מיט אים דורכגעבליקט די אידישע געשיכטע אין רוסלאַנד. מיט דיזעלבע פינסטערע רעזולטאַטן.

און אַז מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט לאָמיר שוין אויסטרינקען דעם ביטערן בעכער ביזן דעק.

אין דעמזעלביקן אַרטיקל מאַכט זשיטלאָווסקי אַ מין פליענדיקן

איבערבליק איבער דער גאַנצער ראָלע פון אידן אומעטום, אין אַלע לענדער, צווישן אַלע פעלקער ,אונטער אַלערליי רעזשימען, קאַפּיטאַ־ליסטישע, סאָציאַליסטישע (סאָוועט־רוסלאַנד) און האַלב־פאַשיסטישע (פוילן), און ער פירט אונטער פאָלגנדיקן ביטערן סך־הכל, און אַלץ פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט (אַן סאָציאַליזם האָט ער זיך קיין קער ניט געגעבן):

„פון אָט דעם סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט באַזעען, איז דער גאַנצער סאָציאַ־לער בנין פון דעם אידישן פאָלק 1) אַ פּאַטש אין פּנים דעם סאָציאַליזם; 2) אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם ביי די אידישע פאָלקס־מאַסן; 3) אַ שטער פאַר דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד, אין די גרעניצן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים; 4) אַ ביין אין האַלז דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע דאָרטן, וואו זי רייסט זיך אַרויס; 5) דער וויכטיקסטער קוואַל, וואָס שפּייזט דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס פאַר׳סמ׳ט מיט זיין גיפט די פאָלקס־מאַסן און פאַרטויבט זייער אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון זייער אייגענער סאָציאַלער באַפרייאונג" („וועקער", נאָוו. 20, 1937).

אָפּגעזאָגט אונז פון אַלע עולמות...

דער לעצטער פונקט, פונקט 5, איז שוין גאָר, גאָר אויסטער־ליש! די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט וואָלטן טאָג און נאַכט רק געטראַכט פון זייער סאָציאַלער באַפרייאונג; זיי וואָלטן פאַרן שלאָף געטרונקען שוואַרצע קאַווע בכיוון זיי זאָלן ניט קענען שלאָפן און זאָלן נאָר טראַכטן פון זייער סאָציאַלער באַפרייאונג — ווען די אידן פאַרטשאַדען זיי ניט מיטן אַנטיסעמיטיזם וואָס זיי בריען אַליין אויס מיט זייער פּאַראַזיטיזם. די פאָלקס־מאַסן פון אַלע לענדער וואָלטן אַלע אַוודאי געווען סאָציאַליסטן, אפשר גאָר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן, נאָר ווי האָבן זיי צייט צו זיין סאָציאַליסטן, אַז מיר אידן האַלטן זיי „ביזי" (פאַרנומען) מיט זיין אַנטיסעמיטן!

אין פוילן אַמאָל האָבן מיר די גוים געהאַלטן פאַרטשאַדעט מיט אונזער בראָנפן. היינט האַלטן מיר זיי פאַרטשאַדעט מיט אַנטיסע־מיטיזם — אַזאַ „טשאַד" וואָס אידן גיבן פון זיך אַרויס...

אַך די אידן, די אידן! ווי וואָלט שוין די וועלט ניט געהאַלטן, ווען ניט די „פאַרפלוכטע יודן"...

אָט דאָס איז די אידישע געשיכטע, און אַ פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע, אויסגעשטעלט און פאַרפונדעוועט פון זשיט־לאָווסקי דעם דענקער, דעם געלערטן, דעם וויסנשאַפטמאַן.

וואָס בלייבט צו זאָגן וועגן אַזאַ תורה וואָס איז גאָלע תוכחה אויף אידישע קעפּ?

עס בלייבט צו זאָגן, אַז פאַר אַ סך ווייניקער ווי דאָס האָט זשיטלאָווסקי אָנגערופן קאַרל מאַרקס׳ן אַנטיסעמיט.

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער פאַקט און אַן אינטערעסאַנטע שטיקל פסיכאָלאָגיע וואָס איז זייער כדאי צו פאַרצייכענען.

אין אַ דאָקומענט פון זשיטלאָווסקי'ן, געשריבן אין יאָר 1936, און פאַרעפנטלעכט ערשט נאָך זיין טויט, שטייט געשריבן אַזוי:

„וואָס איז שייך מאַרקס'עס „אַנטיסעמיטיזם", איז ער טאַקע נעבעך געווען אַן אַנטיסעמיט, לויט זיין שטימונג. און דאָס איז ניט פאַר די אידישע אַלטע חטאים אין דעם פעאָדאַלן רעזשים, נאָר פאַר אונזער כאַראַקטער פון אַ האַנדלס־פאָלק בכלל און פון געלט־הענדלער בפרט. זיין אויסדרוק אין „קאַפּיטאַל", אַז די האַנדלס־פעלקער פונם אַלטערטום האָבן געלעבט „ווי די יודן אין דען פאָרען דער פּאָלנישן געזעלשאַפט" גיט איבער זיין בליק אויף די אידן ערשטנס ווי — אויף אַנדערע אָרגאַניזמען, און צווייטנס ווי אויף פּאַראַזיטן. זיין אַנטי־אידישע שטימונג אָבער האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער צייט פונם קרימער קריג, ווידער אָפּגעדרוקט אין זיין „איסטערן קוועשציאָן". האָפנטלעך האָט איר דאָס בוך דורכגעלייענט. דאָרטן זיינען בכלל דאָ אַ היפּש ביסל באַמערקונגען וועגן נאַציאָנאַלע ענינים: אַזוי — וועגן דער סלאַווישער פראַגע אין עסטרייך. גראָד אין אָט דעם בוך איז דאָ אַ קאַפּיטל וועגן די „פּולדאָס" און די פרומע מזרח־אידן, וואו מאַרקס'עס „אַנטיסעמיטיק פילינג" — נעמט ניט פאַר אומגוט — שטינקט פאַר אַ מייל" („אויפן שוועל", אַפּריל־מאַי, 1944).

עס פרעגט זיך אָבער: וואָס אַזוינס האָט מאַרקס געזאָגט אויף אידן וואָס זשיטלאָווסקי האָט ניט געזאָגט?

נאָר דאָס איז אגב אורחא. לאָמיר אָפּשליסן דעם ענין פּוילן. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז זיין ווייסנשאַפט און זיין פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע און לעבן אין פּוילן האָט זשיטלאָווסקי פונדעסטוועגן פון פינגער ניט געזויגן. ער האָט מסתמא געהאַט אַ מקור.

פאַראַן מקורים פאַר אַזאַ אויפפאַסונג פון די אידן אין פּוילן.

אַ באַגריף פון זיי געפינען מיר, למשל, אין ב. מאַרק'ס „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן". ער שרייבט (ב. 1, ז. 9):

„...אַנדזשיי גערטיך, דער היינטצייטיקער ענדעקישער הויף־געשיכטלער. ער זעט „די אידישע האַנט" ניט בלויז אין די אויפשטאַנדן; ער זעט זי אומעטום, אין אַלע פעריאָדן פון דער פּוילישער געשיכטע, אין אַלע אומגליקן פון פּוילישן פאָלק. לויט נוסח גערטיך איז גאָר נישט פאַראַן קיין פּוילישע געשיכטע, נאָר אַ אידישע געשיכטע אויף פּוילישער ערד. די פּוילישע געשיכטע האָבן — לויט גערטיכ'ן — נישט געמאַכט די פּאָליאַקן, נאָר די אידן, און דעריבער איז פּוילן אונטערגעגאַנגען".

ניין, זשיטלאָווסקי איז ניט דער איינציקער וואָס האָט אַזוי אויפגעפּאַסט די געשיכטע פון די אידן אין פוילן . . .

מ'דערציילט אונז אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געפּלאַנעוועט צו שרייבן אַ געשיכטע פון אידישן פאָלק. ניט אַנדערש אַז נאָר מן השמים האָט מען אונז אויסגעה׳׳ט דערפון. די אבות האָבן זיך געמיט פון אונזערטוועגן. וואָרים אַ שיינעם פּנים וואָלטן מיר דאָרט געהאַט . . .

ס'וואָלט געווען אַ געשיכטע פון דעם טייוול אין אידנגעשטאַלט . . .

זשיטלאָווסקי צווישן איד און גוי

.1

מען מוז בלייבן שטיין פאַרוואונדערט און פאַרגאַפּט אין אָנגעזיכט פון דער ממש ענציקלאָפּעדישער אַלזייטיקייט מיט וועלכער זשיטלאָווסקי האָט אַרומגענומען און דורכגעבליקט די אידישע קללה־דיקייט פאַר דער וועלט. באַגאַבט מיט יענעם מין ראיה וואָס זעט אפילו אין דער פינסטער, האָט זיין אויג נאָכגעשפּירט דעם אידישן וואָרים ווי ער האָט זיך איינגעווערימט אין די פיינסטע און פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון דעם גויאישן גוף און נשמה. און ניט אַליין דאָס וואָס ער האָט דאָרט געזויגן די פרעמדע זאַפט, נאָר ער האָט אויך גורם געווען קראַנקהייט און פאַרדאַרבונג. שיר ניט אַלע צרות פון דער וועלט פירט זשיטלאָווסקי צוריק צו איין סיבה — דעם אידן. אויב די מאַסן פון דער וועלט זיינען ניט געוואָרן קיין סאָציאַליסטן — שולדיק איז דער איד. אויב „שיכור איז אַ גוי״ — ווידער איז שולדיק דער איד. די פראַנצויזן, די אונגאַרן, די איטאַליענער, די שפּאַניער האָבן געמאַכט וויין, די ענגלענדער — וויסקי, די דייטשן — ביר, די רוסן — וואָדקע, אָבער אויסגעלערנט דעם גוי צו טרינקען האָט דער איד.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז אַזאַ אַלזייטיק־שנאה'דיקע שטעלונג צו דעם היסטאָרישן סטאַטוס פון די אידן אין די גלות־לענדער האָט ביי זשיטלאָווסקי'ן געקענט שטאַמען אינגאַנצן פון זיין סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג. קודם־כל האָבן מיר געזען, אַז דער האַנדל איז ניט אין אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ חטא, ניט אין דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אודאי ניט אין די עפּאָכן פון פאַר דעם קאַפּיטאַליזם. פאַרקערט, עס איז אים צוגעשריבן געוואָרן אַ גרויסע פּראָגרעסיווע ראָלע. מיר האָבן אויך געזען אַז זשיטלאָווסקי אַליין האָט דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס פון דעם גויאישן מיטלשטאַנד גאָרניט פאַרדאַמט: ער האָט אים, אדרבא, דערקלערט פאַר דעם העכסטן שעפער פון קולטור און סאָציאַלן פּראָגרעס. זיין גאַנצע סאָציאַליס־

טישע שנאה האָט ער אויסגעגאָסן אויפן אידישן האַנדל און עקאָנאָ־מישער טעטיקייט.

ניין, מיט סאָציאַליסטישער איינשטעלונג אַליין דעקט זיך ניט זשיטלאָווסקי'ס שנאה צום עקאָנאָמישן אידן. עס מוז זיין נאָך עפּעס דערצו. און עס איז, נאָך מיין מיינונג, דאָ נאָך אַן עלעמענט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך, אין זשיטלאָווסקי'ן, אומגעפּער דעם־זעלבן פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין קאַרל מאַרקס'ן אין זיין באַהאַנדלונג פון דעם אידישן פּראָבלעם.

לאָמיר דאָ אָפּפרישן אין זכרון וואָס דער יונגער מאַרקס האָט געשריבן וועגן אידן.

„לאָמיר זיך צוקוקן — זאָגט ער — צום וועלטלעכן, צום וואָכע־דיקן אידן, נישט צו בויער'ס שבת־אידן. לאָמיר אַ זוך טאָן דעם סוד פון דעם אידן ניט אין רעליגיע, נאָר פאַרקערט: לאָמיר זוכן דעם סוד פון דער רעליגיע אין דעם אמת'ן וועזן פון דעם אידן. וואָס איז דער פּראַקטישער יסוד פון אידנטום? תכלית, עגאָאיזם. וואָס איז דעם אידנ'ס וואָכעדיקער קולט? געשעפטמאַכעריי. וואָס איז זיין וועלטלעכער גאָט? געלט. דעריבער איז די עמאַנסיפּאַציע פון אונזער עפּאָכע — מ'זאָל זיך עמאַנסיפּירן פון געשעפטמאַכעריי און פון געלט, ד. ה. מ'זאָל זיך עמאַנסיפּירן פונם פּראַקטישן, רעאַלן אידנטום. ביי אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס קיין געשעפט־מאַכעריי זאָל דאָרט ניט מעגלעך זיין, וואָלטן אידן ניט מעגלעך גע־ווען... אויף זיין שטייגער האָט זיך דער איד שוין עמאַנסיפּירט: מיט געלט האָט ער שוין דערלאַנגט די מאַכט. געלט איז די וועלט, מיט דעם אידן און אָן אים. דער פּראַקטישער גייסט פון אידנטום איז איצט געוואָרן דער פּראַקטישער גייסט ביי קריסטלעכע פעלקער. אידן זיינען אַזוי ווייט עמאַנסיפּירט, ווי ווייט קריסטן זיינען געוואָרן אידן. דער אידישער גאָט איז געוואָרן דער וועלט־גאָט. אַ וועקסל — דאָס איז דער רעאַלער גאָט ביי אידן. די אויסגעטראַכטע אידישע נאַציאָנאַליטעט איז די נאַציאָנאַליטעט פון אַ סוחר, פון אַ געלט־מענשן בכלל . . . געזעלשאַפטלעך עמאַנסיפּירן אידן — דאָס הייסט אייגנטלעך עמאַנסיפּירן די געזעלשאַפט פון אידנטום".

אין דערדאָזיקער אָפּשאַצונג מאַרקס'עס פון אידן איז ניטאָ קיין סימן פון אַ פאַרשטענדעניש פון אידישקייט. און ווייניקער פון אַלץ איז דאָ מאַרקס אַ מאַרקסיסט. ס'איז גאָרניט מעשה מאַרקסיזם צו זוכן די דערקלערונג פון דעם אידנ'ס עקאָנאָמישער ראָלע אין דעם „וועזן פון דעם אידן". מאַרקס איז דאָ אָפּגעטראָטן פון די היסטאָרישע פּראָצעסן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און האָט זיך אַריינגעראָבן מיט שאַרפע נעגל אין דעם אידישן וועזן. אויך אין זיין

שפעטערדיקן „קאַפּיטאַל" האָט ער מיט דעם אידן געמאַכט אַן אויס־גאַם און האָט אים געשטעלט אין אַ באַזונדער באַלייכטונג, אַ באַ־לייכטונג וואָס וואַקסט גאָרניט אַרויס נאַטירלעך פון זיין גאַנצער טעאָריע.

וואָס האָט באַווירקט מאַרקס'ן אַזוי צו שרייבן וועגן אידן ?

דאָס איז געווען אַ פּסיכאָלאָגישער עלעמענט, וואָס איז געלעגן אינגאַנצן דרויסן פון די יסודות פון זיין סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע.

און איך גלויב אַז ש. דובנאָוו האָט געפונען אַ ריכטיקע באַציי־כענונג פאַר דעמדאָזיקן זייטיקן עלעמענט. ער רופט עס אָן : מעטאַ־פיזישער אידנהאַס.

„נאָך בערנע'ס און היינע'ס דור — שרייבט דובנאָוו — איז געקומען אַ נייער דור „אָפּגעשיידטע". זיי זיינען שוין געווען פאַר־פרעמדט צו אידן פון קינדוייז אָן, אָדער נאָך קינדוייז גע'שמד'ט, ווי אַ סך תכלית־עלטערן האָבן דאָס געטאָן. זיי האָבן שוין ניט געוואוסט פון קיין בענקשאַפט נאָך דעם פאַרלאָזטן פאָלק, אַזוי ווי מיר האָבן עס צוגעזען ביי אַ דור פריער, וואָס האָט נאָך געהאַט יוגנט־זכרונות פון אַ פרומצייטיק אידיש לעבן. דער גרעסטער טייל פרישגעבאַקענע דייטשן האָט שוין נישט געקלערט פונם פאָלק און פון זיין היסטאָרישן גורל. דאָס פאָלק איז זיי ווילד־פרעמד געווען ; נאָכמער, אַנדערע האָבן שוין געפילט אַ האַס צום פאָלק און האָבן זיך געזוכט אַ חקירה צו פאַרענטפערן די אַנטיפּאַטיע. צו אַזוינע האָט געהערט דער יונגער קאַרל מאַרקס" (די נייסטע געשיכטע פון אידישן פאָלק, ב. 2, ז. 90—91).

די שנאה מאַכט בלינד. און אַזוי האָט מאַרקס פאַרקרימט זיין מאַטעריאַליסטישע טעאָריע, כדי אויסצולאָדן זיין „מעטאַפיזישן אידנ־האַס", פאַר'חקירה'ן די אַנטיפּאַטיע. אַזוי ווי דובאָנוו באַמערקט טיפ־זיניק אין אַן אַנדער אָרט ; „אפילו אַ היסטאָריקער קען אונטערן איינ־פלוס פון אַ הערשנדיקער אידעאָלאָגיע איבערדרייען דעם זין פון געשיכטע".

עפּעס אַזאַ פּסיכאָלאָגישע פאַרבלענדעניש איז אויך געשען מיט זשיטלאָווסקי'ן. איין עלעמענט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין צווייטן און האָט אים באַפאַרבט. ביי מאַרקס'ן איז עס געווען זיין אַנטיפּאַטיע צו אידן, ביי זשיטלאָווסקי'ן איז עס געווען זיין אַנטיפּאַטיע צו אי־דישקייט — אַ מעטאַפיזישער אידישקייט־האַס.

וואָרים זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע אַנטיפּאַטיע צום אַלטן גייסטיקן אידן, און דאָס האָט זיך ביי אים אויסגעלאָדן אויפ'ן עקאָנאָמישן אידן.

איז זשיטלאָווסקי דאָ געפירט געוואָרן פון זיין אייגענער פּסיכאָ־

לאָגיע, און דערצו איז ער נאָך באַווירקט געוואָרן פון מאַרקס'ן. ער האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן רבי'ן. האַלטנדיק מאַרקס'ן פאַר אַן אַנטיסעמיט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן שטענדיק געשטיצט אויף אים וואָס שייך אידן. און ביי אים האָט ער טאַקע גענומען זיין „אידישע טערמינאָלאָגיע", זיין בליק אויף די אידן ווי אויף „פּאַראַזיטן". זיין גאַנץ לעבן האָט ער באַקעמפט מאַרקס'ן, אָבער בנוגע אידן פלעגט ער אָפט זאָגן: לאָמיר הערן וואָס זאָגט מאַרקס...

מיט אַזאַ שותף איז ניט געווען וואָס זיך צו שעמען. פאַרקערט, מ'האָט זיך נאָך געקענט איבערנעמען. ווי עס זאָגט עדות דר. א. גינז־בורג אין אַן אַרטיקל, וואו ער טאַדלט זשיטלאָווסקי'ן פאַר געברויכן די אַנטיסעמיטישע טענות, און ער זאָגט אין זיין מילד־סאַטירישן נוסח:

„מיין איך דאָ ניט, חס ושלום, צו באַשולדיקן דעם דאָקטאָר זשיטלאָווסקי אין אַנטיסעמיטיזם, כאָטש דער דאָקטאָר האָט זיך באַרימט (אונטערגעשטראָכן פון דר. גינזבורג'ן — ל.) אַז נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט מען אים אין דעם באַשולדיקט" (פאָרווערטס", יוני 11, 1936).

2.

זשיטלאָווסקי'ס אַנטיפּאַטיע צו דער אַלטער, היסטאָרישער אי־דישקייט איז אין לשער. זי איז ניט מיט אַן אַרשין אויסצומעסטן און ניט מיט עמערס אויסצושעפּן. איך מוז דאָ איבערזאָגן וואָס כ'האָב געזאָגט אין אַן אַנדער אָרט, אַז אויפן גרונט פון זיין אינערלעכן וועזן איז געלעגן אַ גוואַלדיקע פאַרהערלעכונג פון דעם מהות גוי און אַן אומגעהויערע פאַראַכטונג פון דעם מהות איד.

ווען זשיטלאָווסקי איז אַרויס פון חדר און איז אַריין אין גימ־נאַזיע, איז ער, אויפן שטייגער פון יענע צייטן, געוואָרן אַן אַסי־מילאַטאָר. „אין אַ שאַרף נעגאַטיוון — שרייבט ער — און באַ־וואוסטזיניק אַנטי־אידישן זין (אונטערגעשטראָכן פון זש.) האָט אויף מיר געווירקט די גימנאַזיע", וואוהין ער איז אַריינגעטראָטן, ווען ער איז אַלט געווען איבער פערצן יאָר (זכרונות, ב. 2, ז. 15). אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט ער זיך „דערווייטערט פון דעם אידישן פאָלק, פון זיין לעבן, פון זיין שפּראַך און פון זיינע טראַדיציעס" (דאָרט ז. 16). אין 1882 ווען ער איז שוין געווען אַ בחור'ל פון אַ יאָר אַכצן און איז געפאָרן קיין „טיף ראַסיי", האָט ער אין זיינע געדאַנקען זיך שוין לאַנג גערעכנט פאַר אַ „רוס" — שרייבט ער — און דאָרטן, אין טולע, איז ער „אין אַ קורצער צייט געוואָרן פאַקטיש רוסיפיצירט" (זכרונות, ב. 1, ז. 270).

דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געגעבן אויף צוריק און איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט, מיט זיין אייגענער טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זשיטלאָווסקי געווען געגויגט צו גלויבן, אַז די „אַסימילאַטאָרישקייט פון זיין און אַנסקי׳ס דור״ איז אין תוך, און פּסיכאָלאָגיש, געווען בלויז אַ „זייער אויבערפלאַכיקער עפּיזאָד״. בנוגע זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע, האָט ער געהאַלטן, שטימט עס נאָך מער ווי בנוגע אַנסקי׳ס.

זשיטלאָווסקי האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט זיין דער אָביעקטיווסטער ריכטער פון זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע. ווען מען טראַכט זיך אַריין אין זיין לערע פון אידישקייט בלייבט ניט דער קלענסטער ספק, אַז אין תוך האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַפרייט צוריק פון זיין אַסימילאַטאָרישקייט. ער איז געבליבן אויף שטענדיק אַ תינוק שנשבה.

און דער מענש וואָס האָט דער ערשטער אָנגעטאַפּט זשיטלאָווסקי׳ס „אידישן דופק״ און האָט געפונען אַז ער קלאַפּט זייער, זייער שוואַך, איז געווען דער נאָענטסטער צו זשיטלאָווסקי׳ס אייגענער וועלט, איינער וואָס איז האָנט אין האָנט געגאַנגען מיט אים דעם גאַנצן וועג היין און צוריק צווישן איד און גוי. דאָס איז געווען זיין חבר און פריינט און מיטאַרבעטער ש. אַנסקי.

מיר געפינען אַ כאַראַקטעריסטישע שטעל ביי זשיטלאָווסקי׳ן וואו ער מעסט אָפּ אַנסקי׳ן, און ביי אַנסקי׳ן, וואו עס מעסט אָפּ זשיטלאָווסקי׳ן.

זשיטלאָווסקי רעדט אין איין אָרט וועגן אַנסקי׳ס צווייטער נאָוועלע „מענדל דער טערק״ און ער זאָגט וועגן אירע העלדן:

„זייער אָפּשאַצונג אין אַנסקי׳ס געפיל קומט דעריבער אַרויס אַביסל אַ צעשפּאָלטענע. מ׳זעט אַז דער מחבר שטייט נאָך דרויסן פון יענער נשמה, וואָס לעבט נאָך אין זיינע העלדן. ער פאַרשטייט זי, ער קלייבט נחת פון איר, אָבער ער קען זיך ניט צונויפגיסן מיט איר. דאָס איז ביי אים געשען ערשט אַ סך שפּעטער, ווען די אידישע נשמה האָט ער גענומען באַטראַכטן ניט פון דרויסן, נאָר פון אינווייניק. דעמאָלט ערשט איז אָבער אויך איר זיך געוואָרן קלאָרער פאַר אים, און טיפער האָט ער געקאָנט אַריינבליקן אין איר טיף״ (זכרונות, ב. 1, ז. 109).

האָבן מיר דאָ די אָפּשאַצונג פון זשיטלאָווסקי׳ן און זיין עדות אַז אַנסקי האָט איבערוואונדן זיין אַסימילאַטאָרישע יוגנט און ער האָט דערגרייכט צוריק די מדרגה, וואו ער האָט געקענט גאַנץ אין דער טיף זיך צונויפגיסן מיט די אידישע נשמות פון זיינע העלדן.

אָבער אין זשיטלאָווסקי׳ן האָט אַנסקי ניט אָנערקענט אַזאַ מדרגה.

אַנסקי האָט זיין אָפּשאַצונג אַריינגעזאָגט זשיטלאָווסקי׳ן גלייך אין פּנים אַריין אין דעם הייסן וכוח וואָס האָט זיך אָנגעצונדן צווישן זיי איבער דער „צלם־פּראַגע״ און איבער זשיטלאָווסקי׳ס אַרויס־טריט מיט אַ נאַציאָנאַלן פּלאַן צו רעווידירן דעם „דרייפוס־פּראָצעס״ בנוגע ישו׳ן. און אַנסקי זאָגט דעמאָלט, אַז אַ איד וואָס קען קומען מיט אַזאַ געדאַנק —

„איז אַזאַ איד וועלכער רעדט וועגן אידישער קולטור, וועלכער בענקט נאָך איר, אָבער וועלכער האָט שטענדיק געלעבט מיט פרעמדע קולטורן און קען זיך ניט פאָרשטעלן קיין אַנדערן גייסטיקן לעבן חוץ זיי״ (אונטערגעשטראָכן פון אַנסקי׳ן: „דאָס נייע לעבן״, באַנד 1, ז. 614).

אַנסקי׳ס דעמאָלדיקער אַרויסטריט קעגן זשיטלאָווסקי׳ן אויפן באָדן פון קריסטנטום איז געווען איינער פון די העפטיקסטע אָנגריפן וואָס זיינען ווען געמאַכט געוואָרן אויף אים, העפטיקער אפילו ווי דובנאָוו׳ס איז געווען אין דערזעלבער שייכות (זע דאָ ווייטער, ז. 144). זשיטלאָווסקי האָט פּראָטעסטירט למאי אַנסקי, און אַנדערע, באַ־שולדיקן אים אַז ער רופט צו שמד, אָבער אין זיינע פּראָטעסטן און טענות האָט זיך גראָד אויפגעדעקט דער טיפער אָפּגרונט וואָס איז געלעגן צווישן אים און דער אַלטער פיל־טויזנט יעריקער אידישער קולטור.

מיט פּאַטאָס שרייט ער דעמאָלט אויס:

„איך האַלט די ציוויליזאַציע פון די געבילדעטע קריסטלעכע פעלקער פאַר דער בעסטער און פּראָגרעסיווסטער פון אַלע ציוויליזאַציעס . . . איך האָב אַ רעכט צו וועלן און צו אַגיטירן, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך ניט האַלטן פאַר דער ציוויליזאַציע פון דעם תלמוד, דער קבלה און דעם צמח צדק . . . איך האַלט אַז די קולטור פון דעם תלמוד און דעם צמח צדק איז נידעריקער פאַר דער קולטור פון ראַפאַעל, דאַנטע און באַך. אויב דאָס אידישע פאָלק וואָלט באַדאַרפט אויפהאַלטן זיין עקזיסטענץ צוליב דעם תלמוד און דעם צמח צדק וואָלט אפשר זיין גאַנצער קאַמף געווען אַן אַבסורד. די רבניש־תלמודיש־צמח־צדק׳שע וועלט איז אפשר גאָרניט ווערט די טייכן פאַרגאָסענע אידישע בלוט״ („דאָס נייע לעבן״, ב. 1, ז. 742).

דאָ אַנטפּלעקט זשיטלאָווסקי אַליין זיין פאַרפרעמדונג פון אידישן גייסט נאָך אַ סך שאַרפער אפילו ווי אַנסקי האָט עס אויסגעדריקט.

אויב ניט צוליב דעם תלמוד און דעם צמח צדק, צוליב וואָס זשע האָבן אידן געלאָזט פאַרגיסן זייער בלוט טייכנווייז? דער היסטאָ־

רישער איד איז דער תלמוד־איד. קעגן אַט דעם אידן האָט די וועלט געקעמפט און אַט דעם אידן האָט דאָס אידישע פאָלק פאַרטיידיקט אין בלוט אַריין. דער „תלמוד־איד" איז אַ באַשטימטער באַגריף, אין וועלכן אַנטיסעמיטן האָבן אַריינגעלייגט אַ גרויסע פאַראַכטונג. מען האָט געבערענט דעם תלמוד צוזאַמען מיט דעם „תלמוד־יודע".

נון, איז עס פאַר זשיטלאָווסקי'ן אַן אַבסורד. אים וואָלט געווען פאַרשטענדלעכער ווען אידן זאָלן זיך געווען לאָזן ברענען און בראָטן פאַר ראַפאַעל, דאַנטע און באַך.

עס בעט זיך אַביסל אַ חקירה צו טאָן וועגן דידאָזיקע דריי נעמען. די דריי נעמען גענומען אינאיינעם מיינען — די רענעסאַנס, גענומען באַזונדער מיינען זיי — קונסט, ליטעראַטור און מוזיק. אין ענגערן זין — קריסטלעכע קונסט, ליטעראַטור און מוזיק. און אַזוי האָט עס זשיטלאָווסקי טאַקע אויפגעפאַסט.

אין דעמדאָזיקן געדאַנקענגאַנג זשיטלאָווסקי'ס פעלט ניט נאָר נאַציאָנאַלע אחריות, נאָר אויך פשוט'ע וויסנשאַפטלעכע אחריות.

אַז אין דער רענעסאַנס־באַוועגונג בכלל האָבן אידן, אידישע געלערנטע, דענקער, איבערזעצער, רייזנדע קולטור־טרעגער, פאַרבינדער פון לענדער, געשפילט אַ ריזיקע ראָלע און געהאַט אַ גוואַלדיקן חלק — דאָס וויס יעדער איינער וואָס האָט געלייענט אידישע געשיכטע מיט אַ אידישער אויג און אַ אידיש האַרץ. עס איז ניט נויטיק דאָ מאריך צו זיין וועגן דעם. פונדעסטוועגן האָבן יענע אידישע דירעקטע בויער פון דער רענעסאַנס געוואוסט אַוועקצושטעלן אַ גרעניץ צווישן דער קולטור פון דער רענעסאַנס און דער „רבניש־תלמודיש־צמח־צדק'שער קולטור". זיי האָבן ניט געהאַלטן אַז יענע איז העכער און האָבן ניט געוואָלט אויסבייטן דעם תלמוד אויף דאַנטע'ן.

ווען מ'זאָגט „דאַנטע" מיינט מען, פאַרשטייט זיך, זיין „געטלעכע קאָמעדיע".

וואָס האָט זשיטלאָווסקי געפונען אַזוינס אין דאַנטע'ס „געטלעכער קאָמעדיע", וואָס ער האָט זי געשטעלט העכער פון דעם תלמוד?

אין דער „געטלעכער קאָמעדיע" פירט ווירגיל אַרום דאַנטע'ן און ווייזט אים דעם גיהנום און זיינע שרעקן. איז דער קאַטוילישער גיהנום פון דאַנטע'ן אַ שענערער, באַקוועמערער גיהנום ווי דער גיהנום פון דעם תלמוד?

ווען דאַנטע און ווירגיל קומען צו צום גן־עדן, זאָגט ווירגיל, אונטערטעניק, צו דאַנטע'ן: איך בלייב דאָ, אין פאָדערהויז, צווישן

גיהנום און גן־עדן, איך קען דיך ווייטער ניט פירן, אין גן־עדן קען איך ניט אַריין . . .

און דאָ אין דעם צווישנהויז וואוינען אַלע גדולים פון דער אַנ־טיקער וועלט: אַריסטאָטעלעס, פּלאַטאָן, סאָקראַטעס. קיינער פון זיי קען ניט אַרייננגיין אין גן־עדן.

פאַרוואָס?

ווייל זיי זיינען ניט געווען קיין קריסטן. ריכטיקער — קיין קאַטאָליקן.

קיין גיהנום קומט זיי ניט, ווייל זיי האָבן געלעבט נאָך פאַרן קומען פון דעם „דערלייזער". זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט דעם „אמת". אָבער דעם גן־עדן קענען זיי ניט האָבן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט אויף זיך קיין טויפוואַסער. ניט געטראָגן און ניט געקושט דעם צלם.

דער גן־עדן געהערט נאָר צו קריסטן. דאָס איז די פּאָעזיע און די פילאָזאָפיע פון דאַנטע'ס „געטלעכער קאָמעדיע".

אָבער וואָס זאָגט, להבדיל, דער תלמוד וועגן גן־עדן?

דער תלמוד זאָגט: חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא. גוטע גוים גייען אויך אַריין אין גן־עדן. ווירגיל איז אפשר אויך דאָרט. און אַריסטאָטעלעס איז אודאי אין גן־עדן. ער איז פון איינעם פון די אידישע מקובלים, אין אַ שריפט פון ר' משה בוטריל, בפירוש אַריינגעזעצט געוואָרן „בעדן גן החיים". דער איד האָט אפילו אויף אַריסטאָטעלעס'ן געזאָגט דאָרט דעם מאמר חז"ל: חכם עדיף מנביא.

וואָס זשע האָט על פי יושר פאַר זשיטלאָווסקי'ן געדאַרפט זיין גרעסער, דער תלמוד אָדער דאַנטע?

ביים שוועל פון גן־עדן ווערט דאַנטע באַגעגנט פון זיין — בעאַטריטשע'ן. זי ווערט דאָ זיין פירערין אָנשטאָט ווירגיל'ן. און זי פירט אים אַרום און ווייזט אים די פּראַכטן און הערליכקייטן פון דער אמת'ער וועלט. ביז זי דערפירט אים צום אמת'ן געט־לעכן מקור און ער זעט את פני השכינה.

און ווען אַ אידן איז שוין באַשערט אַז עמיצער זאָל אים אַרויס־קומען אַנטקעגן און אים פאַרבעטן אין גן עדן אַריין — ווער זאָל עס זיין: בעאַטריטשע אָדער די מוטער רחל? צי שרה בת־טובים?

זשיטלאָווסקי'ן איז בעסער געפעלן בעאַטריטשע . . .

און מחשבות'ן: לויט דאַנטע'ס קאָטוילִיציזם קען אַ איד בכלל ניט אַריינקומען אין גן־עדן. ערשט דער איד ניט! נאָך ווייניקער ווי די פאַרקריסטלעכע היידן. ווייל דער איד האָט שוין „געוואוסט", און האָט ניט געוואָלט. ער האָט בידים פאַרשטויסן דעם דערלייזער. דעם אידנ'ס פאַרדינטער פּלאַץ איז דער גיהנום.

דער קריסטלעכער גן־עדן איז דער ערשטער אַנטיסעמיטישער האָטעל, וואו מ'נעמט ניט אַריין קיין אידן...

זשיטלאָווסקי איז אַ איד. און דאַנטע לאָזט אים ניט אַריין אין זיין גן־עדן. טאָ וואָס האָט ער זיך אַזוי באַגייסטערט פאַר דאַנטע'ן? וואָס האָט ער זיך געשטופּט וואו מ'האָט אים ניט געוואָלט?

און ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק וועט שוין זשיטלאָווסקי מוזן נעבעך אָפּפינסטערן דאָס ביסל אייביקייט אין אידישן גן־עדן...

ניין, דער צמח צדק האָט בעסער פאַרשטאַנען דעם ענין ווי זשיטלאָווסקי . . .

ווייטער. ראַפאַעל און באַך. ס'איז טראַגי־קאָמיש ווען עס קומט אויס צו זאָגן, אויפן סמך פון זשיטלאָווסקי'ס שיטה, אַז די משה'לעך און שלמה'לעך, איידער צו זיצן איבער די גמרא'ס און זיך שפּאַרן אין תורה, האָבן בעסער געדאַרפט שפּאַצירן איבער די מוזייען און זיך קוויקן מיט די מאַלערייען פון ראַפאַעל; און דער נודע ביהודה, אָדער טאָקע דער צמח צדק, איידער זיך צו גריבלען אין הלכה, האָבן בעסער געדאַרפט לערנען הלכות פאַרבנקונסט ביי מיקל אַנדזשעלאָ און די דינים פון קאָנטראַפּונקט ביי באַכ'ן...

און מען איז גלאַט אַ לועג לרש ווען מ'קומט פאָדערן פון אַן אָרימן, אייביק פאַגראָמירטן פאָלק מוזייען און באַכישע קאָנצערט־זאַלן, וואָס זיינען אפילו ביי די אומות העולם געווען, איבערהויפּט אין פריערדיקע צייטן, אַן ענין פון שררות, און איינגעפונדעוועטע מלוכות, און ניט ווייניק איז עס געווען פאַרבונדן מיט עקספּלואַטאַציע און מיט מלחמות און רויב פון פאָלק איבער פאָלק.

אין דידאַזיקע שיטות, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אונז פאָרגעלייגט מיט אַזוי פיל פּאָמפּע, איז ניטאָ דער מינדסטער חוש פאַרן אידישן לעבן. זיי האָבן קיין שום שייכות ניט צו אידישערווירקלעכקייט, ניט דער חומריות'דיקער און ניט דער רוחניות'דיקער.

און ווען איך זאָג אַז בעסער ווי תורה וואָלט זשיטלאָווסקי פאַרגעצויגן ראַפאַעל'ן און דאַנטען פאַר די משה'לעך און שלמה'לעך, זאָג איך עס ניט לשם גוזמא. דאָס איז ניט בלויז מיינער אַ פּירוש אויף זיין טעאָריע. ס'איז זיין טעאָריע גופא, און אַזוי ווי ער האָט זיך אַליין מפרש געווען.

מיר געפינען עס, למשל, אין זיינע אָפּשאַצונגען פון דעם חדר.

ס'איז דאָ אַ גמרא, אַז אַ שטאָט וואָס האָט ניט קיין חדר פאַר די קינדער, דאַרף מען זי אין חרם אַריינלייגן.

לויט זשיטלאָווסקי'ן קומט אויס שיר ניט, אַז מ'האָט גאָר דעם חדר געדאַרפט אַריינלייגן אין חרם.

וואָרים „אויב וואָס־עס־איז האָט געקענט אָוועקרייסן איינעם

פון דעם פאָלק — שרייבט ער — איז דאָס זיכער געווען דער דעמאָלדיקער אידישער חדר" (זכרונות ב. 2, ז. 14).

דער חדר וואָס איז געווען דער יסוד פון גאַנצן אידישן קיום!

קוודם־כל די אָרימקייט און דער שמוץ פון די חדרים, „אָפט־מאָל אין קעלער־שטיבער אָן ליכטיקייט און זון, און אַלע מאָל אָן איינציקן שטראַל פון שיינקייט" . . . (דאָרט, ז 13).

כאָטש ס'איז אַ גרויסער חידוש פאַרוואָס דער חדר האָט געדאַרפט זיין אַזוי אָרים אין דער „אידישער מדינה", וואו אידן האָבן געלעבט אין אַזאַ רייכקייט אויפן פרעמדן זאַפט. נאָך אַ פּאָר זויג פונ'ם גויאישן זאַפט און עס וואָלט געקלעקט פאַר אַ חדר מיט רחבות . . .

„היינט די לימודים! — שרייט ער אויס (שוין אויף דער עלטער ווען ער האָט געשריבן זיינע זכרונות) — די תלמודישע וויסטעניש מיט אירע „שטורעם"־וואָלקנס פון זאַמד און שטויב! . . . ווי אַזוי איך האָב פאָרט „געלערנט" און זיך נאָך גערעכנט פאַר אַ „וואויל־לערנער" — שרייבט ער — איז פאַר מיר עַד־היום אַ חידוש. דער פאַקט איז, אַז אַלץ וואָס איך האָב געלערנט אין חדר — דער עיקר די גמרא, אָבער אויך אַפילו דאָס ביסל תנ"ך — איז תיכף אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון דעם געדעכעניש, ווי נאָר איך האָב עס מער ניט געדאַרפט צום „פאַרהערן" (דאָרט ז. 14, 15).

„איך געדענק — דערציילט ער אין אַן אַנדער אָרט — איך פלעג אָפט שטיין פאַר דעם פאָטער'ס אָפענעם אַלמער. דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען צוויי גאַנגען ש"ס'ן . . . איך פלעג אָפט אַרויסנעמען אַ גמרא, פּרואוון אַריינבליקן אין איר. עס איז ניט שווער געווען, נאָך אַ פּאָר פּרואוון, ווידער צו „כאַפּן דעם שניט" אין „לערנען אַ בלאַט גמרא", אָבער אַלץ וואָס איך פלעג פאַרשטיין פון אַ וועלכן עס איז דף (אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן — ל.) איז ווידער געווען ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר די שאָלעכץ פון דער זעלבער אויסגעבלאָזענער איי *). איך האָב צופעליק אַרויסגענומען דעם „שאגת אריה", אויפגעמישט דעם פלפול וועגן דער שאלה „איטר יד ימינו", אויף וועלכער האַנט דאַרף לייגן תפילין אַ געלינקטער — מיין „דרשה" צו דער בר־מצוה. ווידער דיזעלבע אויסגעדראָשענע שטרוי". (דאָרט ז. 210, 211).

אפילו קיין רעליגיע האָט ער אין דעם אידישן חדר ניט געזען און ניט געהערט און ניט געשפּירט!

„די לימודים אין חדר — דערציילט ער — האָבן ניט געהאַט קיין ברעקל שייכות צו אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן לעבן, גלויבן און פילן. תנ"ך האָט מען געלערנט זייער ווייניק און דאָס רוב נאָר די היסטאָרישע ביכער... אין דעם

---

*) ביצה שנולדה ביום־טוב.

גמרא־לימוד האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען ווי — וואָס זאָל זיין מיטן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה; מיט דעם טלית וואָס צוויי האָבן געפונען און קאָנען זיך ניט צעטיילן; מיט דער איי וואָס איז געלייגט געוואָרן אום יום־טוב... קיין שפּור ניט פון וועלכער עס איז פּאָעזיע; קיין שפּור ניט פון וועלכן עס איז באַלייכטנדיקן אַלגעמיינעם אני־מאמין" (זכרונות, ב. 1, ז. 137).

גאַנץ אַנדערש איז עס געווען ביי די גוים, ווי ער האָט אויסגעפונען שפּעטער ווען ער האָט געגעבן „אוראָקעס" קריסטלעכע תלמידים און האָט זיי געדאַרפט פאַרהערן אין זייער „זאַקאָן באָזשי" און אַכטונג געבן זיי זאָלן קענען צום עקזאַמען דעם קאַטעכיזיס פון דער פּראַוואָסלאַוונער אמונה. ביי די קריסטלעכע תלמידים האָט ער אויך געפונען תורת אנשים מלומדה, אָבער —

„אָבער פאָרט האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן טיפע פּראָבלעמען פון אַ רעליגיעזן וועלט־באַנעם, וועגן דעם מהות און די אַטריבוטן פון דער געטלעכער קראַפט אין דער וועלט, וועגן די פאַדערונגען וואָס זי שטעלט צו דעם מענשן און זיין לעבן אויף דער וועלט, און ניט וועגן אָקסן וואָס שטויסן קי" ("זכרונות, דאָרט).

ס'איז די ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם חדר, ניט אמת? און פון גמרא...

ערשט שפּעטער האָט ער אויסגעפונען אַז אידן האָבן אויך עפּעס כון דעם מין וואָס אין דעם פּראַוואָסלאַוונעם קאַטעכיזיס...

ווי אַזוי פון אַזאַ פינסטערן און ביטערן חדר מיט אַזעלכע וויסטע, דערדריקנדיקע לימודים האָבן פאָרט געקענט אַרויסקומען די גדולים און גאונים פון דורות, און אַ פאָלק וואָס האָט געוואוסט ווי אַזוי צו זיין אידן, איז טאַקע נאָר גאָט'ס נסים.

באמת, אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים...

אין די שפּעטערע יאָרן ווען זשיטלאָווסקי האָט זיך אומגעקערט „צוריק צום פאָלק", האָט די מיאוס'ע אָרימקייט פון דעם חדר און די וויסטעניש פון די לימודים זיך ביי אים צונויפגעבונדן מיטן פּראָבלעם פון דער אַנטלויפנדיקער אידישער אינטעליגענץ.

פאַרוואָס אַנטלויפט די אידישע אינטעליגענץ פון איר פאָלק?

— האָט זיך זשיטלאָווסקי געפרעגט. און ער האָט געפונען פאַר זיך דעם ענטפער.

די סיבה פון דער צרה איז געלעגן אין די לימודים פון דעם חדר און פון דער ישיבה. ווען מ'זאָל נאָר דאָרט געווען לערנען, ניט די אויסגעבלאָזענע איי און די איבערגעקייטע אידישע שטרוי, נאָר „די אַלגעמיין־מענשלעכע קולטור", וואָלט צו אַזאַ אומגליק ניט געווען געקומען.

און זשיטלאָווסקי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אידן

האָבן עס ניט געטאָן. ס'איז דאָך געווען אַזוי גרינג דאָס צו טאָן. אין דעם חדר און אין דער ישיבה האָבן זיי דאָך געהאַט פולע זעלבסט־שטענדיקייט און זיי האָבן דאָך דאָרט געקענט לערנען אומגעשטערט אַלע לייטישע זאַכן. ער שרייבט:

„וואָלט דאָס אַנטלויפן פון דער אידישער אינטעליגענציע געווען מעגלעך, יוען מיר וואָלטן אויסגענוצט אונזער פאַקטישע נאַציאָנאַלע, זעלבסטשטענדיקייט אין די פעדאַגאָגישע ענינים — אונזערע חדרים און ישיבות — כדי אָנצופילן די מוחות פון די תלמידים מיט אַלגעמיין מענשלעכן אינהאַלט? (אונטערגע־שטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן), ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ רייכע ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך? און פאַרוואָס דוקא „אַן אייגענע"? וואָס אַרט מיך, אַז איר גרעסטער טייל וואָלט באַשטאַנען דורכאויס פון איבערזעצונגען?" (ווידער אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן).

בעסער פרעמדע איבערזעצונגען איידער דער אייגענער אָריגינאַל.

.3

זשיטלאָווסקי'ס אויסערונגען וועגן דעם תלמוד און דאַנטע און וועגן דעם חדר און זיינע לימודים זאָגן גענוג עדות אַז ער האָט גאָר קיין חושים ניט געהאַט פאַר אידישקייט. דער מהות גוי — ריכטיקער גע־זאָגט: קריסטלעכער גוי — איז אים געווען נעענטער, פאַרשטענד־לעכער און ליבער ווי דער מהות איד. ער איז אָבער אויף דעם שטאַנדפּונקט ניט געבליבן רוען. דער קריסטלעכער גוי איז פאַר אים געווען דער אידעאַלער מענש, און אין זיין געשטאַלט האָט ער געוואָלט איבערפורעמען דאָס אידישע פאָלק. ער האָט אויפגעשטעלט אויף דידאָזיקע יסודות אַ גראַנדיעזן נאַציאָנאַלן, קריסטלעך־קולטורעלן פּלאַן פאַר אידן, אַ מין רעליגיעז־קולטורעלע רעפאָרמאַציע, צו וועל־כער ער האָט געווידמעט די גאַנצע דינאַמיק פון זיין טאַלאַנט.

פאַרן קריסטנטום האָט זיך זשיטלאָווסקי איינגעשטעלט צווישן אידן מכמה טעמים.

ערשטנס, צוליב דער פּערזאָן פון ישו. ער האָט ישו'ן באַ־טראַכט פאַר דער העכסטער דערשיינונג פון דעם מענשלעכן זשעני. פון אַלע העלדן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבן דער וועלט, שרייבט ער — „די נביאים, די יהודה הלוי'ס און ספּינאָזאָס, די לאַסאַלס, מאַרקסעס און גערשונים — ישו איז געוויס דער גרעסטער פון זיי" (דאָס נייע לעבן, ב. 1, ז. 741).

קיין חידוש ניט וואָס ער האָט געברענט און געצאָרנט אויף דער היסטאָרישער אידישער שטעלונג צו ישו'ן און דער רעליגיע וואָס איז אויפגעשטעלט אויף אים. ער האָט גאָרניט געפונען קיין גענוג ביטערע ווערטער דערפאַר. „דער אָרטאָדאָקס־אידישער בליק

אויף קריסטוס און קריסטנטום, — שרייבט ער, — איז — ווייך און מיט רחמנות גערעדט — אַ גאָט־פאַרדאַמטע געמיינהייט" (דאָס נייע לעבן, ב. 1, 624).

ניט געזנוי דידאַזיקע ווערטער האָט ער באַנוצט, טענה׳ט ער זיך אויס מיט די קריטיקער, נאָר דאָס, איז ער מודה, האָט ער געמיינט.

און ער האָט דעריבער געפאָדערט אַז מיר מוזן „רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס, אין וועלכן עס ווערט טאָג־טעגלעך פאַר׳משפט און געקרייציקט אונזער אומשולדיקער ברודער פון נצרת".

אַ טאָג־טעגלעכע האַרצקלעמעניש איז געווען צופיל פאַר זיין סענסיטיווער נשמה צו פאַרטראָגן, און אַ „גאָט־פאַרדאַמטע געמיינהייט" פון אַ גאַנץ פאָלק איז אויך ניט אַ זאַך וואָס אַ רעכט־געשאַפענער מענש קען דערלאָזן זי זאָל באַלאַסטן זיין און זיין פאָלק׳ס געוויסן אויף אייביק. עס מוז דאָך אַמאָל קומען די צייט אויסצוגלייכן די פאַרקריי־מונגען פון דער געשיכטע, די צייט און דער מענש. אין זיך האָט זשיטלאָווסקי געזען דעם מענשן, אין זיין צייט די רעכטע צייט.

אַז אידן מוזן פאַרוואַרפן די רבניש־צמח־צדק׳שע קולטור און אַרויפקריכן אויפן וואָגן פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער קולטור, איז פאַר זשיטלאָווסקי׳ן געווען אַ לית מאן דפליג.

נאָר וואָס מיינט די מאָדערנע פּראָגרעסיווע קולטור?

מיט דער טבע און מיטן כוח פון איין פיר מיט דער פען אָפּצו־שאַפן קולטורן און אויפשטעלן קולטורן, דערקלערט זשיטלאָווסקי, אַז קולטור איז נאָר דאָס וואָס אייראָפּע האָט געשאַפן. דאָס וואָס די בושמענער האָבן אויפגעטאָן אין דער וועלט אָדער די כינעזער — ער פּטר׳ט זיי אָפּ אין איין בשותפות׳דיקן זאַץ — איז קיין פּיטאָק ניט ווערט. קולטור — דאָס איז אייראָפּע.

נאָר ווען מ׳קוקט זיך גוט צו צו דער קולטור פון אייראָפּע, מיינט ער — און מ׳דאַרף גאָרניט זייער שטאַרק אָנשטרענגען די אויגן דערצו — זעט מען, אַז די אייראָפּעאישע קולטור איז אַ קריסטלעכע.

און אַזוי ווי אידן דאַרפן נויטיק ווי לעבן אַ נייע קולטור — וויפיל איז דער שיעור זיך צו האַלטן מיט דער אַלטער ארורה פון דער תלמוד־קולטור? — און אַזוי ווי זייער גורל איז דאָך פאַר־בונדן מיט די אייראָפּעאישע פעלקער, זעט מען דאָך ממש מיט די אויגן אַז די השגחה פּירט נאָר דערצו, אַז אידן זאָלן אָננעמען די אייראָפּעאיש־קריסטלעכע קולטור.

ס׳איז דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון דער געשיכטע. און לויט דערדאָזיקער פאָרמולע ווערן אַלע שווערסטע היסטאָרישע פּראָ־בלעמען אונזערע געלייזט מיט איין קלאַפּ: מיר ווערן פּראָגרעסיוו; מיר ווערן ענגער צונויפגעבונדן מיט די פעלקער צווישן וועלכע

מיר מוזן לעבן, און מיר רייניקן אָפּ אונזער געוויסן לגבי „אונזער אומשולדיקן ברודער פון נצרת״.

און נאָכדעם וועט די אידישע געשיכטע אי״ה אויפהערן זיין דער אייביק־שטורמישער ים וואָס זי איז און זי וועט אָנהויבן פליסן ווי אַ רואיקער, שטילער, ליכטיקער, אידילישער שטראָם אונטער אַן אייביק זומערדיקן הימל.

גיי אַרויס און זע, זאָגט זשיטלאָווסקי, די הערלעכקייטן און פּראַקטיקייטן פון דער אייראָפּעאיש־קריסטלעכער קולטור, און פרעג זיך אַליין, אידעלע, וואָס האָסטו צו וויזן אין פאַרגלייך מיט איר?

פון דריי עלעמענטן באַשטייט די אייראָפּעאישע קולטור — קנעלט מיט אונז זשיטלאָווסקי דעם באַנאַלן נוסח — דעם גריכיש־רוימישן, דעם גערמאַנישן און דעם אידיש־קריסטלעכן.

רוים און גריכנלאַנד האָבן געגעבן וואָס זיי האָבן געגעבן. די גערמאַנען האָבן געגעבן זייער „גערמאַנישע טראַגיק״, וואָס „אפילו אַ וואַגנער איז ניט בכוח אויסצושעפּן״. און די אידן האָבן צוגע־טראָגן צושטייער — דאָס קריסטנטום.

און ווען די אַלע דריי עלעמענטן האָבן זיך באַגעגנט און צונויפ־געשמאָלצן, האָבן זיי „אויפן שטעל״ אָנגענומען די „קריסטלעכע פאָרם״. ענד דאַט׳ס דאַט, ענד וואַט אַר יו, אידעלע, גאָאינג טו דו אַבאַוט איט?

ס׳איז דאָ איין וועג — קאַפּיטולירן.

אָבער דאָס איז אַ מיתה וואָס איז נאָר לפּנים אַ מיתה. אין אמת׳ן מיינט עס איבערגאַנג צו אַ העכער און שענער לעבן.

וואָרום דער קריסטלעכער עלעמענט איז אַן עלעמענט פון „שוייערלעכער שיינקייט״, דערציילט אונז זשיטלאָווסקי. און אַנטקעגן יענער, מ׳מוז זאָגן גאַנץ מאָדנער שיינקייט — וואָס האָבן מיר צו וויזן? ניט מער ווי דעם תלמוד, דעם מדרש, דעם פּלפּול, דעם שלחן ערוך...

דעם אידישן חלק אין דער אייראָפּעאישער קולטור באַשרענקט זשיטלאָווסקי שטרענג צו דעם קריסטלעכן עלעמענט: „ביז צו דעם מאָמענט ווען די קריסטלעכע קירכע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סינאַגאָגע״. אַזוי אַרום בלייבט די אַלטע ביבל דער איינציקער באַריר־פונקט צווישן דעם אייראָפּעאיש־קריסטלעכן מענשן און דעם היינטיקן תלמוד־אידן.

אָבער גיי אַרויס און זע, אידעלע — ווייזט זשיטלאָווסקי כמעט מיט טרערן — וואָס אפילו פון דער ביבל איז געוואָרן אין די הענט פון קריסטן און וואָס פון איר איז געוואָרן אין די הענט פון די אידן. ביי די קריסטן איז זי געוואָרן אַ קוואַל פון „שוייערלעכער

שיינקייט", און ביי די אידן אַ זאַך פון גייסטיקער דעגענעראַציע. „די ביבלישע העלדן, די אָבות, די נביאים, די שופטים, די מלכים" — וואָס האָבן אידן פון זיי געמאַכט? ווײ די יאָר! נאָר „פרומע רבנים און רייכע אידישע סוחרים"...

דאָס איז די גוט־באַקאַנטע מעשה וואָס די קריסטן דערציילן, אַז זיי זיינען די אמת'ע יורשים פון אידנטום, אַז די הייליקע שריפטן זיינען דורך דער השגחה אַוועקגענומען געוואָרן פון די אידן און איבערגעגעבן געוואָרן צו די קריסטן, און אַז זיי האָבן געראַטעוועט אידישקייט פון אידישע הענט.

געניי אָט דער גויאישער בליק ליגט אין זשיטלאָווסקי'ס נעגאַטיוון פאַרגלייך צווישן אידן און קריסטן בנוגע דעם תנ"ך. נאָר אַזוי מגושמ'דיק ווי ער, האָט עס, דוכט זיך, נאָך קיין גוי ניט געמאַכט.

און פון דערדאָזיקער דעגענעראַציע האָט זשיטלאָווסקי באַשלאָסן אַרויסצוהייבן דאָס אידישע פאָלק צו די זוניקע, לופטיקע, געזונטע און דער עיקר שיינע, גערמאַניש־טראַגישע קריסט־לעכע הויכן.

דער גערמאַנישער טראַגיזם, דער טראַגיזם פון דייטשן היידנטום, שרעקט אים אַ האָר ניט אָפּ. פאַרקערט, ער מאַכט די זאַך נאָך פיקאַנטער. ער איז דער סאָוס פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

דאָס איז, אגב, דערזעלבער „גערמאַנישער טראַגיזם" וואָס האָט זיך פאַרקערפּערט אין היטלער'ן און האָט חרוב געמאַכט דאָס אידישע הויז אין אייראָפּע.

און דאָס איז געווען זשיטלאָווסקי'ס נאַציאָנאַלער פּלאַן פאַר אידער ווידערגעבורט.

מיינט עס ניט אַז ער האָט דאָ געמיינט דירעקטן אידישן מאַסן־שמד אויף קריסטנטום ווי אַ רעליגיע. ער איז דאָ צוגעגאַנגען צו קריסטנטום ניט ווי צו אַ דאָגמאַטישער רעליגיע, נאָר ווי צו אַ פאָרם פון קולטור.

און עס מיינט אויך ניט אַז ער האָט געלייקנט אינגאַנצן יעדער ווערטפולן פאַרמעגן אין אידנטום. נאָר ער האָט געוואָלט פאַר אידן אַ סינטעז צווישן דאָס בעסטע אין קריסטנטום און דאָס בעסטע אין אידנטום.

עס האָט געמיינט, אין תוך, אַ נייע רעליגיעזע רעפאָרמאַציע פאַר אידן, אַ געמיש פון רעליגיע און סעקולאַריזם.

און אַזאַ פאָרם פון אייראָפּעאיש־קריסטלעכער קולטור האָט זשיט־לאָווסקי געוואָלט פאַר אידן ניט נאָר אין גלות, נאָר אויך אין אַן אייגענעם אידישן לאַנד.

אין ארץ ישראל אויך, הייסט עס.

קורץ, ס'איז קלאָר געוועזן פאַר זשיטלאָווסקי'ן, אַז אויב מיר אידן ווילן ווערן אַ באמת ציוויליזירט און פּראָגרעסיוו פאָלק — און דאָס דאַרפן מיר דאָך וועלן לכל הדעות — מוזן מיר שאַפן אַ סינטעז צווישן אידנטום און קריסטנטום, אַרויסנעמען שטיקער פון דאָרטן און שטיקער פון דאַנען און זיי צונויפגיסן אין איינס.

פאַר אַזאַ אַרבעט דאַרפן מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן אַ מאָס אין האַנט, אַ מאָס און אַ וואָג, צו מעסטן און וועגן דעם ווערט פון די באַזונדערע טיילן וואָס מיר וועלן נעמען פון דאָרטן און פון דאַנען. וועלכער בעל־מלאכה טרעט דען צו צו אַן אַרבעט אָן וואָג און מאָס?

שטייט דאַן אויף די פראַגע וועגן וואָג און מאָס גופא: וועלכע זאָלן זיי זיין, אידישע אָדער קריסטלעכע?

און ביי זשיטלאָווסקי'ן איז קיין ברעקל ספק ניטאָ אַז זיי דאַרפן זיין קריסטלעכע.

נאָר לאָמיר וועגן דעמדאָיקן גאַנצן וויכטיקן ענין בעסער לאָזן זשיטלאָווסקי'ן אַליין ריידן. ער איז אַ גוטער מסביר. איך נעם אַרויס געקירצטע שטעלן פון זיינער אַ ברייטערער אַרבעט וועגן דעם ענין. ער שרייבט:

„רעדט מען וועגן דער אַלגעמיין־מענשלעכער קולטור, וועגן דעם אַלגעמיין־מענשלעכן פּראָגרעס פאַרגעסט מען אָפּט, אַז . . . זי איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַ קליינער גרופּע פעלקער . . . ערשטנס, די גריכיש־רוימישע קולטור־וועלט, צווייטנס, אַ טייל פון דער קולטור־וועלט פון דעם אידישן פאָלק, פון זיין אָנהויב היסטאָרישן שאַפן ביז צו דעם מאָמענט ווען די קריסטלעכע קירכע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סינאַגאָגע, און דריטנס, די גערמאַנישע וועלט. די דריי וועלטן האָבן אויפן שטעל אָנגענומען די פאָרם פון קריסטנטום.

„אין אָט דער וועלט וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט גריכיש־רוימישע, גערמאַנישע, ביבלישע און קריסטלעכע טראַדיציעס, בילדער און שטימונגען, לעבט דאָס אידישע פאָלק שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. זי איז דעם אידן כמעט אינגאַנצן פרעמד. זיין שטעלונג צו איר איז אַ פיינטלעכע, פול מיט שפּאָט און האַס . . . די גערמאַנישע וועלט מיט איר מעכטיקער און טיפער טראַגיק... און די קריסטלעכע וועלט, מיט איר גאַנצער הייליק־שויערלעכער שיינקייט, איז אין זיינע אויגן אומווירדיק . . .

וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק אָנשטאָט דעם אַלעם? תלמוד און מדרש, שולחן ערוך און פּלפּול, קבלה און חסידות. נאָר אין איין פּונקט קומען זיך די צוויי וועלטן צונויף: אין די ביבלישע געשטאַלטן און שטימונגען. אָבער אויך זיי זיינען דורכאויס פאַרשיידן ביי דעם אידן און דעם קריסט... די ביבלישע העלדן, די אָבות, די נביאים, די שופטים, די מלכים זיינען אין אונזערע אויגן ניט דאָס, וואָס זיי זיינען אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט, ניט

דאָס וואָס זיי זיינען געווען אין דערווירקלעכקייט: זיי זיינען ביי אונז געוואָרן פרומע רבנים און רייכע אידישע סוחרים.

„געווען אַ צייט ווען מ׳האָט געמיינט ס׳וועט אויפשטיין אַ ריין־וועלטלעכע ציוויליזאַציע, אינגאַנצן פריי פון רעליגיע, וואָס וועט באַשאַפן אַ נייעם בשותפות־דיקן באָדן פאַר אידן און קריסטן. דאָס האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדוכט אויף אַ ווײַלע. עס בלייבט דערווייל די קריסטלעכע וועלט. און אידן מוזן זען ווי אויסצוקומען מיט איר . . . און אויב ס׳איז אונז באַשערט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דעם קולטור־געשיכטלעכן וועג פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער מענש־הייט, אין גלות אָדער אין אַן אייגענעם לאַנד, וועלן מיר מוזן אַריינגעמען . . . אויך די גאַנצע דערינערונג פון איר נעכטן (קריסטלעכע טראַדיציעס).

„וואָס זאָל זיין דער מאסשטאַב מיט וועלכן מען זאָל מעסטן די איינצלנע טיילן פוןביידע וועלטן? זאָל דאָס זיין דער, אידישער מאסשטאַב, דער תלמוד־מדרש־חסידישער, מיט וועלכן מיר זאָלן אָפּשאַצן די ווערטן פון דער קריסטלעך ציוויליזירטער וועלט? אָדער פאַרקערט? אַ האַרבע שאלה. דערווײַלע זעען מיר, אַז די גרעסטע מענשן פון אידישן פאָלק, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו צו דער איצטיקער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, האָבן אויסגעקליבן די קריסטלעך־ציוויליזירטע וועלט פאַר דעם מאסשטאב פון אונזער גאַנצער קולטור, פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט . . . אונזער ירושה פון די אַלטע דורות מעג זיין ווי גרויס און רייך, קאָנען מיר ניט קוקן אויף איר מיט די אויגן פון די אַלטע . . . מיר מעסטן אָפּ און וועגן אָפּ אַלץ, וואָס מיר געפינען אין די אוצרות פון דער אַלטער אידישער קולטור, מיט דער מאָס און דער וואָג פון דעם אַלגעמיין־מענשלעכן אידעאַל, ד. ה. דעם אידעאַל פון די מערב־אייראָפּעאישע קריסטלעכע פעלקער . . . דעם ווערט־מאָס האָבן מיר אַריבערגענומען פון דער מאָדערנער קריסטלעכער ציוויליזאַציע" („דאָס נייע לעבן", ב. 1, ז. 411 און ווייטער).

זשיטלאָווסקי אָנערקענט דאָ פאַר זיך גאַנץ דרייסט, אַפילו אַרויסרופעריש, אַ קריסטלעכן אַרט דענקען. ער אָנערקענט גאָרניט קיין אַנדער פאָרמע פון דענקען און קיין אַנדער סובסטאַנץ פון דענקען ווי די אייראָפּעאיש־קריסטלעכע. זשיטלאָווסקי׳ס פאָרמולע איז כמעט אַ מאַטעמאַטישע עקוואַציע:

אַלגעמיין מענשלעכע קולטור = מערב־אייראָפּעאישע קריסט־לעכע קולטור.

און קיינער, פאַרשטייט זיך, קען ניט זיין שטאַרקער פון דער מאַטעמאַטיק. אפילו ניט דאָס אידישע פאָלק. און דעריבער האָט ער געפאָדערט פון אידן זיי זאָלן זיך בויגן פאַרן אומפאַרמיידלעכן און אַריבערגיין צו דער אייראָפּעאיש־קריסטלעכער קולטור און ציוויליזאַציע.

אַז קולטור איז קריסטנטום — דאָס איז אַ קריסטלעכע גרונט־

אידייע. אַז די קריסטלעכע קולטור דאַרף אַרומנעמען די גאַנצע וועלט — דאָס איז די גרונט־אידייע גאַנץ באַזונדער פון דער קאַטוי־לישער קירך. און זשיטלאָווסקי׳ס געדאַנק, סיי וועגן דער אייראָ־פּעאיש־קריסטלעכער קולטור סיי וועגן דער אויפגאַבע פון די אידן בנוגע צו איר, שטימט אויף אַ האָר מיט דעם בליק פון אַ סך לי־בעראַלע גוים.

דער ליבעראַלער דייטשישער היסטאָריקער מאָמזען האָט נאָך אין 1880 אַרויסגעזאָגט אַקוראַט דעם אייגענעם געדאַנק וואָס זשיט־לאָווסקי אין 1909. אין אַ ביכל מיטן נאָמען: „אויך אַ וואָרט וועגן אונזער (דייטשישן) אידנטום״ זאָגט ער, אַז דאָס קריסטנטום איז שוין ניט בלויז קיין רעליגיעזע דאָגמאַטיק ווי עס איז געווען אין פריערע צייטן: ס׳איז געוואָרן, זאָגט ער, אַ טערמין צו באַ־צייכענען די אייראָפּעאישע קולטור אין אַלגעמיין, און ווער עס שטייט צו צו דער אייראָפּעאישער קולטור, מוז, ווייניקסטנס פאָרמעל, צו־שטיין אויך צום קריסטנטום.

און כדי צוצושטיין צום קולטור־קריסטנטום, האָט ער געהאַלטן, דאַרף דאָך זיין גאָר גרינג, ווייניקסטנס פאַר ניט־גלויביקע אידן. און ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַזעלכע אידן שמד׳ן זיך ניט.

זיי וואָלטן דאָך, הייסט עס, זיך גע׳שמד׳ט ניט אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, נאָר אויף דער קריסטלעכער קולטור.

דער דייטשישער היסטאָריקער האָט גוט פאַרשטאַנען די קאָנ־סעקווענצן וואָס ליגן אין דער פאָרמולע: קולטור=קריסטנטום. ער האָט זי אויסגעברייטערט אין דער פאָרמולע: קולטור=קריסטנ־טום = שמד.

עס איז העכסט וואַרשיינלעך אַז פון מאָמזענ׳ען האָט זשיטלאָווסקי טאַקע גענומען די גאַנצע טעאָריע.

איבריקנס האָט דאָך זשיטלאָווסקי אויך מתיר געמאַכט שמד אפילו פאַר נאַציאָנאַלע אידן. ער האָט ניט געזען קיין שום סתירה צווישן שמד און אידישן נאַציאָנאַליזם. אַלץ וואָס ער האָט געפאָדערט פון אַ משומד איז, אַז ער זאָל זיך מאַליען אויף אידיש. קען זיך זיין צו וועלכע געטער איינער וויל, אַבי אויף אידיש.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זשיטלאָווסקי אויפגעהערט באַ־טאָנען דעם קריסטלעכן מאָמענט אין דער אייראָפּעאישער קולטור און ער האָט אויך צומאָל גערעדט מיט מער דרך ארץ וועגן דעם תלמוד. אָבער ביזן סוף האָט ער זיך געקלאַמערט אָן דעם געדאַנק, אַז די קריסטלעכע מאָראַל שטייט איבער דער אידישער און אַז די אידן

דאַרפן אַריבערגיין צו דער „אַלגעמיין־מענשלעכער קולטור". דעם תוך האָט ער אין גאָרניט געביטן.

וואָס זשע איז די באַדייטונג פון דעם אַלעמען? איז זיין בליק אויף דער היסטאָריש־אידישער קולטור לגבי דער אייראָפּעאיש־קריסטלעכער עפּעס אַנדערש ווי גייסטיקע אַסימילאַציע, אפילו ווען די איבערפלאַנצונג זאָל געשען אין אידיש?

ס'איז אַ בליק, און אַ פּלאַן, וואָס מיינען אין בעסטן פאַל די פול־שטענדיקע ליקווידאַציע פון דעם ווערטפולסטן אין דער אידישער קולטור — דאָס ספּעציפיש אידישע.

זשיטלאָווסקי האָט געזען דאָס אידישע לעבן צווישן די פעלקער, געהערט דאָס קרעכצן פון אונזער שיף אין איר שווערן גאַנג צווישן די הויכע כוואַליעס פון דער אייראָפּעאישער קולטור. און ער האָט געוואָלט גרינגער מאַכן איר משא. האָט ער גענומען און האָט פון דער אידישער שיף אַראָפּגעוואָרפן — דעם נביא...

און דאָ איז ניט גענוג די דערקלערונג פון אַנסקי'ן אַז זשיט־לאָווסקי, ביי זיין גאַנצן נאַציאָנאַליזם, איז באמת געבליבן לעבן דרויסן פון אידישן גייסט. דער געוויינלעכער אַסימילירטער איד וואָס ווערט, דורך אומשטענדן אָדער אויסוואַל, געשטעלט אין דער ספערע פון פרעמדע קולטורן, האָט אַ גלייכגילטיקע באַציאונג צו אידישקייט. אַמאָל גאָר אַ סימפּאַטישע. אין זשיטלאָווסקי'ן אָבער האָט געלעבט אַן אַקטיווע אַנטיפּאַטיע צו אידישקייט. און בעסער ווי אַנסקיס פאָרמולע פּאַסט זיך אויף אים די פאָרמולע וואָס דוב־נאָוו האָט אַוועקגעשטעלט פאַר קאַרל מאַרקס'ן: מעטאַפיזישער אידנהאַס. מער ניט וואָס אין זשיטלאָווסקי'ס פאַל דאַרף די פאָרמולע געלייענט ווערן: מעטאַפיזישער אידישקייט־האַס.

און אַזוי ווי ביי מאַרקס'ן האָט דידאַזיקע מעטאַפיזישע שטעלונג באַפאַרבט אויך זיין בליק אויפן עקאָנאָמישן אידן, אַזוי איז עס אויך געשען ביי זשיטלאָווסקי'ן. זשיטלאָווסקי וואָלט געקענט זיין גע־רעכטער צו דער אידישער עקאָנאָמישער ראַלע, ווען ער וואָלט געווען גערעכטער צו דער אידישער גייסטיקער געשטאַלטונג.

ס'איז דאָ אַ לאָגישער איבערגאַנג פון זשיטלאָווסקי'ס אידיש־קייט־האַס צו זיין האַס לגבי דעם עקאָנאָמישן אידן. ווען ער האָט גערעדאַרפט פאַר זיך אַליין דערקלערן די דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם האָט ער געמוזט לאָגישערווייז געפינען די שולד אין די אידן, ניט אין די פעלקער. ווארים ס'איז דאָך געווען ניט דערלאָזבאַר אַז אָט די פעלקער, וואָס זייער קולטור און אַזוי גרויס און שיין, וואָס זיי זיינען די טרעגער פון דעם אמת'ן פּראָגרעס און וואָס זייערע הער־צער זיינען די אויסבריי־ערטער פון אַלע גערעכטע מענשלעכע אי־

דעאַלן, זאָלן זיין אומגערעכט לגבי די פינסטערע, אָפּגעשטאַנענע, פּאַר־פּיאות׳טע לייפּצערדאַק־אידן. דאָס האָט ניט געקענט געמאָלט זיין. ניט אַנדערש די אידן אַליין טראָגן די אחריות פאַרן אַנטי־סעמיטיזם.

אין וואָס זשע אַזוינס קען באַשטיין די אידישע שולד?

די דערקלערונג איז געלעגן אויף דער האַנט. די צייט איז געווען אַ צייט פון עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישן דענקען: די שולד ליגט אין דער אידישער עקאָנאָמיק. אידן זיינען פּאַראַזיטן.

זשיטלאָווסקי האָט זיך אַליין גלענצנד אָפּגעשאַצט ווען ער האָט געזאָגט, אַז זיין ווערט־מאָס איז אַן אייראָפּעאיש־קריסטלעכע. לייען: אַ גויאישע. ער האָט געשאַצט, געוואָגן און געמאָסטן אידן און אידישקייט לויט אַ פרעמדן, גויאישן, אָפּילו פיינטלעך־גויאישן גע־דאַנקענגאַנג. דעם עקאָנאָמישן אידן און דעם גייסטיקן.

אין סך־הכל איז זיין שטעלונג צו ביידן, אי דעם עקאָנאָמישן אידן אי דעם גייסטיקן, געווען — ווייך און מיט רחמנות גערעדט — אַ גאָט־פאַרדאַמטע געמיינהייט . . .

4.

נון, דערוועקט זיך די פראַגע: אויב אַזוי; אויב אידן זיינען פאַר זשיטלאָווסקי׳ן געווען דאָס וואָס מיר האָבן געפונען, פאַרוואָס איז ער געווען אַזאַ הייסער נאַציאָנאַליסט און האָט אַזוי שאַרף גע־קעמפט קעגן דער אַסימילאַציע?

ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין ברייטער דיסקוסיע פון דעם ענין, וועלכע וואָלט אונז אָוועקגעפירט אויף צו ווייטע, און צו שטייניקע, דרכים, קען מען זאָגן, אַז זיין נאַציאָנאַליזם איז אויך געווען אַ גויאישער, ניט קיין אידישער נאַציאָנאַליזם.

זשיטלאָווסקי׳ס קאָנצעפּציע פון נאַציע אָדער פאָלק איז געווען אַ ריין זאָאָלאָגישע. ער האָט געקוקט אויף פעלקער ווי אויף פאַקטן אין דער נאַטור, וואָס קיינער ווייס ניט ווי אַזוי זיי זיינען אַנטשטאַנען און קיינער ווייס ניט וואָס עס האַלט זיי אינערלעך צוזאַמען. און משפּט׳נדיק לויט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע קולטורן האָט ער, חקירה׳נ־דיק אויף צוריק, אַרויסגעלערנט, אַז די פעלקער האָבן ביאָלאָגישע, אָרגאַנישע אונטערשיידן. די פאַרשיידנקייט פון קולטורן, האָט ער געלערנט, שטאַמען פון פאַרשיידנקייט אין בלוטן.

ביידע דידאָזיקע זאַכן גייען להיפּך דעם אידישן באַגריף. אי־דישקייט אָנערקענט ניט קיין ביאָלאָגישע חילוקים אין פעלקער. און דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אייביק באַטראַכט ווי אַ פאָלק, ניט פון דער נאַטור אַרויסגעוואָקסן, נאָר אַרומגעוואָקסן אַרום אַן אידייע.

אידן האָבן שטענדיק געזען אַן אידייאישן זין אין זייער פאָלק־זיין. די אידייע איז פאַרקערפּערט אין דעם וואָס מיר רופן אידישקייט. און דידאָזיקע אידייע איז דאָס וואָס האַלט אונז צוזאַמען.

זשיטלאָווסקי האָט געלייקנט אַז אידישקייט האָט מער ווי אַ פּאַר־בייגייענדיקע שייכות מיט אידישן נאַציאָנאַליזם. נאָך אים נאָך האַלטן זיך אידן צוזאַמען דורך אַ מין טשערעדע־אינסטינקט.

אַ באַווייז דערצו האָט ער געזען אין די געטאָס, וואָס פעלקער שאַפן ווען זיי וואַנדערן אַריבער אין נייע ישובים. ניט נאָר אידן, נאָר אַלע פעלקער שאַפן זיך געטאָס. אַמעריקע איז דער קלאַסישער מוסטער פון געטאָס.

אין איין אָרט שרייבט ער אַז דאָס אידישע פאָלק וואָלט גע־קענט אונטערגיין ווען יעדער אידיש מיידל זאָל חתונה האָבן מיט אַ שייגעץ, און יעדער אידישער בחור זאָל חתונה האָבן מיט אַ שיקסע. נאָר כדי דאָס זאָל מעגלעך זיין, איז נויטיק אַז אידישע בחורים און מיידלעך זאָלן זיך באַגעגענען און זיך מישן מיט ניט־אידישע בחורים און מיידלעך. אָבער דאָס, ווידער, איז ניט מעגלעך ווייל סיי די, סיי יענע ווערן אַריינגעצויגן אין געטאָס וואו זיי לעבן אָפּגעזונדערט. און אַריינגעצויגן ווערן זיי אַהין דורך די טשערעדע־אינסטינקטן, וואָס זשיטלאָווסקי רופט אָן אין איין אָרט „נאַציאָנאַלער מאַגנעטיזם".

אַלזאָ, ווידער, אַ ריין פיזישער פאַקט. ניט קיין אידייאישן, נאָר אַ פיזישן יסוד האָט ער געזען אין דעם סוד פון אידישן קיום.

ביי אַ סך געלעגנהייטן איז זשיטלאָווסקי צוגעקומען צו דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע פון דעם אורשפּרונג פון פעלקער, אָבער יעדעס מאָל האָט ער עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט ווי אַ זאַך ניט צו דערגרונטעווען. „פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — פרעגט ער אין איין אָרט — גייט פרעגט אַ פאָלק פאַרוואָס עס וויל ניט צע־פּיצלט ווערן אויף שטיקלעך, פאַרוואָס עס וויל וואוינען דווקא צווישן אייגענע און ניט צווישן פרעמדע!" (באַנד 8, ז. 106).

אין זיין אָפּהאַנדלונג „איד און מענש" ווערט אַרויסגעשטעלט דער לאָזונג: „וואָס מער איד אַלץ מער מענש". אין פּלוג אַ שיינער לאָזונג. נאָר זיין יסוד איז אין תוך ניט קיין אמת אידישער. זשיט־לאָווסקי'ס געדאַנק איז דאָ, אַז וויבאַלד דער מענשהייט איז באַשערט צו זיין צעטיילט ביאָלאָגיש אין פעלקער, און דער יחיד קען זיך אויסלעבן אין זיינע פונקציעס נאָר דורך זיין פאָלק, דעריבער — וואָס מער רוס אַלץ מער מענש, וואָס מער פראַנצויז אַלץ מער מענש און וואָס מער איד אַלץ מער מענש.

דער איד אָבער וועט אומזיסט וועלן ווערן אַ רוס, אָדער דער

רוס וועט אומזיסט וועלן ווערן אַ איד. ביאָלאָגיש וועלן זיי עס ניט קענען. אַזוי ווי, לאָמיר זאָגן, אַ קאַנאַריק קען ניט ווערן קיין אָדלער. דערגעגן, וואָס אָדלערישער אַן אָדלער וועט זיין אַלץ מער פויגל וועט ער זיין.

און אַזוי קומט אַרויס אַז זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן די אַסי־מילאַציע ביאָלאָגיש אוממעגלעך. אַ געדאַנק וואָס איז קעגן דער היסטאָרישער דערפאַרונג. און אין ליכט פון אידישקייט איז עס אַן עבודה־זרה׳דיקער געדאַנק.

באַוואוסטזיניקן רצון פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קיום האָט ער ניט געזען אָדער ניט אָנערקענט.

און אַזוי לאָזט זיך זשיטלאָווסקי׳ס נאַציאָנאַליזם רעזומירן אויף אַזאַ אופן: ס׳איז אַ נאַטור זאַך, און פון דער נאַטור קען מען ניט אַנטלויפן. אומזיסט זיינען דעריבער אַלע טעאָריעס פון קאָסמאָפּאָ־ליטיזם און אַסימילאַציע. דאָס אידישע פאָלק איז און וועט בלייבן אַ פאָלק.

נאָר אין משך פון זיין גלות־געשיכטע איז דאָסדאָזיקע, פאָלק געוואָרן אַ קריפּל. און דעמדאָזיקן קריפּל האָט זשיטלאָווסקי שטאַרק ניט־ליב געהאַט. ער איז אין זיינע אויגן געווען אַ מאָראַלישע פאַר־זעעניש לגבי אַנדערע פעלקער, און ער האָט זיין אַנטיפּאַטיע ניט באַהאַלטן. נאָר ער האָט דעם קריפּל אָנערקענט פאַר זיין קריפּל, זיין פאַרזעעניש, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקער פליכט צו טאָן עפּעס פאַר זיין פאָלק־פאַרזעעניש (ווי דר. א. מוקדוני האָט עס טרעפלעך אויסגעדריקט) און ניט ווי אַנדערע פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געוואָלט אַנטלויפן און געמיינט אַז זיי קענען אַנטלויפן.

צוויי גרונט־חסרונות זיינען אַלזאָ געלעגן אין זשיטלאָווסקי׳ס נאַציאָנאַליזם: מיט זיין זאָאָלאָגישער באַגרינדונג האָט ער אָפּגע־לייקנט די גייסטיקע יסודות פון אידישן פאָלק און איז אַזוי אַרום, פון היסטאָרישן אידישן שטאַנדפּונקט, געווען געצנדינעריש; מיט זיין אַנטיפּאַטיע האָט זיין נאַציאָנאַליזם געהאַט אַן עלעמענט פון פּי־לאַנטראָפּישקייט און דערנידערונג.

און אַזוי ווי אין זיין באַגריף „נאַציאָנאַליזם" איז געלעגן אַ תוכן וואָס איז פרעמד דעם אידישן גייסט, אַזוי איז אויך געלעגן אַ פרעמדער תוכן אין זיין באַגריף „אַסימילאַציע".

זשיטלאָווסקי האָט אַן אַ שיעור געשריבן און מיט גרויסער עקשנות געקעמפט קעגן דער אַזוי גערופענער „מערב־אייראָפּעאישער אַסימילאַציע". געמיינט האָט ער ניט דווקא יענע אידן וואָס האָבן זיך דורך שמד אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון זייער פאָלק. געמיינט

האָט ער דערעיקר די „דייטשן פון משה'ס גלויבן", די „פּאָליאַקן פון משה'ס גלויבן" און אַזוי ווייטער.

אין אַ סך פּרטים איז ער געווען פּונקט אַזאַ אַסימילאַטאָר ווי זיי, און אין געוויסע פּרטים נאָך אַ גרעסערער אַסימילאַטאָר ווי זיי. זיי, כאָטש „דייטשן", אָבער פון „משה'ס גלויבן", זיינען געווען קעגן שמד; ער האָט מתיר געמאַכט שמד. זיי זיינען ווייניקסטנס טעאָרעטיש געווען קעגן געמישטער הייראַט; ער איז עס ניט געווען. זיי, כאָטש „אייראָפּעער", האָבן געגלויבט אין אַ אידישן גייסט און אין אַ אידישער מיסיע, ער האָט געגלויבט נאָר אין „אַלגעמיין־מענשלעכער קולטור". און גלייך מיט זיי איז ער געווען קעגן דעם שלחן ערוך א. אַ. וו.

זיין גרויסער קאַמף קעגן זיי איז געווען דערעיקר אַרום צוויי זאַכן: זייער פאַרלייקענען די אידישע נאַציאָנאַליטעט אין פּאָליטישן זין — אַ גערעכטער פּרינציפּ, און זייער שפּראַך־אַסימילאַציע.

אָפּוואַרפנדיק די אידישע אמונה ווי דער סימן מובהק פון דעם אידן, האָט ער פאַרן סימן מובהק געמאַכט די אידישע שפּראַך. און ווער עס רעדט ניט קיין אידיש איז איפּסאָ פאַקטאָ אַן אַסימילירטער איד.

זשיטלאָווסקי האָט אָוועקגעשטעלט דעם כלל: „נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע איז שפּראַכן־אַסימילאַציע. נאַציאָנאַלער קאַמף איז שפּראַכן־קאַמף. אַזוי פאַרשטייט די וועלט, אַזוי קומט דאָס אויס לפי דער לאָגיק פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם" (באַנד 8, ז. 174).

וועלן מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין דערדאָזיקער לאָגיק וואָס שייך אַנדערע פעלקער, נאָר לויט דער לאָגיק פון דער אידישער געשיכטע איז עס אינגאַנצן אומלאָגיש.

וואָרים עס קומט אויס, אַז אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער וואו אידן האָבן געלעבט אָן אידיש, ווייל קיין אידיש איז נאָך ניט געווען, זיינען זיי געווען אַסימילירט. וויפיל זשע מאָל זיינען זיי שוין אויף דעם אופן געווען אַסימילירט?

און וואָס איז מכח אידיש אַליין? אידיש קומט דאָך אויך פון אַן איבערגענומענער שפּראַך?

זשיטלאָווסקי באַגעגנט מוטיק דידאָזיקע פראַגע און ער שרייבט:

„הייסט עס, אַז מיר אידן, וואָס רעדן אידיש, זיינען אַסימילירטע אידן? יע, גאַנץ זיכער! מיר האָבן זיך אַמאָל אַסימילירט (אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן — ל.) מיט דעם דייטשישן פאָלק פונם מיטלאַלטער. אָבער מיר זיינען אָוועק פון דייטשלאַנד", און אידיש איז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך און אַזוי אַרום זיינען מיר געבליבן אַ באַזונדער פאָלק...

זיינען מיר שוין געווען אַסימילירט מיט די דייטשן? די גאַנצע טיפע אידישקייט פון די דייטשישע אידן אין מיטלאַלטער, זייער צו־געבונדנקייט צו דער אידישער אמונה, צו דער תורה, צום תלמוד און שלחן ערוך, זייער גאַנצער אידישער שטייגער לעבן, אפילו זייער אָפּגעשלאָסנקייט אין די געטאָס — דאָס אַלץ איז, הייסט עס, ניט געווען שקול קעגן דעם איינציקן פאַקטאָר פון שפּראַך!

קלאָר אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַן אַבסורד, צו וועלכן זשיטלאָווסקי איז דערגאַנגען אפילו מיט אידיש, וועלנדיק מאַכן די שפּראַך פאַרן פּרימאַט פון אידישקייט אַנשטאָט דער אידישער אמונה.

דער אַבסורד גייט נאָך אפילו ווייטער:

די אמונה, לערנט זשיטלאָווסקי, איז געווען נאָר דער היסטאָרישער לבוש דורך וועלכן דאָס ביאָלאָגישע אידישע פאָלק האָט געשטרעבט זיך צו דערהאַלטן. אָבער די טעג פון דער אידישער אמונה ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר זיינען געענדיקט, האָט ער געלערנט, און אַ נייע גייסטיקע מאַכט דאַרף געשאַפן ווערן, און איז שוין געשאַפן געוואָרן, צו זיין דער כלי־זיין אין דעם קאַמף פאַר אַן אייגענער עקזיסטענץ. און דאָס איז די אידישע שפּראַך.

און אַזוי ווי אין פריערדיקע צייטן, ווען אין אַ לאַנד איז באַדראָט געוואָרן אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אויפן יסוד פון אמונה, פלעגן אידן נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, אַזוי וועט עס אויך זיין אין רער צוקונפט, אויב עס וועט חלילה ערגעץ דראָען אַ סכנה אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אויפן יסוד פון אידיש.

אַזוי ווי צוליב זייער אמונה זיינען אידן גרייט געווען צו גיין אין גלות, אַזוי וועלן זיי גרייט זיין צו גיין אין גלות אויך צוליב אידיש...

דאָס איז דער זין פון אַ מערקווירדיקן אַרטיקל וואָס טראָגט דעם נאָמען „אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד", אין אַמעריקע, און איז געדרוקט אין באַנד 8 (זז. 91־85).

„דער נאַציאָנאַלער אידישער מיעוט פון אַמעריקע — שרייבט ער — וועט דעריבער דאַרפן ווידער אויפהויבן זיין קאַמף פאַר זיין מינאָריטעטן־עקזיסטענץ ווי אין די צייטן וואָס פאַר דער אַסימילאַציע; זיין אָנגעגרייט צו טראָגן די גרעסטע קרבנות פאַר זיין עקזיסטענץ ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, און אָפּצוטרייסלען דעם שטויב פון די פיס און ווידער נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין די הענט, אויב דאָס לאַנד וועט ניט קענען דולדן אונזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק".

און אונזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק, פירט ער דאָרט אויס, קען געזיכערט זיין בלויז דורך אידיש.

אין אַנדערע ווערטער: ער האָט, וויניקסטנס טעאָרעטיש, געזען אַ מעגלעכקייט פון אַ יציאת אַמעריקע צוליב דער אידישער שפּראַך...

איז די אידישע שפּראַך געווים טייער און הייליק ווי אַן אינ־סטרומענט פון אידישער דערהאַלטונג, אָבער דערפירן די טעאָריע פון אידישיזם צו אַזאַ עקסטרעם, הייסט איבערלאָדן זי ביז אַ פּונקט וואו זי מוז איינברעכן אונטער איר אייגענער משא.

און דאָך האָט זשיטלאָווסקי געמוזט קומען צו אַזאַ אויספיר.

וויבאַלד ער האָט דעם גאַנצן אידישן היסטאָרישן בנין געשטעלט אויף אידיש; און וויבאַלד ער האָט זיך געשטעלט די טעאָרעטישע פראַגע: צוליב וואָס קען געמאָלט זיין אַ יציאת אַמעריקע, אַזוי ווי עס איז געווען, למשל, אַ יציאת שפּאַניע? האָט ער געמוזט ענטפערן: דאָס קען געמאָלט זיין ווען די אידן אין אַמעריקע זאָל ניט מעגלעך זיין זיך אויסצולעבן אין אידיש.

און אַזוי ווי אין דעם פאַל מיט זיין נאַציאָנאַליזם, אַזוי אויך דאָ אין דעם פאַל מיט אידיש, איז ער געקומען צו דער פאַנטאַסטישער וויזיע נאָר דערפאַר וואָס ער האָט צוגענומען פון דער אידישער אמונה די בכורה אַלס יסוד פון אידישן קיום.

ש. ניגער, דער אַדוואָקאַט אָן אַ צונג*)

צום אָנהויב יאָר 1944 האָב איך אָפּגעדרוקט אַ ביכל מיטן נאָמען „אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי". אין דעם ביכל באַווייז איך, כמעט אינגאַנצן מיט זשיטלאָווסקי׳ס אייגענע רייד, אַרויסגענומען פון זיינע שריפטן, וואָס פאַר אַ פאַלשע, פאַר אידן געפערלעכע, און אָפּטמאָל פשוט באַליידיקנדיקע געדאַנקען און טעאָריעס ער האָט פאַרשפּרייט וועגן אידן און אידישקייט אין משך פון כמעט דריי דורות.

עס איז אַן אָביעקטיוו, געלאַסן געשריבן ביכל, און, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, דער ערשטער פאַרזוך צונויפצושטעלן פון דער צע־וואָרפנקייט פון זשיטלאָווסקי׳ס שריפטן אַ סיסטעמאַטישע פאָרשטע־לונג פון זיין לערע וועגן אידן און אידישקייט.

איז געקומען די „מאָרגן־פרייהייט", און מיט איר די גאַנצע קאָמוניסטישע זשורנאַליע, און מיט זיי — דער „טאָג", בראש מיט ש. ניגער׳ן, און האָבן אויפגעהויבן אַ נאַציאָנאַלע טרעוואָגע. אַ נאַ־ציאָנאַלע טרעוואָגע אין דעם אמת׳ן זין פון וואָרט. מיט העצעס און זלזולים — ממש דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. מיר איז ניט באַקאַנט אַזאַ מהומה אַרום אַ אידישן ביכל אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

האָט עס מיר, אין תוך, גרויס הנאה געטאָן. זאָל מיט אַ אידישן ביכל אויך אַמאָל זיין אַ סענסאַציע! פאַרוואָס קומט אַלץ די ענגלישע ביכער? בפרט, אַז דאָס בוך האָב איך געשריבן.

האָט זיך אָבער דורך דער „סענסאַציע" אַנטפּלעקט אַזאַ גייסטיקע דעמאָראַליזאַציע פון אונזער ליטעראַרישער גאַס, אַזאַ מאָראַלישע געפאַלנקייט, אַז עס נעמט אָן אַן אימה. איז אונזער סביבה שוין אָט אַזוי ווייט געזונקען?! און דאָס האָט מיך געצוואונגען צו נעמען די פעדער, און, ווי מיט אַ בייטש, זיך אָפּשלאָגן אַזוי פון ה'... ווי אין פסוק שטייט: סבבוני כלבים.

מיט דער „מאָרגן־פרייהייט" איז דער עסק גאָר קורץ. עס איז

---

*) „פאָרווערטס", מערץ 12, 1944, דאָ איבערגעדרוקט מיט הוספות.

געגנוג נאָר צו דערמאָנען, וואָס זי אַליין האָט געשריבן וועגן זשיט־לאָווסקי׳ן איידער ער איז געוואָרן איר מענש, און — פּאַרטיק. די אויפמערקזאַמקייט קומט דער עיקר, און פריער ווי אַלעמען, ש. ניגער׳ן.

ש. ניגער האָט, מיט אַ סך דעמאַגאָגישע קונצן, אויפגעבלאָזן אַן אַ שיעור שוים אַרום מיין בוך און דעם גאַנצן זשיטלאָווסקי־פּראָבלעם. אין דעם שוים האָט ער געהאָפט צו דערטרינקען דעם תוך פון דער זאַך. אָבער ס׳איז אים ניט געלונגען. און מיר וועלן דאָ פריער זיך אַראָפּלאָזן צום גרונט, און דערנאָך וועלן מיר צעבלאָזן דעם שוים.

און אויפן גרונט פון דער זאַך ליגט זייער אַ וויכטיקער, זייער אַ גרויסער, זייער אַן ערנסטער ענין. ניט פאַר זשיטלאָווסקי׳ן אַליין, ניט פאַר ניגער׳ן און מיר אַליין, נאָר אַ גרויסער און זייער ערנסטער ענין — פאַר אידן.

.1

פון די עלטסטע צייטן אָן האָבן אידן זיך געמוזט פאַרטיידיקן קעגן דער שנאה, פאַראַכטונג און בלבולים פון אַנדערע פעלקער. די אידן זיינען געקומען און האָבן פּראָקלאַמירט אין דער וועלט אַ נייע רעליגיע, די רעליגיע פון איין גאָט, און האָבן זי געשטעלט איבער אַלע רעליגיעס און געטער פון די אַנדערע פעלקער. „ה׳ בציון גדול״ — האָבן זיי געלערנט — גאָט איז גרויס אין ציון, — „ורם הוא על כל העמים״, — און ער איז דערהויבן איבער אַלע פעלקער (תהילים, צ״ט). און דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די פעלקער קעגן די אידן. זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט, וואָס די אידן זיינען מבטל זייערע הייליקייטן, און זיי האָבן זיי גע־ענטפערט מיט שנאה, בלבולים און פאַראַכטונג. און דאָ האָבן מיר דעם ערשטן און עלטסטן קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם, אַ קוואַל וואָס שלאָגט ביז׳ן היינטיקן טאָג.

עס איז ממש צו שטוינען איבער דער גרויסער פאַראַכטונג צו אידן און אידישקייט, וואָס מען געפינט שוין ביי די עלטסטע היס־טאָריקער און שרייבער פון גריכנלאַנד און רוים. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די אידן דורכדעם, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט וועגן זיי און זייער אמונה די ווילדסטע און לעכערלעכסטע זאַכן. אַזוי האָבן זיי, למשל, דערציילט, אַז די אידן זיינען ניט אַרויסגע־גאַנגען פון מצרים, נאָר מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון דאָרטן, ווייל זיי זיינען געווען קרעציק. דער פאַרבאָט צו עסן חזיר, האָבן זיי גע־שריבן, קומט דערפון, וואָס אידן האָבן געגלויבט, אַז חזיר־פלייש ברענגט אַרויס יענע קרעציקייט, צו וועלכער דער אידישער קער־פער איז גענייגט. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס האָט גע־

שריבן, אַז די אידן דינען אין בית־המקדש צום קאָפּ פון אַן אייזל, ווייל ווען זיי זיינען געווען אין מדבר און האָבן געליטן פון דורשט, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען אַ מחנה אייזלען צו אַ פּלאַץ, וואו עס איז געווען וואַסער. און דעם שבת, האָט ער געזאָגט, האָבן אידן איינגע־פירט דערפאַר, ווייל זיי האָבן פיינט צו אַרבעטן.

און פון דאַנען, פון דעם אַלטן רוימישן היסטאָריקער, שטאַמט דער בלבול, אַז אידן האָבן פיינט אַרבעט. עס איז איינער פון די עלטסטע בלבולים אויף אידן.

און אַזוי איז אַוועק דער פּזמון אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן אַריין.

אין מיטלאַלטער האָבן די גוים געזאָגט, אַז דער אידישער קערפּער האָט אַ מיאוס'ן ריח, אַ ריח וואָס די אידן אַליין שפּירן גאָרניט, נאָר די קריסטן שפּירן אים, און ער פאַרשווינדט אַזוי גיך ווי אַ איד שמד'ט זיך אויף אַ קריסט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אידישע מענער האָבן דאָס „מאָנאַטלעכע" אַזוי ווי פרויען; אַז אידן האָבן הערנער אויפן קאָפּ, נאָר מיט כישוף מאַכן זיי אַז גוים זאָלן עס ניט זען, און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָן אַ שיעור און אָן ערך, ניט איבערצוציילן און ניט אויסצושעפּן. ביז אויף היינטיקן טאָג.

און אידן האָבן זיך שטענדיק געמוזט פאַרטיידיקן. אין די שווע־רערע צייטן, אין צייטן פון סכנה און אונטערדריקונג, ווי, למשל, אונטערן היטלעריזם, האָבן זיי געמוזט שווייגן, ליידן און שווייגן. נאָר אין רואיקערע צייטן, און וואו עס איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן זיי אָפּגעענטפערט. אידישע דענקער און שריפטשטעלער האָבן גע־שריבן ווערק און פאַלעמיזירט מיט די קעגנער און אויפגעוויזן זייערע פאַלשקייטן. איינעם פון אַזעלכע ענטפערס האָט שוין געשריבן יאָזעפוס פלאַוויאוס, מיט איבער אַכצן הונדערט יאָר צוריק, קעגן דעם עגיפּטישן גריך אַפּיאָן. גרויס איז די ליטעראַטור, וואָס אידן האָבן אָנגעשריבן אַלס פאַרטיידיקונג פון זייער פאָלק, זיין אמונה און זיין לעבן.

זיי האָבן אָבער געשאַפן נאָך אַן אַנדער כלי־זין אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג. עס איז געווען אַ סכנה, אַז אידן, אונטער די אַטאַקעס און דעם חוזק פון די אַרומיקע פעלקער, זאָלן, חלילה, ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך אַליין אין די אויגן און פאַרלירן דעם כוח פון ווידערשטאַנד. און ווי אַ מיטל פון זעלבסט־שוץ האָבן זיי אַנטוויקלט צווישן זיך די גרויסע מדה פון אהבת ישראל, פון ליב האָבן אידן, פאַרטיידיקן זיי, טרייסטן זיי, שטאַרקן זיי. דאָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הייליקער מצוה. געווען ביי אונז גרויסע מענשן, וואָס האָבן מיט אַזאַ פייער פאַרטיידיקט אידן, אַז זיי זיינען געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל

„אוהב ישראל", כאָטש עס איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז יעדער איד דאַרף זיין אַן אוהב ישראל. איבערהויפּט האָט דער חסידיזם באַטאָנט די גרויסע מדה פון אהבת ישראל. און ס'איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס. דער חסידיזם איז אויפגעשטאַנען נאָך די קאַטאַסטראָפאַלע באַוועגונגען פון די פאַלשע משיחים און נאָך די מוראדיקע כמעלניצקי־שחיטות. אידן זיינען געווען דערנידעריקט, צעטראָטן, האַלב־פאַרניכטעט. דער אידישער מוט האָט געדאַרפט געשטאַרקט ווערן. דעמאָלט איז געקומען דער חסידיזם און האָט אַרויסגעהויבן צום פאָדערגרונט די הייליקע מדה פון אהבת ישראל. דער בעל־שם־טוב האָט דאָס שוין באַטאָנט. דער נאָמען פון רב לוי יצחק בערדיטשעווער איז אויף אייביק איינגעקריצט געוואָרן אין אידישע הערצער דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי פייערלעך פאַרטיידיקט אידן קעגן דער וועלט און אפילו קעגן גאָט. און עס איז באַוואוסט דער באַרימטער זאָג פון רב משה־ליב סאַסאָווער, אַז ווער עס קען ניט פּועל'ן ביי זיך אויסצוזויגן מיט'ן אייגענעם מויל דעם אייטער און דאָס בלוט פון אידישע געשווירן, יענער האָט ניט דערגרייכט אפילו אויף דער העלפט צו דער מדרגה פון אמת'ער אהבת ישראל.

דאָס מיינט ניט, אַז אידן האָבן ניט געזען אָדער האָבן פאַרקוקט זייערע חסרונות. דאָס שטראָפן און מוסר'ן איז ביי אידן שטענדיק געווען. פון דעם ערשטן נביא פון אַמאָל ביז אַ ליאַדע מגיד פון היינטיקן טאָג, טוען אידן און שטראָפן זיך אַליין אויף זייערע חסרונות און זינד. אָבער דאָס איז עפּעס אַנדערש, ווי די אויסגעטראַכטע פאַרקרימענישן, וואָס די גוים וואַרפן אַרויף אויפן אידישן פאָלק.

דאָס אָפּגעשלאָסענע אידישע לעבן, דאָס טוליען זיך צו זיך אַליין, איז אויך געווען אונזערער אַ שוץ־מיטל קעגן דער פיינטלעכער סביבה. עס זיינען אָבער אָנגעשטאַנען צייטן, אין די לעצטע דורות, ווען דאָס אידישע לעבן איז געוואָרן ווייניקער אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט.

לגבי חוץ האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט דער עמאַנסיפּאַציע, לגבי פּנים האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט דער השכלה. געדאַנקען און השפּעות פון דער גויאישער וועלט האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען צווישן אידן, און זיי האָבן געבראַכט גרויסע ענדערונגען אין אידישן לעבן. גוט צי שלעכט, איז דאָ איצט ניט די פראַגע. געווען דאָ גוטע זייטן און נעגאַטיווע זייטן.

די ערגסטע זייט פון דער השכלה איז געווען וואָס מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אידישע אַראָפּפאַלן ביי זיך, ווען אידן האָבן אָנגעהויבן צו מוסר'ן זיך אַליין, ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אידישקייט, נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון גויאישקייט.

אָבער אין די לעצטע צייטן איז אָנגעקומען און איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט יענע סכנה, פון וועלכער אַלע אונזערע פריערדיקע דורות האָבן זיך אַזוי אייפעריק געשיצט: אינאיינעם מיט די גוטע איינפלוסן פון דער דרויסנדיקער וועלט האָט אויך אָנגעהויבן אַריינצודרינגען צווישן אונז דער שמוץ, דערונטער יענע שנאה און פאַראַכטונג צו אידן, וואָס גוים האָבן פון די עלטסטע צייטן־אָן געשאַרט ווי הייסע קוילן אויף אונזערע קעפ.

מיר זיינען ניט בייגעשטאַנען און זיינען סוף־כל־סוף אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער גויאישער חולאת.

עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אידן, וואָס אינאיינעם מיט אַלערליי תורות וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון די פעלקער, האָבן זיי אויך איבערגענומען זייערע פאָראורטיילן קעגן אידן, זייערע בלבולים און גרינגשעצונג, און זיי האָבן דאָס געגומען אַריינטראָגן דורך זייערע שריפטן אין דער אידישער ליטעראַטור, און זיי פאַרשפּרייטן עס אין דער אידישער גאַס. אַ סך אַזעלכע אידן זיינען איצט דאָ, וואָס טוען דידאָזיגע זאַך אין ענגליש, און דאָס דערגרייכט ניט נאָר די פאַרענגלישטע אידן, נאָר אויך די קריסטן. אָבער איבער ענגליש האָבן מיר ניט קיין קאָנטראָל. דאָ גייט די רייד וועגן אידיש, וועגן דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס ושפרייט דעם גיפט צווישן אידן גופא. און אַזוי ווערט, אויף אַלע זייטן, אַ שרעקלעך בילד אויפגעמאָלט פון אידן פאַר דער וועלט. דאָס אידישע פאָלק ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אַ מין סטראַשידלע צווישן די פעלקער. אָנשטאָט וואָס אונזער ליטעראַטור זאָל אונז באַשיצן, האָט זי אָנגעהויבן אונז אַטאַקירן און אַזוי־אַרום אונטערגראָבן אונזער עקזיסטענץ. עס ווערט אונטערגעגראָבן דער כבוד פון אידישן פאָלק אין די אויגן פון אידן אַליין, עס ווערט אַראָפּגעדריקט די אידישע זעלבסט־ווירדע, עס ווערט אָפּגעשוואַכט דער פּסיכאָלאָגישער כוח פון אידישן ווידערשטאַנד. אידן בויטיקן זיך אין אהבת ישראל, ווי אַ מאָראַלישע רפואה; און דאָ קומט מען און מען טריפט אַריין אין זיי דעם סם פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־האַס.

און מערקווירדיק איז וואָס מען באַגעגנט דאָ אָפּט געגוי דיזעלבע בלבולים און פאַרקרימענישן, וואָס די גוים האָבן אָפּט קעגן אונז אַרויסגעשטעלט. אַזוי האָבן מיר פריער געזען ווי אונזערע פאַרצייטיקע שונאים האָבן געזוכט מזלזל צו זיין דעם ערשטן גרויסן היסטאָרישן אַקט פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ — יציאת מצרים: ניט מיר זיינען אַרויס פון מצרים, נאָר מ'האָט אונז אַרויסגעטריבן, ניט צוליב אונזער פאַרקנעכטונג נאָר צוליב אונזער קרעציקייט. און צווישן אונזערע אייגענע, אידישע, „מאָדערנע" חסרונות־זוכער געפינען מיר אויך אַן אַטענטאַט אויף אונזער יציאת מצרים.

עס הייסט ביי זיי, אַז די אידן האָבן לכתחילה געוואָלט אַרויסגיין פון מצרים, ניט כדי אַרויסצוגיין פון קנעכטשאַפט, נאָר כדי צו גיין אין מדבר אַריין צו קוילענען דאָרט זייערע קינדער! קוילענען זייערע בכורים, ווי קרבנות צום אידישן גאָט! ווייל ביי די אַמאָליקע אידן איז געווען אַ מנהג צו שעכטן זייערע בכורים, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט זייער גאָט . . .

נאָר פרעה האָט זיי ניט געלאָזט! פרעה האָט ניט געקענט סובל זיין אַזאַ ווילדקייט מצד די אידן. קומט גאָר פרעה אַרויס דער פיינער מאַן און די אידן ווי עפּעס פאַרצייטיקע מענשנפרעסער.

און דערפאַר, דערציילט מען אונז, האָט זיך די „לעגענדע" מיט אים אָפּגערעכנט און ס'איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער תורה, אַז גאָט האָט אויסגעהרג'עט אַלע בכורים פון מצרים.

און דאָס איז געשריבן אין אידיש, פון אונזערע סאַמע מאָדערנע קולטור־טרעגער (צו פאַרשפּרייטן דידאַקטיקע לערע צווישן אידן פאַר־העלפט, למשל, דר. יעקב שאַצקי).

מען דאַרף פאַרשטיין אַז דעם ענין, כדי צו פאַרשטיין דעם קאַמף, וואָס ווערט געפירט אַרום די שריפטן און אַרום דער „תורה" פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

עס איז אַ קאַמף אַרום דער פראַגע: צי דאַרף מען דולדן דאָס וואָס געוויסע מענשן, זעגלענדיק אונטער דער פאָן פון אידישן פאָלק און ווי טרעגער פון אידישער קולטור, טוען אין אמת'ן אַן אַרבעט, וואָס מוז אונטערגראָבן זיין ווילן צו קיום, און במילא אויך דעם קיום פון דער אידישער קולטור. און ס'איז געוואָרן אַ צייט, ווען מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן קעגן אידישע שרייבער אין דיזעלבע בלבולים, אין וועלכע מיר האָבן זיך אין אַלע צייטן געמוזט פאַרטיידיקן קעגן די ערגסטע פון אונזערע גויאישע שונאים.

נאָר די טענדענץ, דורך פאַלשע טעאָריעס און פשוט'ע בלבולים, צו פאַר'מיאוס'ן אידן ביי זיך אַליין, האָט ביז איצט געפונען איר העכסטן אויסדרוק אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי אונזערע שונאים פון אַמאָל פלעגן טענה'ען, אַז אידן האָבן אַזאַ איינגעבאָרענעם מיאוס'ן ריח, וואָס זיי אַליין שפּירן ניט, אָבער וואָס די קריסטן שפּירן גאַנץ שאַרף. עס איז דעריבער פּריקרע צו לייענען ביי זשיטלאָווסקי'ן אַזאַ זאַג:

„עס קען גריילעך געמאָלט זיין, ווען אפילו מיר זיינען אין דעם ניט זיכער, אַז די אידן האָבן איינגעבאָרענע אַנטיפּאַטישע שטריכן, וועלכע מיר באַמערקן ניט, אָבער וואָס וואַרפן זיך דעם אַנדערן אין די אויגן און וואָס מוזן אַרויסרופן אַ גערייצטע שטימונג קעגן אונז" (באַנד 6, זייטן 200-201).

מיר האָבן אויך גערעדט פון דער עקלדיקער אויסטראַכטעניש פון פאַרצייטן, אַז פרעה האָט די אידן אַרויסגעטריבן פון מצרים צוליב זייער קרעציקייט. און עס איז דעריבער ווידער פריקרע צו לייענען ביי זשיטלאָווסקי׳ן אַזאַ שטעל, וואו ער טענה׳ט זיך אויס מיט די אַסימי־לאַטאָרן וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אידישער אויסמישונג צווישן די פעלקער, און ער זאָגט:

„ווי איז אָבער, אַז מיר זיינען אין אונזער איצטיקער געשטאַלט גאָרניט אַזאַ „אַפּעטיטלעכער״ ביסן, די פעלקער זאָלן פון אונז לעקן די פינגער? ווי איז, אַז מיר האָבן באמת אויף אונזער לייב אַן אויס־שלאָג פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס קען ניט דערוועקן ביי איינעם דעם חשק מיר זאָלן זיך אינגאַנצן צונויפגיסן מיט אים?״ (באַנד 8, ז. 128).

נאָר דאָס זיינען נאָך אַלץ קלייניקייטן. די הויפּט־זאַך איז אַן אַנדערע, און אַ פיל ערנסטערע.

מיר האָבן אויבן גערעדט פון דעם אַלטן היסטאָרישן בלבול, וואָס די רוימער האָבן אויף אונז אַרויסגעטראָגן, אַז אידן האָבן פיינט אַרבעט.

דאָס איז געווען אפשר דער סאַמע שרעקלעכסטער און שעדלעכ־סטער פון אַלע אַנטיסעמיטישע בלבולים אויף אידן. ווער קען אָפּשאַצן דעם שאָדן, וואָס ער האָט אונז געבראַכט דורך די צוויי טויזנט יאָר זינט ער הויערט איבערן אידישן קאָפּ?

אָבער אָט דעם בלבול, ווי ער שטייט און גייט, האָט זשיטלאָווסקי איבערגענומען און האָט אים געמאַכט פאַר דעם ווינקלשטיין פון זיין גאַנצער לערע וועגן אידן.

ער שטעלט עס אַוועק אַזוי:

„אויף וויפיל דאָס הענגט אָפּ פון זיין אייגענעם גוטן ווילן, קען דער איד ניט אַריבערטראָגן קיין פיזישע לוין־אַרבעט" (באַנד 6, ז. 230).

„מ׳דאַרף זיין אַ בלינדער אָדער מיט אַ כיוון צומאַכן די אויגן, כדי ניט צו זען דעם פאַקט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אין דעם פונקט אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער.

„דאָ שפּילט אַ ראָלע ניט אַזוי די פיזישע שוואַכקייט זיינע — ער קלייבט סיי ווי אויס די לייכטערע אַרבעטן, — אויך ווירקט דאָ נישט קיין פוילקייט. די הויפּט־צרה איז די גאַנצע פסיכאָ־פיזיק פון דעם אידן, זיין איינגעבוירענער אַנאַרכיזם, זיין אומרואיקער, נערוועזער טעמפּעראַמענט, וואָס פאַרליידט ניט די איינטאָניקייט פון דעם אַרבעטער־לעבן, זיין לוסט צו איניציאַטיווע, זיין קאָנקורענץ־לוסט . . .״

„דאָס זיינען אַלץ שטריכן פון דעם אידישן כאַראַקטער, וואָס וועלן אים אייביק אַוועקציען פון פיזישער לוין־אַרבעט".

אַלזאָ, פונקט ווי אַמאָל ביי דעם אַלטן רוימישן היסטאָריקער טאַצי־

טוס, נאָר אַ סך מער צוגעשפּיצט, מיט „פּסיכיקע" און „פיזיקע" און דעם גאַנצן מאָדערנעם קלאַפּערגעצייג.

און ווי איז צו די יאָר, אַז אַמאָל האָבן אידן געדאַרפט קעגן דעמ־דאָזיקן בלבול זיך ראַנגלען מיט'ן גוי טאַציטוס, און היינט דאַרפן מיר זיך ראַנגלען מיט'ן איד זשיטלאָווסקי.

זשיטלאָווסקי האָט זיך אַריינגענומען אַן אידייע־פיקס אין קאָפּ אַריין אַז נאָר פאַרמערײַ איז כשר'ע אַרבעט, און אַלע אַנדערע זאַכן, דער עיקר האַנדל, זיינען גניבה און גזילה. בשעת רעגירונגען צאָלן געלט די פאַרמער זיי זאָלן ניט אַקערן און זייען צופיל, האָט זשיטלאָווסקי נאָר געוואָלט אידן זאָלן ווערן פאַרמער. און אויב ניט, זיינען זיי פּאַראַזיטן. אפילו אידישע אַרבעטער זיינען ביי אים, אין אַ געוויסן זין, פּאַראַזיטן, ווייל זיי זיינען אַ „פרעמדער עלעמענט" אין די לענדער וואו זיי אַרבעטן. און עס פרעגט זיך די פראַגע: קענען אידן מסכים זיין אויפ'ן געדאַנק, אַז זיי לעבן אומעטום פון גניבה און גזילה? זשיטלאָווסקי שרייבט:

„שוין לאַנג האָבן די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען, גענומען שפּירן, אַז ביי יעדן פון זיי אויף די אַקסלען הויבט אַן אויסצוואוואַקסן אַ צווייטער קאָפּ, אַ פרעמדער, נעבן דעם אייגענעם. דער פרעמדער קאָפּ איז דער אידישער. ביי אייניקע איז ער שוין אויסגעוואַקסן, ביי אייניקע האָט ער שוין אַריבער־געוואַקסן דעם אייגענעם. און עס דערוועקט זיך אַ גרימצאָרן ביי די פעלקער אַנטקעגן דעם פרעמדן קאָפּ, סיי דערפאַר וואָס ער כאַפּט איבער דעם ביסן פון מויל . . . " (באַנד 8, ז. 115).

פרעגן מיר: וואָס זיינען עס פאַר אַ רייד פון אַ אידן? וואָס פאַר אַ „פרעמדער קאָפּ" זיינען מיר? וועמעס ביסן כאַפּן מיר איבער פון מויל? און וואָס מיינט עס אַז דער פרעמדער אידישער קאָפּ איז שוין „ביי אייניקע אַריבערגעוואַקסן דעם אייגענעם"? דאָס מיינט דאָך, אַז אין אייניקע לענדער האָבן אידן שוין אַלץ פאַרכאַפּט אין זייערע הענט. וואָס פאַראַ לענדער זיינען עס?

אָט מיט אַזעלכע רייד זיינען ממש אָנגעפּיקעוועט זשיטלאָווסקי'ס שריפטן. די מערסטע פון זיי האָב איך אין מיין ביכל גאָרניט גע־בראַכט. ווייל עס וואָלט וואָלט מעגלעך גאָרניט געווען אַלץ אַריינצונעמען.

זאָגן מיר: עס מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צו אָט דער שיטה פון באַשמוצן אידן צווישן אידן גופא. עס איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע. עס איז אַ נאַציאָנאַלע סכנה. אַלע קעגן אידן, און אידן אויך קעגן אידן?

און אָט דאָס איז דער גרונט פון דער זאַך.

און איצט — צו דעם שוים.

2.

איז געקומען מיין ביכל "אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי" און האָט דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט ווי בוימל אויפן וואַסער.

אָדער ווי בוימל אויפ'ן פייער . . .

און ש. ניגער, דער ליידיקער טינטער פון דער אידישער ליטעראַטור, איז זייער שטאַרק אַרויס פון די כלים.

אַרויס פון די כלים, אַריין אין די פּאַנטאָפל און היידא אויף מלחמה!

און ער האָט זיך באַוואָפנט מיט זיין בעסטן כלי־זין, דעם איינציקן כלי־זין וואָס ער פאַרמאָגט: אַ פּען אָן אַ שפּיץ, נעבעך . . .

און ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפ'ן ביכל, און אויף מיר, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רציחה. מ'האָט נאָך ביי אים אַזעלכס קיינמאָל פריער ניט געזען. אַזאַ היץ, אַזאַ פיבער! קיין ווערק, ווי פייערדיק עס זאָל ניט זיין, קען קיינמאָל ניט אָנצינדן די טרוקענע קנייטלעך פון זיין נשמה. קיין ווערק און — קיין געשעעניש. איבערן היטלעריזם, איבערן אידישן חורבן פון אונזער צייט, האָט זיך זיין געבליט אפילו איין מאָל ניט אַזוי צעוואַרימט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט און אַזאַ פּאַטאָס ווי איבער מיין ביכל.

נאַטירלעך זאָג איך דאָ "טעמפּעראַמענט" און "פּאַטאָס" נאָר בלשון סגי־נהור. ניטאָ אַזעלכס אין ניגער'ס בלוט. זיין טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס שמעקן עפּעס מיט אַפּטייק: פּאַטאָסין, טעמפּעראַמענטין . . .

וואָס איז געווען די סיבה פאַר אַזאַ „וואולקאַנישן" אויסברוך פון ניגער'ן? די סיבה איז זייער גרינג צו פאַרשטיין. זשיטלאָווסקי — דאָס איז ניגער אויך. זשיטלאָווסקי, אין זיין סביבה, איז געווען דער גאָט, און ניגער איז געווען זיין כהן און זיין נביא. זשיטלאָווסקי איז געווען דער אידעאָלאָג פון ניגער'ס גייסטיקער וועלטעלע. וואָס זשיטלאָווסקי האָט געטאָן שפּייען, האָט ניגער געטאָן קייען. ער האָט געטאָן רויכערן דעם הייליקן ווייררויך אין דעם זשיטלאָווסקי־טעמפּל. ער האָט געפירט דעם הייליקן טאַנץ אַרום דער "הייליקער פּערזאָן". אָבער אַז מען קומט און מען דעקט־אויף, אַז דער גאָט איז קיין גאָט ניט, במילא איז דער כהן קיין כהן ניט און דער נביא קיין נביא ניט.

באמת, וואָס בלייבט ניגער, אויב זשיטלאָווסקי פאַלט? פאַלט זשיטלאָווסקי'ס בנין — פאַלט אויך איין ניגער'סביידל. און ער בלייבט אין דרויסן, אין דער קעלט. די פאַרגאַנגענהייט — אַ מיאוס'ער שקר, די צוקונפט — אָן אַן אידייע און אָן אָריענטאַציע.

דאָס זעט מען טאַקע פון ניגער'ס פּאַטעטישן אויסרוף: עס איז

„אַן אָנקלאַגע ניט בלויז קעגן דר. חיים זשיטלאָווסקי'ן נאָר אויף אונז אַלעמען".

זייער ריכטיק. עס איז ניט אַ קאַמף קעגן זשיטלאָווסקי'ן. עס איז אַ קאַמף קעגן אַ שיטה, קעגן אַן אידעאָלאָגיע, קעגן אַ פּראָגראַם.

עס איז אַ קולטור־קאַמף. עס האָט באַנקראָטירט די אידייע פון אַ דור, פון ניגער'ס דור. זי מוז אַראָפּגיין פון דער סצענע. און ווער וויל דען גיין אין קבר אַריין? דערפאַר האָט אויסגעבראָכן אַזאַ פּאַניק אין זיין גאַנצער מחנה.

דער „טאָג", וועלכער האָט געהאַט זיינע אייגענע חשבונות, האָט געעפנט פאַר ניגער'ן אַ נאַציאָנאַלע קאָמפּאַניע, מיט גוואַלדיקע אַנאָנסן אין זיינע אייגענע שפּאַלטן, אויף דער ראַדיאָ און אין אַנדערע צייטונגען. די „מאָרגן־פרייהייט" אויך, מיט אַרטיקלען און מיטינגען. אַ גאַנצע פּרעסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף איין ביכל! ביז די גאַנצע גע־שיכטע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ גרויזאַם־נאַרישן פּאַרס אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

דער אמת'ער פּאַרס האָט זיך אָנגעהויבן ווען, נאָך לאַנגן טרו־מייטערן מיט טרובעס און שופרות, האָבן אָנגעהויבן גיין ניגער'ס אַרטיקלען.

די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעפּאָרן, אַ פּיצינקע פראַגעלע, און אַ נאַרישינקע אַזאַ, אין אַן אַרטיקל גרויס ווי עוג מלך הבשן, איז געווען: אויב זשיטלאָווסקי איז אַזוינס און אַזעלכס, טאָ ווי אַזוי־זשע קומט עס, וואָס אַזעלכע מענשן ווי דובנאָוו, פרויד, איינשטיין זיינען געווען צוזאַמען מיט אים אין דעם ערן־פּרעזידיום פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ)?

איך מוז זיך מודה זיין: דידאָזיקע פראַגע האָט מיך „פריטשמע־ליעט". זי איז אַזוי שפּילטשן־קעפּיק, אַזוי אַרימזעליק, אַזוי נאַריש־איינפאַך! זי האָט אין זיך, וואָלט איך געזאָגט, עפּעס אַ מין קעלבערנע קוואַליטעט. און ס'איז אַמאָל גרינגער צו ענטפערן אַ גאון'ישע פראַגע איידער אַ קעלבערנע... וואָס־זשע, מר. ניגער, ווען איינער באַלאַנגט צו אַן אָרגאַניזאַציע טראָגט ער אחריות פאַר די אַנדערע מיטגלידער, זייערע מיינונגען און מעשים?

ניגער איז אויך, דוכט זיך, אין ערן־פּרעזידיום פון „ייוואָ". וואָלט ער אפשר טאַקע געדאַרפט וואָס גיכער אַרויסגיין, ווייל ס'קען נאָך אַמאָל איינער, אַן אַנדער חכם פון דער מה־נשתנה, וואַרפן אויף אים די אחריות פאַר איינשטיינ'ס טעאָריעס...

קען ניגער זאָגן, אַז דובנאָוו האָט געדענקט וועגן אידן דאָס וואָס זשיטלאָווסקי? דובנאָוו האָט געלערנט, אַז אידן זיינען דער העכסטער טיפּ פון אַ גייסטיקער נאַציע; זשיטלאָווסקי האָט געלערנט אַז אידן

זיינען אַ „מיאוס'ע אומה". איז דער רייסטער פון די ערן־פּרעזידענטן פון דעם „ייוואָ", מיט דובנאָוו'ס און פרויד'ס נעמען באַגלייך, אַ ראיה אַז דובנאָוו איז געווען אַ פּרווידיאַנער, אָדער אַז פרויד איז געווען, מיט דובנאָוו'ן, אַ פאָלקיסט? און איינשטיין און פרויד, כאָטש אויף איין צעטלביים „ייוואָ" מיט זשיטלאָווסקי'ן — איז עס אַ ראיה אַז זיי האָבן אַמאָל געהערט זשיטלאָווסקי'ס נאָמען? אָדער אַמאָל געלייענט זיינס אַ שריפט? אָדער אַמאָל געהערט זיינע טעאָריעס פון אידן אַלס פּאַראַזיטן? און אויב געהערט — אַז זיי האָבן מסכים געווען?

אויסער דעם איז דאָ עפּעס אַ שרעקלעכע טעמפּקייט, אַ מוראַ'־דיקע גראָבקייט אין ניגער'ס אַרויסרופן דוקא איינשטיינ'ען און פרויד'ן אַלס עדות פאַר זשיטלאָווסקי'ן.

וואָרום איינשטיין און פרויד זיינען געווען דירעקטע קרבנות פון היטלערן, און זשיטלאָווסקי האָט היטלער'ן גערעכט געגעבן!

פיר יאָר נאָך היטלר'ס קומען צו דער מאַכט האָט זשיטלאָווסקי געשריבן („טאָג", נאָוו. 14, 1937), אַז צוליב דעם „פאַרברעכן פון דער פאַרהויקערטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע" פון די אידן אין דייטשלאַנד האָט אויף זיי געמוזט קומען אַ שטראָף. און די פאַר־דינטע שטראָף, שרייבט ער דאָרט, „ווערט שוין דורכגעפירט כמעט ווי אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט". היטלער איז עס געווען דער שליח פון דער גערעכטיקייט וואָס האָט דורכגעפירט די שטראָף. איינ־שטיינ'ען האָט ער אויך באַשטראָפט: ער האָט אים פאַרטריבן פון דייטשלאַנד, פאַרברענט זיינע ווערק, קאָנפיסקירט זיין בידנעם שטיקל פאַרמעגן. איז איינשטיין מסכים געווען מיט זשיטלאָווסקי'ן וועגן היטלער'ס גערעכטיקייט? האָט איר אים געפרעגט, מר. ניגער?

ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט עסטרייך האָט זשיטלאָווסקי אים ווי־דער געגעבן גערעכט און געשריבן, אַז אויב די עסטרייכישע אידן וועלן צעטראָטן ווערן ווי ווערים, איז קיינעמס שולד ניט: זאָלן זיי אַרויסגיין פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע! פרויד איז געווען אַן עסטרייכישער איד. און מען האָט אים קוים אַ לעבעדיקן אַרויסגע־שלעפּט פון אונטער היטלער'ס רעדער, און געבראַכט קיין לאָנדאָן, וואו ער איז קורץ נאָכדעם געשטאָרבן. האָט פרויד מסכים געווען מיט זשיטלאָווסקי'ן, אַז ער איז געווען אַ וואָרים וואָס האָט געמעגט צע־טראָטן ווערן אונטער די רעדער פון היטלער'ס מאַרש דורך דער געשיכטע? האָט ניגער עס אים אַמאָל געפרעגט?

פרויד און איינשטיין — ביידע היטלער'ס כשר'ע קרבנות. זשיט־לאָווסקי האָט אַרויסגעגעבן דעם הכשר. קומט ניגער און נעמט אָט די צוויי מאַרטירער, און דרינגט פון זיי אַן אַטעסטאַט אויף זשיטלאָוו־סקי'ן! דורך זיי זאָל זשיטלאָווסקי גע'כשר'ט זיין! אָבער —

הרצחת וגם ירשת? הרג׳ענען און נאָך ירש׳ענען אויך? וואו איז אייער „געשמאַק”, מר. ניגער?

וועגן אייער מאָראַל פרעג איך שוין ניט . . .

ס׳איז טראַגיש, ס׳איז בלוטיק. ביידע זאַכן זיינען טראַגיש און בלוטיק: אי זשיטלאָווסקי׳ס „סידור”, אי ניגער׳ס דאַווענען נוסח זשיטלאָווסקי.

פון בלוטיקן טראַגיזם לאָמיר איבערגיין צום קאָמישסטן פאַרס. אַ פאַרס מיט — גענזנפיסלעך.

ש. ניגער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַלאַרם איבער כל תפוצות ישראל: גוואַלד, חיים ליבערמאַן האָט צוגע׳גנב׳עט ביי זשיטלאָווסקי׳ן אַ פּאָר גענזנפיסלעך! און די גוואַלטן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז מען וואָלט געקענט מיינען אַז איך האָב צוגע׳לקח׳נט אַ גאַנצע גאַנז . . .

איך האָב פון איין עק זשיטלאָווסקי׳ס ווערק ביז׳ן צווייטן צוזאַמענגעבראַכט אַ גאַנצן „זווערינעץ” און אויסגעריכט אַ טיש מיט אַ סעודה כיד המלך, מיט כלערליי חיות און עופות, קומט ניגער און הויבט אויף אַ געשריי: אַ פּאָר גענזענע פיסלעך פעלן אים!...

אָט דאָס הייסט אַ טריפה׳נע האַלז . . .

היינט דער קוק, וואָס פאַראַ שאַרף אויג!

אָבער, מר. ניגער: דענקט איר, אַז איר קענט ווייט איינגיין אויף אַ פּאָר גענזענע פיסלעך?

לאָמיר זען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

אין מיין ביכל, אויף זייט 3, ברענג איך זשיטלאָווסקי׳ס אייגענע ווערטער ווי ער האָט געשריבן אַז ער איז נאָך „באמת געווען צו ווייניק אַנטיסעמיטיש” (באַנד 6, ז. 249).

קומט ניגער און אַנטדעקט אַ גניבה: ער האָט אויפגעזוכט יענע שטעל ביי זשיטלאָווסקי׳ן און געפונען, אַז דאָרטן שטייט דאָס וואָרט אַנטיסעמיטיש אין גענזנפיסלעך, אָט אַזוי: „אַנטיסעמיטיש”. און דאָס, זאָגט ער, איז אַ באַווייז, ניט אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך דאָ איבערגענומען מיט אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַז ער האָט עס געמיינט איראָניש. אַלזאָ, הייסט עס, אַז זשיטלאָווסקי איז גאָר געווען פאַרליבט אין אידן . . .

אָרימער מר. ניגער! אָרימער מר. ניגער, וואָס זעט דאָ ניט די איראָניע און דעם חוזק אויף זיך אַליין. עס איז שוין אָך און וויי צו אַזאַ ליבע וואָס האַלט זיך אויף גענזענע פיסלעך...

נאָר ווען עס גייט שוין אין דעם, איז טוט, זייט מוחל, נאָכאַמאָל אַ קוק אויף דער ציטאַט פון מיין ביכל. דאָרטן, שוין מיט דער גניבה, שטייט פונדעסטוועגן דאָס וואָרט אַנטיסעמיטיש מיט איין גענזנפיסל,

אַט אַזוי: „אַנטיסעמיטיש". און אַ גאַנז, ווייסן מיר, האָט אַמאָל ליב צו שטיין אויף איין פיסל אויך, און שטייט גאַנץ פעסט . . .

הייסט עס, אַז אין ערגסטן פאַל האָב איך אַראָפּגעשלונגען נאָר איין פיסל.

ס'קען ניט זיין קיין מער קאָמישע פיגור ווי ניגער דעמאָלט, ווען ער טרעט אַרויס אַלס טשעמפּיאָן פון פּינקטלעכקייט. ער, וואָס ערשט ניט לאַנג פריער האָט מען אים אַזוי געזייפט די מאָרדע פאַר מיסרעפּרעזענטירן פאַקטן פון דער אידישער ליטעראַטור אין דער אידישער ענציקלאָפּעדיע, אָדער אומעטום וואו ער שרייבט; ער וואָס איז באַרימט מיט זיין קריטישער מעטאָדע פון „באַלוינען פריינט און באַשטראָפן פיינט"; ער, וואָס מ'האָט אים שוין צענדליקער מאָל געכאַפּט ביי דער האַנט ווי ער האָט געשריבן וועגן שרייבער הייגט פונקט פאַרקערט ווי נעכטן, ווייל צווישן נעכטן און היינט האָט ער זיך מיט'ן שרייבער צעקריגט אָדער איבערגעבעטן; ער, וואָס האָט שוין אַ גאַנצע ליטעראַטור פאַרפעלשט, — ער איז דאָס דער אמת'ער טרעגער פון פּינקטלעכקייט, און מיך האָט ער געכאַפּט ביי דער האַנט מיט אַ פּאָר פרעמדע גענזנפיסלעך . . .

נאָר וואָס, מר. ניגער, וועט איר זאָגן אויף דער פאָלגנדער ציטאַט, וואָס איז אין מיין ביכל גאָר ניטאָ, און וואָס געפינט זיך אין זשיט־לאָווסקי'ס „זכרונות", באַנד 3, ז. 135, און גייט אַזוי:

„איז טאַקע פאַראַן — וואָס זאָל איך לייקענען — גאָר אַ וויכטיקער געמיינ־שאַפטלעכער פונקט אין מיין איינשטעל און אין דעם אַנטיסעמיטישן. זיי ביידע ווילן פּטור ווערן פון דער אידישער הענדלעריי און פּראָפעסיאָנעלעריי. בין איך דען ניט דער אמת'ער עוכר־ישראל און אַנטיסעמיט העברי?"

וואָס וועט איר זאָגן דערויף, מר. ניגער? דאָ רעדט שוין זשיט־לאָווסקי וועגן זיין אַנטיסעמיטיזם ניט מיט גענזנפיסלעך. דאָ רעדט ער שוין מיט באַקציינער.

און אויב ס'איז אייך ווייניק, לייענט ווייטער אויף דערזעלבער זייט, וואו זשיטלאָווסקי זאָגט:

„איך וויל ניט פּטור ווערן פון די אידן, גלויבט דאָס מיר אויף מיין ערלעכער נאמנות!"

יאָ גענזנפיסלעך, ניט גענזנפיסלעך, מר. ש. ניגער — נאָר פאַר־וואָס דאַרף זיך עס אַ איד שווערן אויף זיין ערלעכער נאמנות, אַז ער „וויל ניט פּטור ווערן פון די אידן"? פאַר וועמען האָט ער זיך עס געשוואָרן? דאָס האָט ער דאָך געמוזט פאַר עמעצן זיך פאַרענטפערן!

די „זכרונות" געהערן שוין צו זשיטלאָווסקי'ס שפּעטסטע ווערק. די ציטאַטע מיט די גענזנפיסלעך געהערט צו זיינע פריסטע ווערק.

פאַרוואָס האָט עס זשיטלאָווסקי זיין גאַנץ לעבן געמוזט זיך פאַרטיידיקן קעגן דער באַשולדיקונג פון אַנטיסעמיטיזם ?

דעריבער ווייס ניגער אַליין זייער גוט, אַז ער זאָגט ליגן ווען ער באַהויפּטעט, אַז ערשט איצט האָבן „קאַהאַן, ראַגאָף און ליבערמאַן" אויסגעטראַכט דעם „בלבול".

ווייטער. עס איז שוין די טבע פון דעם שלעכטן, אַז ער וויל אַריינציען אַנדערע אויך אין זיין שלעכטס און עס איז די טבע פון דער טומאה אַז זי וויל זיך אויסשפּרייטן.

און אַזוי געפינען מיר ביי זשיטלאָווסקי'ן, אַז ער סטאַרעט זיך צו באַווייזן, אַז ניט ער אַליין מיט זיינע טעאָריעס זיינען אַנטיסעמיטיש. ער וויל שטעלן אַלע אידישע באַוועגונגען אונטער'ן שרעקלעכן צייכן פון אַנטיסעמיטיזם. אַלע באַוועגונגען, און אויך דעם ציוניזם...

אַזוי שרייבט ער אין זיינע „זכרונות", באַנד 3, ז. 130 און ווייטער.

דאָ דערציילט ער, צום וויפילטן מאָל, ווי אַזוי מ'האָט אים נאָך זיין ערשטער שריפט אָנגערופן „עוכר ישראל" און „אידישער אַנטי־סעמיט". דאָ דערציילט ער ווי אַזוי אַן אַנטיסעמיטישע רוסישע וואָכנבלאַט האָט זיך באַנוצט מיט זיין ווערק (ער אַליין דערציילט עס !) צו באַווייזן, אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן, און דאַן זאָגט ער אַזוי :

„נאָך עד היום טרעפט אַז מען רייבט מיר אונטער דער נאָז מיין גייסטיקע קרובה'שאַפט מיט'ן אַנטיסעמיטיזם".

אַלזאָ, פון אָנהויב און „עד היום" האָט „מען" אים געריבן די נאָז פאַר אַנטיסעמיטיזם ! וואָס זשע שרייט ניגער אַז ערשט איצט האָט עס דער „פאָרווערטס" אויסגעטראַכט ?

דאַן שלעפּט זשיטלאָווסקי אַלעמען אין דער טומאה אַריין און ער זאָגט :

„אין דער אמת'ן האָבן דער גאַנצער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער לאַ־גער און די אַנטיסעמיטן אַ סך געמיינשאַפטלעכע פּונקטן אין זייער וועלט־באַנעם און אין זייער שטעלונג צו דער אידן־פראַגע . . ." און דער ציוניזם אויך. „מוז מען דען ניט מודה זיין — שרייבט ער — אַז אָביעקטיוו גענומען, לויט דער היסטאָרישער ווירקונג פון ביידנ'ס אידייאישן איינשטעל, איז ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם — היינו הך (דיזעלבע זאַך) ?"

פונדעסטוועגן האָט נאָך קיינער חיים וויצמאַנ'ען ניט אָנגערופן „אידישער אַנטיסעמיט", און בער באָראָכאָוו'ן אויך ניט . . .

און אַב. קאַהאַנ'ען אויך ניט. און ראַגאָפ'ן אויך ניט.

און קיינער פון זיי האָט זיך ניט געדאַרפט שווערן ביי באָרד און פּיאות אַז „ער וויל ניט פּטור ווערן פון די אידן".

נאָר לאָמיר, נאָך אַלעמען, זען, צי דער הכצעקתה איז טאַקע גע־וועז אָן אַ יסוד.

איך האָב איצט אין האַנט אַן אַרטיקל וואָס טראָגט פאַלגנדן קאָפּ אין גרויסע אידישע אותיות:

„דר. זשיטלאָווסקי ווייזט־אָן אויף „אמת און יושר" אינים היט־לעריזם, ווייל ער וויל זיין גערעכט אפילו צו אַ שונא. די רעדאַקציע ענטפערט".

וואו איז דער אַרטיקל געדרוקט געוועז? אין „פאָרווערטס"? ניין. אין „טאָג"! און ווען? נאָוועמבער 19, 1939. דאָס איז שוין געוועז באַלד דריי מאָנאַטן נאָכדעם ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. פוילן איז שוין געוועז צעטראָטן. היטלער האָט זיך שוין געבאָדן אין אידישן בלוט ביז'ן האַלז. דעמאָלט האָט נאָך זשיטלאָווסקי פאַר־טיידיקט היטלער'ן!

אין דעם אונטערקעפּל פון דעמזעלבן אַרטיקל שטייט אַזוי:

„ער (זשיטלאָווסקי) באַרעכטיקט אַ סך זאַכן, וועלכע זיינען פאַר־דאַמט געוואָרן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. איז איינשטימיק מיט היטלער'ס פאַרכאַפּונג פון עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, סודעטן, מעמעל, דאַנציג און דעם קאָרידאָר. דער „טאָג" דרוקט דעם אַרטיקל מיט אַ פיינלעכן געפיל" . . .

אַפילו פאַר'ן „טאָג", וואָס האָט יאָרן־לאַנג געלאָזט זשיטלאָווסקי'ן פראַנק און פריי פאַראומווירדיקן דעם אידישן נאָמען, איז עס שוין געוועז צופיל, און ער האָט אים „געענטפערט".

און אינווייניק אין דעם אַרטיקל גלייכט זשיטלאָווסקי דעם נאַציזם מיט'ן ציוניזם. ער געפינט אין זייביידן דיזעלבע עלעמענטן פון הייסן פאַטריאָטיזם. ער גייט נאָך צו מאַרקס'ן און ענגעלס'ן און געפינט ביי זיי אויך אַ זכות אויף היטלער'ס מעשים; היטלער, זאָגט ער דאָרט, „ווייזט אויס, וועט אָט דעם ליידנשאַפטלעכן דייטשן פאַטריאָטיזם באַ־פרידיקן. ער באַפרידיקט אים שוין איצטער מיט יענעם „אייזערנעם ניט־קוקן־אויף־קיין־זאַך", וועלכן פרידריך ענגעלס האָט באַרעכטיקט אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

„די רעפּובליק טשעכאָסלאָוואַקיע — שרייבט ער — האָט באַקומען איר פאַרדינטע שטראָף . . .. די „רעפּובליק" פוילן האָט באַקומען איר פאַרדינטע שטראָף".

און וואָס איז מכוח דעם אידישן גורל אינמיטן פון אָט דער היט־לעריסטיש־ענגעלס'שער רעוואָלוציע? זשיטלאָווסקי האָט אַ האַרץ צו זאָגן אין דעם אַרטיקל פאַלגנדיקע שרעקלעכע ווערטער:

„וועגן די אידן צווישן אָט די אַלע פעלקער רעדן מיר דאָ ניט"...

טאַקע, וואָס דאַרף מען זיך דאָ „באַדערן" מיט די אידן? זאָלן זיי אַרויסגיין פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע! וואָס פּלאָנ־טערן זיי זיך אונטער היטלער'ס פיס?!

אין דעם דריטן חודש פון דעם צווייטן וועלט־קריג!

וואָס־זשע איז דאָס, מר. ש. ניגער, טאַקע אַזאַ גרויסע ליבשאַפט צו אידן? אָדער „עפּעס אַנדערש"?

צו פאַרגלעטן אַט די זאַך, מר. ניגער, אפילו ביי אייער עולם, וועט איר אים שוין ניט קענען אָפּ'פּטר'ן מיט אַ פּאָר גענזענע פּיסלעך: דאָ וועט איר אים שוין מוזן געבן וויניקסטנס אַ גענזענעם פּופּיק...

דאָס אַלץ איז זשיטלאָווסקי'ן ניט פאַרשוויגן געוואָרן. מען האָט רעאַגירט אויף אַזעלכע און דערגלייכן זאַכן וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן, אַזוי ווי מ'האָט רעאַגירט אויף אַזעלכע זאַכן אין זיינע ערשטע יאָרן. און ס'איז נאָר אַ טאַנדעטנע פעלשונג פון ניגער'ס זייט ווען ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע און פרעגט: „פאַרוואָס האָבן די באַשולדיקער ביז איצט געשוויגן?"

נאָר צי איז עס דען אַ נאַווינע ביי ניגער'ן צו געבן פאַלשע כראָ־ניק? פאַלשקייט ליגט אין זיין גאַנצן וועזן. ער איז אַ פאַלשער כראָניקער, אַ פאַלשער קריטיקער, אַ פאַלשער טאַלאַנט, אַזוי ווי ער איז אַ — פאַלשער ניגער...

ניין. מ'האָט ניט „ביז איצט געשוויגן". די גאַנצע וועלט וויים עס.

וואָס שייך מיר אַליין בין איך אָפּט שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זשיטלאָווסקי'ן. נאָך מיט אַן ערך פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך שוין אויפגעהויבן די זשיטלאָווסקי־פראַגע און האָב אָנגעשריבן אַן ערשטן אַרטיקל אין דער „צייט" וואו זשיטלאָווסקי האָט אויך געאַרבעט, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פינסקי. און דעמאָלט האָט מען אויך אויפגעהויבן באַלד אַזאַ מהומה ווי היינט. עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסער סקאַנדאַל אין דער „צייט". נאָר די „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט מיר דעמאָלט געגעבן אַ מקום־מקלט צו ענדיקן מיין סעריע, וועלכע איז דערנאָך אַריין אין מיין בוך „דיכטער און וועלטן".

און דאָס בוך איז אַרויס נאָך אין יאָר 1923.

פון דעמאָלט אָן האָב איך אין אַ האַלבן טוץ ביכלעך געשריבן וועגן זשיטלאָווסקי'ן, קעגן זשיטלאָווסקיין.

אָבער ניגער האָט עס אַלץ נעבעך ניט געהערט און ניט געזען. פאַרוואָס־זשע טאַקע ניט? איר זייט דאָך עפּעס אַ „שומר ישראל"!...

„מיר אַליין", שרייבט ניגער, „האָט זיך ניט איין מאָל געוואָלט אים אויסריידן". נאָר עס האָט אים פשוט אויסגעפעלט מוט. איז אַליין האָט ניגער אים ניט אויסגערעדט און אַנדערע לאָזט ער אויך ניט.

דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער הויבט־אויף אַזאַ גוואַלד.

געוועזן אַזאַ פאַל: ווען ס'איז אָנגעקומען די נייס אַז די נאַציִשע ראַדיאָ אין דייטשלאַנד, אינמיטן פון דער מלחמה, האָט זיך גע־צאַצקעט מיט זשיטלאָווסקי'ס אַן אַרטיקל אין „טאָג", האָט מ. ריבלין, מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל", ביי אַ מיטינג פון דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע צו טאַדלען זשיטלאָוו־סקי'ן. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען ניגער צו ריידן און איז אַריינגע־פאַלן אין אַזאַ היסטעריקע אַז מיר אַלע האָבן זיך דערשראָקן עס זאָל מיט אים חלילה עפּעס ניט געשען, און קאָלעגע ריבלין האָט אויף גיך צוריקגעצויגן זיין רעזאָלוציע.

אין זיין היסטעריקע האָט ניגער געשריען: ווער וואַגט עס צו קריטיקירן זשיטלאָווסקי'ן? דרך ארץ פאַר אַ תלמיד־חכם!

אָט דער געשריי: „ווער וואַגט עס?" איז געווען אַן אויפריכ־טיקער געשריי, אַזוי ווי ס'איז אויפריכטיק, און פאַטעטיש, זיין איצ־טיקע ווידוי אַז ער האָט ניט איין מאָל געוואָלט אויסריידן זשיט־לאָווסקי'ן נאָר...

די גאַנצע פאַטעטישקייט פון ניגער'ס אָרימינקן ווערן זעט זיך אַרויס אין דעמדאָזיקן ווידוי. צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט מיט זשיטלאָווסקי'ן אין איין רעדאַקציע, זיך געזען מיט אים כמעט יעדן טאָג אין וואָך. ס'האָט אָפט געשטורעמט מיט פּראָטעסטן אַרום זשיטלאָווסקי'ן, און פאַר דער גאַנצער צייט האָט ניגער קיין איין מאָל ניט געוואַגט צו עפענען די ליפּן קעגן אים. אָפט געוואָלט און ניט געקענט. פאַרוואָס?

ווייל ניגער האָט זיך געפילט קעגן זשיטלאָווסקי'ן בטל ומבוטל. די קני האָבן זיך אים געזעצט אין ערפאַרכטיקן פּחד פאַר זיין „חכמה", וואָס ער האָט ניט געקענט אַרומנעמען, ווייל ער אַליין פאַרמאָגט ניט קיין תורה און ניט קיין חכמה. האָט איר אַמאָל געפילט דעם טעם פון תורה אין ניגער'ס שרייבן? ער האָט געלערנט ווי אַלע אידישע אינגלעך האָבן געלערנט, נאָר די תורה איז ערגעץ אין אים פאַרזונקען ווי אַ האַק אין וואַסער. ער איז אַפילו געווען אַ ישיבה־בחור — די ישיבה איז פאַרשוואונדן, געבליבן איז נאָר דער בחור...

און אויב ס'איז אַזוי מיט תורה וואָס ער האָט געלערנט, ווי זשע שוין מיט חכמה וואָס ער האָט ניט געלערנט? (פּאַסט זיך טאַקע דעריבער זיין קריטיק צו דער אידישער ליטעראַטור ווי אַ דריטער אַרבל צו אַ בגד).

קיין אידייען־מענש איז ער ניט. דורכצוטראַכטן יענעמס אידייען פאַרמאָגט ער ניט די גייסטיקע אינסטרומענטן. זיין אייגענער האָרי־זאָנט איז ד' אמות על ד' אמות. האָט ער ערלעך מורא געהאַט פאַר זשיטלאָווסקי'ן.

אַליין מורא געהאַט און ניט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי עמיצער אין דער וועלט קען זיך אונטערשטיין אים צו קריטיקירן.

3.

ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע שטראָף ווי לייענען ניגער'ס אַן אַרטיקל. סיידן טויט־שטראָף. און דאָס איז גערעדט געוואָרן ווען ער שרייבט אין נאָרמאַלן צושטאַנד. אין זיין געווינלעכן, נאָרמאַלן שרייבן איז דאָס ביסל גאָרניט וואָס ער האָט צו זאָגן, זאָגט ער גאַנץ גלאַטיק. נאָר ווען ער שרייבט מיט „טעמפּעראַמענטין" און „פּאַטאָסין", דעמאָלט זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

און די זעקס אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן קעגן מיין זשיטלאָווסקי־ביכל זיינען אַלע געשריבן מיט „פּאַטאָסין". און זיי זיינען אַ מין וויסטער, טרוקענער, זאַמדיקער געווירבל, אין וועלכן ניגער דרייט זיך ווי אַ דערוויש. עפּעס אַזוי ווי אַ ניט־גוטער וואָלט אים דאָ געפּירט און געפּירט, אַ לאַנגן וועג, אַ גאַנצע נאַכט, און ערשט ער שטייט גאָר אויף איין אָרט!

אַ גאַנצן אַרטיקל האָט ניגער געווידמעט צו דער פראַגע, וואָס איך האָב אויפגעהויבן אין מיין ביכל: איז דר. זשיטלאָווסקי געווען קעגן גלייכע רעכט פאַר אידן? ער חזר'ט איבער עטלעכע מאָל די פראַגע, וואָס איך האָב אַליין געפרעגט, מיט אומגלויבן און שטוינען: ווי קען מען זיך גאָר פאַרשטעלן, אַז אַ אידישער מענש זאָל זיין קעגן גלייכע רעכט פאַר אידן? נאָר ניגער, דער תמים, דער ערלעכער, דער טשעמפּיאָן פון פּינקטלעכקייט, דרייט זיך אַהין און דרייט זיך אַהער און האָט ניט דערמאָנט, און מיט קיין איין וואָרט ניט פאַרענטפערט די צענדליקער ציטאַטן, וואָס איך ברענג פון זשיטלאָווסקי'ן אַליין אַלס באַווייז, פון זיין ביכל „אַ איד צו אידן".

עס איז אַוודאי צו שטוינען אַז אַ איד זאָל שרייבן קעגן אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ס'איז אָבער נאָך מער צו שטוינען, וואָס ווען מען קומט און מ'ווייזט אָן דערויף אַזוי קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, זאָל אויפשטיין אַ ש. ניגער און חבריא און שרייען: ס'איז אַ בלבול!

וואָס טוט זיך דאָ מיט אונז?

עס טוט זיך דאָ אין אמת'ן זייער אַ סך. עס געהער צו אַ מאָדנער פּסיכאָלאָגישער קרענק, וואָס מ'האָט פאַרשלעפּט צווישן אידן אין די לעצטע פופציק־זעכציק יאָר, אַ קרענק פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־האַס, פון וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן די משונה'דיקסטע אידייען, טעאָריעס און פּראָגראַמען, צווישן זיי זשיטלאָווסקי'ס טעאָריעס וועגן אידן. און

ש. ניגער און זיין גאַנצער באַנקראָטירטער און אויסגעליידיקטער קרייז, שטעקן נאָך אַזוי וויט אין דעמדאָזיקן פּסיכאָז, אַז זיי לאָזן זיך ניט צורירן דערצו און שרייט מיט משוגענע קולות.

אַ העלפט פון זשיטלאָווסקי'ס ביכל „אַ איד צו אידן" גייט אַוועק אויף צו באַווייזן, אַז די עמאַנסיפּאַציע פון אידן אין מערב־אייראָפּע איז געווען אַן אומגליק. די אָרעמע מאַסן, שרייבט ער, האָבן פון איר גאָרניט ניט געגאָסן (וואָס ס'איז ניט אמת), און די רייכערע אידן, די „אויבערשטע צען טויזנט", האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די גוים, האָבן אַריינגעבראַכט ספּעקולאַציע און פאַרכאַפּט ביים דעם פּריץ און דעם פּויער זייערע נחלאות און זיי פאַרשקלאַפט (וואָס ס'איז אַ גע־פּערלעכער שקר). און דאָס, זאָגט זשיטלאָווסקי, „איז שוין גאָרניט אַזאַ חסד פאַר'ן לאַנד" (באַנד 6, ז. 31).

פאַרן „לאַנד" האָט ער געזאָרגט, פאַרן לאַנד קעגן דער אידי־שער געפאַר!

שטייט דאָרט אַזוי אין דעם ביכל, מר. ניגער, אָדער ניט?

אָפּלערנענדיק אַ מוסר־השכל פון מערב־אייראָפּע, שרייבט זשיטלאָוו־סקי וועגן רוסלאַנד, אַז אויב די ליבעראַלן וועלן איינפירן אַ ליבעראַלע אָרדענונג אין רוסלאַנד — „וועט פאַר דעם אידישן פאָלק אויסוואַקסן די סכנה דערגייין צו דיזעלבע טרויעריקע רעזולטאַטן, וועלכע די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין מערב־אייראָפּע האָט געבראַכט מיט זיך" . . . דער אַרבעטער־ און האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט וועט זיך ניט באַפרייען פון דעם דלות . . . די האַנדלס־קלאַסן וועלן אַריינטרעטן אין אַן אכזריות'דיקער קאָנקורענץ מיט דעם מיטעלערן און קליינעם רוסישן קאַפּיטאַל . . . די אינטעליגענץ וועט זיך אַ לאָז טאָן נאָך אַלערליי וואַרעמע שטעלעלעך . . . און וועט אָנהענגען אי זיך, אי דאָס פאָלק צו די פּוילן, און צו די גרויס־רוסן, צו די ווייס־רוסן און די קליין־רוסן, צו די טשוואַשן" . . . און „דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט אַרויסרופן קעגן זיך נאָך אַ שרעקלעכערן אַנטיסעמיטיזם איידער איצטער . . ." (אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן אַליין).

שטייט דאָרט אַזוי אין דעם ביכל, מר. ניגער, אָדער ניט?

„אַ חוץ דעם — שרייבט זשיטלאָווסקי ווייטער — שטייט רוסלאַנד וואַרשיינלעך בעפאָר אַן עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע . . . די דאָזיקע פיר פּראָצענט (אידישע) באַפעלקערונג וואָלט געקענט, מהיכא תיתי, ניט ווייניק אונטערהעלפן כדי צו פאַרשנעלערן דעמדאָזיקן אומאַנגענעמען פּראָצעס כדי גיכער דורכצופירן די פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסן . . . אַ ברודער וואָלט פאַרציטערט געוואָרן ווען אויף זיין שוועסטער וואָלט אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן אַ גאַסן־פרוי... אָבער דער אידישער רעוואָלוציאָנער קען צוקוקן ווי פאַר זיין פאָלק

ווערט צוגעגרייט די „גלענצנדע צוקונפט" פון אַ פּאַראַזיט און ער וועט מיט קיין פינגער ניט אַ ריר טאָן!" (באַנד 6, ז. 48).

גלייכבאַרעכטיקונג מאַכט פון אידן פּאַראַזיטן!

שטייט דאָרט אַזוי אין דעם ביכל, מר. ניגער אָדער ניט?

וואָס זשע איז דאָס אַלץ: פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אָדער קעגן?

אָדער איר פאַרשטייט קיין אידיש אויך ניט, מר. ניגער?

און פאַרוואָס האָט איר דאָס אַלץ אויסגעלאָזט, אָה טשעמפּיאָן אויף געגזענע פיסלעך?

און דאָס איז דאָך נאָר אַ קליינער טייל פון די ציטאַטן וואָס איך האָב געבראַכט אין מיין ביכל, און די ציטאַטן אין מיין ביכל זיינען דאָך נאָר אַ שמץ פון זשיטלאָווסקי'ס ביכל און פון הונדערטער שטעלן אַנדערשוואו אין זיינע שריפטן.

זשיטלאָווסקי איז נאָך געגאַנגען ווייטער און האָט זיך איינגע־שמועסט, און האָט אַנדערע געוואָלט איינשמועסן, אַז די סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד זיינען אויך ניט געווען סימפּאַטיש געשטימט צו אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. בלויז „די געמעסיקטע ליבעראַלע עלעמענטן זיי־נען אַרויסגעטראָטן ענערגיש און אָן שום באַדינגונגען פאַר דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג". אָבער ניט די סאָציאַליסטן. אָפן, איז ער מודה, האָבן עס די סאָציאַליסטן ניט געזאָגט, נאָר ווען די אומשטענדן האָבן זיי געצוואונגען צו נעמען שטעלונג „פלעגן זיי דאָס טאָן מיט אַזאַ קלאָרן ווידערווילן, און די אָנערקענונג פון גלייכע רעכט פלעגן זיי דורכזאָגן דורך די ציינער מיט אַזאַ אומלוסט, אַז פאַר יעדן פלעגט ווערן קלאָר ווי דער טאָג: דאָס רעדט זיך נאָר „פון איין זייט", אָבער נאָך אַ גאַנצער „פון דער אַנדער זייט" בלייבט ליגן הינטער די פעסט צונויפגעשלאָסענע ליפּן" (באַנד 6, ז. 39).

אָבער ער האָט זיי מיט געוואַלד אויפגעריסן די ליפּן, ויפתח את פי האתון, און ער האָט זיי געמאַכט צו ריידן. ער האָט אַליין גערעדט פאַר זיי און האָט אויסגעטייטשט זייערע געפילן אין זיינע אייגענע ווערטער.

„וואָס האָט די רוסישע אינטעליגענץ — שרייבט ער — געקענט טאָן אַנדערש, אויב ניט זאָגן צו זיך אַליין: „אויב די אידן זעען מיט אַזאַ התמדה צו דערשלאָגן זיך צו די רעכט אויף אַ שענק, אַ קראָם, עפּאָלעטן און בערזן־שפּיל, כדי זיי זאָלן אין אַלץ ווערן גלייך מיט אַלע אַנדערע רוסישע שענקער, קרעמער, מאַרסן און בערזיאַנער, האָבן מיר קיין רעכט ניט צו שטעלן זיך קעגן דעם, אָבער עקסטרא זאָרגן דערפאַר זיינען מיר אויך ניט מחויב" (דאָרט, ז. 41־40).

פאַרוואָס האָט די רוסישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ געטאָן אַזוי און ניט געקאָנט טאָן אַנדערש?

ווייל, זאָגט ער, „אין דעם שייַן פון דעם סאָציאַליזם האָבן די אידעאַלן פון דער אידישער עמאַנסיפּאַציע געמוזט אינגאַנצן פאַרוועלקן און פאַרטונקלט ווערן... עס איז פאַר קיינעם קיין 'סוד ניט אַז די גלייכבאַרעכטיקונג אין אייראָפּע האָט נאָר געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער בורזשואַזיע, דעם פאַר'עקשנ'טן, אומפאַרשעמטן קעגנער פונם פּראָלעטאַריער" (דאָרט, ז. 40).

געבן, הייסט עס, אידן רעכט האָט געמיינט נאָר אָנצופּלאָדיען נייע בורזשויען, שונאים פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

נאָר סוף־כל־סוף, דער בעסטער פּוסק אַחרון וועגן זיין טעאָריע דאַרף דאָך זיין זשיטלאָווסקי אַליין. און מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער נאָך זיין ביכל „אַ איד צו אידן" (1892), אין אַן אַרבעט „דער ביטערער אמת" (1912), גיט ער אַן איבערבליק וועגן דעמדאָזיקן ביכל און זיין טעאָריע און באַשטעטיקט זיין אַלטע שיטה מיט קאַטעגאָרישער זיכערקייט:

„דער אייראָפּעאישער וועג אין דער אידישער פראַגע, ד. ה. דער וועג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און אַסימילאַציע האָט נאָך מיין מיינונג נאָך געבראַכט דעם אידישן פאָלק מער צרות, איידער גוטס" (געזאַמלטע שריפטן, ב. 6, ז. 247).

מילא, אַסימילאַציע ווי אַסימילאַציע. אָבער בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג — וואָס הייסט עס זי האָט געבראַכט דעם אידישן פאָלק מער צרות ווי גוטס"?

ש. ניגער איז אַ פּאַפּירענער מענש, און ווערטער און געדאַנקען זיינען פאַר אים נאָר פּאַפּיר. אָבער אַ לעבעדיקער מענש וועט פּרוּוון זיך אַ גריבל טאָן אין דעם לעבעדיקן זין און אין דער לעבעדיקערווירקלעכקייט וואָס הינטער זשיטלאָווסקי'ס ווערטער. איז עס טאַקע בעסער געווען פאַר אידן ווען זיי האָבן ניט געטאָרט איבערנעכטיקן אין „פּייטערבאַרג", און צי איז עס ערגער פאַר אידן ווען זיי מעגן יע שלאָפן אין ניו־יאָרק? וואָס איז עס אַזאַ אומגליק פאַרן אידישן פאָלק ווען אידן האָבן שטימרעכט, מעגן שטודירן, קע־נען לערנען פּראָפעסיעס? מיט וואָס האָט דאָס אַלץ געבראַכט „מער צרות ווי גוטס"?

ש. ניגער טענה'ט, אַז זשיטלאָווסקי האָט דאָך געוואָלט מער ווי פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט: ער האָט געשטרעבט צו נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס איז זייער ריכטיק. דאָס ברענג איך אַליין קלאָר אַרויס אויף אַ סך ערטער אין מיין ביכל (זע ז. 6 און ווייטער, ז. 16 און ווייטער). נאָר אין דער באַגרינדונג איז געלעגן די אַנטי־אידישע פערווערזקייט. און דאָס ווייז איך אויך דאָרט אָן בפירוש. מורא האָבנדיק מסתמא אַז גלייכבאַרעכטיקונג וועט שטערן זיין

אייגענעם יציאת־מצרים־פּלאַן, מיט אים אַלס אַ נייער משה, צו מאַכן פון אידן אַ נייעם גוי קדוש, אַ פאָלק פון פויערים, לויטן רעצעפּט פון די רוסישע נאַראָדניקעס און עס־ערן, האָט ער — ווי מאָדנע דאָס קלינגט! — ניט געפונען קיין בעסער מיטל ווי אויסצורײדן כל דבר אסור אויף אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. לגבי די גוים האָט ער געזאָגט אַז דאָס וועט ברענגען אַ גרעסערע אידישע פאַרכאַפּונג פון זייערע וועלטן, און די אידן האָט ער געשראָקן מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם. און איך פרעג דאָ דאָס אייגענע וואָס איך האָב גע־פרעגט אין מיין ביכל: צי דען, כדי צו באַווייזן אַז אידן זיינען אַ נאַציע און דאַרפן האָבן נאַציאָנאַלע רעכט, איז נויטיק געווען אָנצורײדן לשון הרע אויף אידן, אויסצושלעפּן זיי דורך אַלע בלאָטעס, זיי מאַכן פאַר פאַראַזיטן און ווערים, פּראָצענטניקעס און פאַרכאַפּערס, און צו זאָגן אַז „דער איד וויל ניט זיין קיין אַרבעטער״? (באַנד 6, ז. 232. דער „וויל ניט״ איז אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן).

און דאָס אַלץ וויל ניגער פאַרווישן.

ניגער קוקט מיט די אייגענע אויגן אויף אַ אידן, וואָס איז קעגן גלייכבאַרעכטיקונג און ער זאָגט: ניין, ניטאָ אַזאַ איד! ווי יענער פויער וואָס איז געקומען אין צירק און געזען אַ זשיראַף. אַ פאַר־חידוש'טער קוקט ער אויף דער באַשעפעניש, קוקט און קוקט און רופט אויס: ניין, אַזאַ באַשעפעניש איז אויף דער וועלט ניטאָ!...

אָבער, ס'איז דאָ, מר. ניגער, ס'איז דאָ אַ זשיראַף אויף דער וועלט!

אַליין אַ מאַניפּולאַטאָר מיט ציטאַטן באַשולדיקט ניגער מיך אין פעלשן ציטאַטן! ביי מיר האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ וואָרט (וועגן דובנאָוו'ן, וואָס איך האָב דערקלערט באַזונדער, זע זייט —), און אַליין וויל ער פאַרשווינדלען ביי זשיטלאָווסקי'ן גאַנצע ביכער מיט מיאוס'ע ציטאַטן. אונטער דער פאָלע פון זיין גייסטיקער קאַ־פּאָטקעלע וויל ער באַהאַלטן אַ העלפאַנט...

מיינע ציטאַטן שטייען אַלע אייזן־פעסט. און ניט ניגער וועט זיי פאַרטינטלען, און ניט שאַצקי און אַנדערע פליגן וועלן זיי פאַר־פינטלען.... און אויב זשיטלאָווסקי'ס ווערטער זיינען וואו־ניט־וואו איבערגעגעבן געוואָרן אין פאַראַפראַזע אָדער בצמצום, איז אָבער זייער ריח און אַראָמאַט ניט אויסגעוועפּט געוואָרן. איך קאַוויר פאַר אַלע ציטאַטן.

נאָר פונדעסטוועגן, ביי אַלע קונצן פון דעמאַגאָגיע, קען ניגער פאָרט ניט באַהאַלטן די שווידערלעכע לערעס פון זשיטלאָווסקי'ן, נאָר ווי ביטרע ער אַרבעט זיי צו פאַרגלעטן און פאַרלינדערן!

„איך וויל נאָכאַמאָל דערקלערן — שרייבט ניגער — אַז מיין

ציל איז ניט צו סאָלידאַריזירן זיך מיט אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשריבן".

זייער גוט. אָבער מיט וואָס, אַשטייגער, סאָלידאַריזירט איר זיך ניט? פאַרוואָס רופט איר ניט אָן דאָס קינד ביים נאָמען?

אַ מאָדנע זאַך: כמעט אַלע וואָס זיינען אַרויס מיט מעסערס און העק קעגן מיר, מיט קאַסעס און לאָמעס, מיט שווערדן און ביקסן און יאַגד־הינט, האָבן געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן אַז זיי ווארפן זיך אָפּ פון אַ סך זאַכן ביי זשיטלאָווסקי'ן. נאָר וואָס דאָס זיינען פאַר אַ זאַכן האָט זיי ניט געקלעקט קיין טינט צו זאָגן.

ה. לייוויק, וואָס איז אויך צוגעשטאַנען צו דער יאַגד, זאָגט אויך („טאָג", מערץ 12, 1944) אַז „אפילו אין דעם סאַמע עיקר'דיקן אויפטו זשיטלאָווסקי'ס, אין דער פילאָסאָפישער באַפעסטיקונג פון דער אידישיזם, איז דאָ וואָס צו רעווידירן". נאָר אין וואָס די רע־וויזיעס דאַרפן באַשטיין לאָזט ער איבער צו דער פאַנטאַזיע.

פאַרוואָס רעדט מען אויף שטום לשון? וואָס באַהאַלט מען? וועמען וויל מען דאָ נאַרן?

וויטער שרייבט ש. ניגער וועגן זשיטלאָווסקי'ן: „זיין סכע־מאַטישער און לאָגיש־גראַדליניקער (קרום־ליניקער איז ריכטיקער — ל.) שטייגער דענקען און שרייבן, וואָס איז אָפט געווען פרוכט־באַר, האָט פונקט אַזוי אָפט געפירט דערצו, אַז ער זאָל מאַכן אויס־פירן, און דערהויפּט נוצן אויסדריקן און ווערטער, וואָס זיינען געווען אָדער צו נישט־בייגעוודיק, אכזריות'דיק־האַרט, אָדער סתם אַזוי נישט־פּאַסיק... די טבע וואָס ער האָט געהאַט צו זיין אַנדערש־דיק, צו זיין אינטעלעקטועל געוואַגט און ניט צו רעכענען זיך מיט דער עמאָציאָנעלער אויפנעם־פעאיקייט און מיט דער גאַנצער פּסי־כאָלאָגיע פון אַנדערע מענשן, אפילו מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון זיין אייגענעם פאָלק"... („טאָג", מערץ 2, 1944).

אַך ווי שיין, אַך ווי פיין! ווי „ליטעראַריש" דאָס איז!...

ס'איז אַלץ, זאָגט ניגער, נאָר „אַ פראַגע פון זיין פּסיכאָלאָגיע און זיין סטיל" („טאָג", מערץ 5).

זשיטלאָווסקי האָט מיט גראָבע אייזערנע לאָמעס זיך אכזריות־דיק געראַיעט אין דעם אומגליקלעכן, קראַנקן אידישן גוף, און ביי ניגער'ן קומט עס אויס אַז ס'איז געווען נאָר אַזאַ „סטיל". מיט אַן אָרימינקער, גאַרנישט־זאָגנדיקער, ליטעראַרישער, פּאַפּירענער פראַזע מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט איינע פון די ביטערסטע פּראָבלעמען פון אַ גאַנצער אידישער עפּאָכע...

ווייל ניגער, אַ פּאַפּירענער מענש — און פון ליידיקן פּאַפּיר! — אַ שרייבער אָן לעבן, זעט ניט קיין לעבן און פילט ניט קיין לעבן,

נאָר ליטעראַריש פּאַפּיר. ליטעראַטור איז פאַר אים פּאַפּיר, אידייען זיינען פאַר אים פּאַפּיר, און אידן זיינען פאַר אים אויך נאָר פּאַפּיר.

באַהאַלטנדיק די פאַקטן, הייסט ניגער משפּט'ן זשיטלאָווסקי'ן לויט זיינע מאָטיוון, זיינע כוונות. אָבער וואָס קומט אונז אַרויס פון די גוטע כוונות אַז די רעזולטאַטן זיינען געווען שוידערלעכע? לא מעוקצך ולא מדבשך — איך וויל ניט דיין ביס און וויל ניט דיין האָניק. בפרט אַז ס'איז געווען סם, ניט קיין האָניק. אידן האַלטן ניט אַז דער צוועק הייליקט די מיטל. דער אידישער באַגריף איז, אַז אַ מצוה וואָס קומט דורך אַן עבירה איז אסור.

ביי ניגער'ן איז זשיטלאָווסקי'ס כבוד טייערער ווי דער כבוד פון אידישן פאָלק — דאָס איז דער קורצער זין פון דער לאַנגער מעשה.

מיר האָבן אויבן געוויזן ווי אַזוי זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט אַרונטערגעמען אַלע אידישע באַוועגונגען צו זיך אונטער דער אַנטי־סעמיטישער קאָלדרע, און ניגער, כדי ריינצוואַשן זשיטלאָווסקי'ן, ציט אויך אַריין אין זיין טוכלער לערע די חובבי־ציון, די ציוניסטן, די טעריטאָריאַליסטן און די אידישע סאָציאַליסטן. זיי האָבן אויך, זאָגט ער, אַוועקגעשטעלט די אידישע פראַגע מיט „גרויס שאַרפקייט".

דאָס אַלטע לידעלע: עוורי באַדי איז דואינג איט...

פונדעסטוועגן וואָלט איך אַ בעלן געווען צו זען, וואו האָבן עס חובבי־ציון, ציוניסטן, טעריטאָריאַליסטן און אידישע סאָציאַליסטן געקלאָגט, אַז די אידן האָבן רואינירט די פּריצים און די קניאַזן עד חרמה, באַהערשט רוסלאַנד ווי מיט דער שווערד, און אומגליק־לעך געמאַכט פּוילן.

„האָט דען ניט יעדעס פאָלק — טענה'ט ניגער — צווישן זיינע שרייבער אַזוינע, וואָס שניידן פלאַסן פון אים"?

גאָגאָל, היינע, ביטשע, די אַמעריקאַנער „מאָקרעיקערס"...

איז עס ווידעראַמאָל איינע פון יענע פראַגעס, וואָס האָבן אין זיך יענע „קעלבערנע קוואַליטעט"...

דער חילוק איז דער, מר. ניגער: יענע שרייבער ביי יענע פעלקער שניידן ביי זיי אַרום די נעגל; זשיטלאָווסקי ביי אונז האָט געשניטן דאָס האַרץ...

מענדעלע'ן ברענגט ניגער אויך אַריין. „מענדעלע האָט ליב גע־האָט צו ווערטלען זיך און צו זאָגן — דערציילט ער — אַז עס זיינען דאָ אויף דער וועלט צוויי אמת'ע אַנטיסעמיטן — דער רבונו של עולם און ער, מענדעלע."

און דאָס זאָל זיין אַ משל אויף זשיטלאָווסקי'ן! די צרה אָבער

איז וואָס ביי זשיטלאָווסקי׳ן איז דאָס ניט געווען קיין „ווערטעלע״ אַזאַ...

נאָר ס׳איז גראָד זייער גוט וואָס ניגער האָט אַריינגעצויגן די אידישע ליטעראַטור. אדרבא, לאָמיר טאַקע אַריינקוקן אין דער אידישער ליטעראַטור פון מענדעלע׳ן, פון שלום עליכמ׳ען, פון פּרצ׳ן און רייזענ׳ען (ניט אין דער געפאַרבטער קאָמוניסטישער אידישער ליטעראַטור) — וואו זיינען עס אין זייערע ווערק די אידישע עקספּלואַטאַטאָרס פון די גוים, די בלוטזויגערס, די ספּרוטן, די ר׳ אליה׳ס מיט די זילבערנע „קניאזשעסקע״ לעפּל? וואָס זיינען די אידן אין דער אידישער ליטעראַטור בנוגע די גוים: די עקספּלואַטאַטאָרס אָדער די עקספּלואַטירטע? די זויגערס אָדער די געזויגענע? די רודפים אָדער די נרדפים? ווער איז מענדעלע׳ס „קליאַטשע״ — ישראל אָדער איוואַן?

מענדעלע׳ס „אידישע מדינה״, מר. ניגער, הייסט „קאַבצאַנסק״!

און אפילו די גייסטער פון די נביאים האָט ניגער אַרויפבאַשוואָרן צו שטעלן זשיטלאָווסקי׳ן אין זייער שיין. אַלץ איז אים כשר פאַר זשיטלאָווסקי׳ס וועגן, אַפילו חלול־השם...

די נביאים האָבן אויך גע׳מוסר׳ט אידן מיט די שאַרפסטע רייד. האָט ניט, פרעגט ער, ישעיה געשריען: הוי גוי חוטא עם כבד עון?

אין ניגער׳ס ד׳ אמות איז ניטאָ קיין נפקא־מינה צווישן די שטראָף־רייד פון די נביאים און, להבדיל, זשיטלאָווסקי׳ס.

„די נפקא־מינה איז, פאַרשטייט זיך, אומגעהייער. דער נביא האָט אונז בסדר געמאָסטן מיט זיין אידעאַלער וויזיע פון געטלעכן צדק ומשפט. ממילא האָט ער אין אונז געמוזט געפינען געדיכטע פלעקן פון שלעכטס, אומווירדיקייט. אָבער דער היינטיקער, וואָס וויל רק זען אין אונז בלויז חסרונות, פאַרגלייכט אונז מיט די אַרומיטקע פעלקער. נאָר ווי, ווי, אַפילו לגבי די שכנים אונזערע, וואָס מיר קאָנען זיי דאָך אַזוי אויסגעצבונדן, יאָ, אַפילו לגבי זיי זיינען מיר שרעקלעך געפאַלן. ביים נביא זיינען מיר געווען שלעכט פאַר — גאָט. ביים היינטיקן שטראָפער זיינען מיר ערגער פון — איוואַנען. דער נביא שילט אונז וויל מיר זיינען אין זיינע אויגן אַזוי נידעריק ווי אַנדערע פעלקער. ער קען דאָס ניט פאַרטראָגן. ער שטעלט העכערע פאָדערונגען צום „גוי קדוש״. דער היינטיקער זעט דאָס לעבן פון אַנדערע פעלקער ווי אַן אידעאַל, לגבי וועלכן מיר זיינען, אין זיינע אויגן, זינדיקע פאַראַזיטן.״ (ל. לעהרער).

אָט דאָס איז דער חילוק וואָס ניגער קען ניט באַנעמען...

און ווייטער, אין אַ קאָמישן קנייטש, אויב איר ווילט:

די נביאים האָבן געלערנט אַז דער גלות איז אַ שטראָף וייל

דאָס אידישע פאָלק וועט פראַצעווען אויף אַנדערע; ביי זשיטלאָווסקי'ן איז דער גלות גאָר אַ „שכר", ווייל אַנדערע פראַצעווען אויפן אידישן פאָלק, ווי אין זיין פסוק שטייט:

ניט עס האַמערט, ניט עס שפינט,
און גאָט צו דאַנקען, עס פאַרדינט...

דאָס איז דאָך ממש ווי ס'איז געווען אדמ'ן און חוה'ן אין גן עדן פאַר דער זינד מיטן עץ הדעת...

חוץ דעם, חשוב'ער מר. ניגער: אפילו די נביאים האָבן געמעגט נאָר שטראָפן, אָבער ניט ריידן קיין לשון הרע אויף אידן!

די גמרא זאָגט: „ישעיה הנביא דבר לשון הרע על כלל ישראל באמרו ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב ונענש ע"י המלאך שנגע ברצפה על שפתו לכפר עונו". ישעיה הנביא האָט איינמאָל גערעדט לשון הרע אויף אידן איז ער פון הימל באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר!

און אליהו הנביא איז באַפוילן געוואָרן צו גיין אין מדבר פאַר צו האַרבער שטרענגקייט קעגן אידן. און משה רבינו איז אויך געשטראָפט געוואָרן פאַר אַזאַ חטא...

מיט אַ ברענענדיקער קויל איז ישעיה געשטראָפט געוואָרן פאַר לשון הרע אויף אידן, און מיט העלישע פייערן דאַרף אויסגעברענט ווערן די לשון הרע וואָס זשיטלאָווסקי האָט אָנגערעדט אויף אידן!

יע, מ'מעג שטראָפן אידן, מר. ניגער, נאָר מ'טאָר ניט ריידן קיין לשון הרע אויף אידן, מר. ניגער!

נאָר וואָס קען מען מאַכן, אַז ניגער איז נעבעך אַליין אַ געשטראָפטער וואָס ער פאַרשטייט ניט דעם חילוק צווישן שטראָף־רייד און לשון הרע...

געוויס איז זשיטלאָווסקי ניט געווען דער איינציקער אין אונזער צייט וואָס האָט קריטיקירט אידן. נאָר דער פאַרגלייך מיט אַנדערע קען דאָ זיין נאָר אַ פאַרמעלער. אַנדערע זיינען געקומען צו אונז מיט אידישע טענות, ער איז געקומען מיט גויאישע טענות. און קיינער פון זיי האָט ניט, אַזוי ווי ער, געמאַכט די גוים פאַר צדיקים לגבי אידן, און אונז פאַר רשעים לגבי די גוים.

נאָר לאָמיר אַפילו אָננעמען אַז אַלע, אַלע אונזערע פראָגרעסיווע (עד, דער פראָגרעס!) פאַרטייען, האָבן געזינדיקט דיזעלבע זינד וואָס זשיטלאָווסקי. איז עס די העכסטע צייט צו ענדיקן און ליקווידירן אַזאַ באַהאַנדלונג פון אידן. עס קען מער ניט דערלאָזט ווערן אַז אונטער דער מאַסקע פון „גייער פראָגרעסיווער אידישער קולטור"

זאָל מען טרעטן דעם אידישן כבוד און אידישע אינטערעסן מיט די פיס.

מען וועט אייך לערנען דרך־ארץ האָבן פאַר אידן!

4.

ליקווידירט ווערן דאַרף זשיטלאָווסקי'ס גאַנצע ירושה. מיר שטייען אויפן שיידוועג. דאָס אידישע פאָלק דאַרף זיך איבעראַנייעס אויפבויען פון טאָטאַלן חורבן. מיר מוזן מאַכן אַ חשבון און זען וואָס מיר קענען מיטנעמען אין דער נייער צייט אַריין און וואָס מיר דאַרפן לאָזן הינטער זיך. זשיטלאָווסקי'ס גאַנצע גייסטיקע ירושה דאַרף איבערגעלאָזט ווערן הינטער אונז. זי דאַרף איבערגעגעבן ווערן צו גניזה. ניט נאָר זיין טעאָריע פון אידישן פאַראַזיטיזם, נאָר אַלע זיינע טעאָריעס פון אידן און אידישקייט. ס'איז אַ געפערלעכע ירושה און אַן איבעריקער באַלאַסט מיטצונעמען אויף אונזער נייעם שווערן וועג. אין מיין ביכל מאַך איך עס קלאָר. ניגער, אין זיין היסטערישער העצע, מאַכט זיך אינגאַנצן ניט־וויסנדיק דערפון.

עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין „אידישן אַנטיסעמיטיזם". דער לייט־מאָטיוו אין מיין ביכל איז גאָרניט „אידישער אַנטיסעמיט", נאָר „דדויסנדיקער און פרעמדער". זשיטלאָווסקי איז געשטאַנען אַ פרעמדער אין אידישן לעבן און האָט בכלל ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. בלויז צוויי פון די זיבן קאַפּיטלעך פון מיין בוך באַשעפטיקן זיך מיט „אידן", די איבעריקע פינף פאַרנעמען זיך מיט „אידישקייט" אין זשיטלאָווסקי'ס שריפטן. און אויך אַהער, אין אַלע גרויסע גייסטיקע ווערטן פון אידן, איז ער אַריינגעטראָטן מיט זיינע רוסיש־קופּעטשעסקע שטיוול און האָט געטאָפּטשעט דעם אַלטן וויינגאָרטן.

זשיטלאָווסקי'ס גאַנצע אידישע פילאָסאָפיע שטייט אויף פאָלגנדע פינף (הינערשע) פיסלעך:

1) אידן זיינען פאַראַזיטן. 2) די אַלטע אידישע קולטור איז טויט און זי דאַרף פאַרביטן ווערן אויף דער אייראָפּעאישער קולטור. 3) אידן און אַלע פעלקער אונטערשיידן זיך פון איינאַנדער אין בלוט, נערוון־אַפּאַראַטן און מאַרך־מאַשינעס (דער ראַסיזם). 4) אין יעזוס קריסטוס האָט אידישקייט דערגרייכט איר העכסטן מאָראַלישן אויסדרוק. 5) אַ איד קען זיך שמד'ן אויף אַ קריסט אָדער אויף יעדער עבודה זרה און דאָך בלייבט ער אַ נאַציאָנאַלער איד.

און דאָס אַלץ, פאַר'קנס'ט מיט אידיש, איז זשיטלאָווסקי'ס אידישיזם.

אַזאַ לערע, עבודה זרה פון אָנהויב ביזן סוף, איז דאָך אין אמת'ן מטמא אונזער כשר'ע אידישע שפּראַך.

וואָס דערפון נעמט איר אָן, מר. ניגער, און וואָס ווייזט איר צוריק? דענקט איר אַז דאָס איז אַ פּראָגראַם פאַר אידן? איר קעמפט אַזוי העלדיש פאַר זשיטלאָווסקי'ס ירושה, איר הויבט און לויבט אַזוי זיינע אויפטועכצן פאַרן אידישן פאָלק — וואָס פאַר אַ פּרוכט זעט איר אין דערדאַזיקער ירושה פאַרן אידישן פאָלק?

ענטפערט ספּעציפיש: דענקט איר אַז אידן, אין דער נייער צייט, דאַרפן אַוועקוואַרפן די היסטאָרישע אידישקייט און איבער־נעמען די „אייראָפּעאישע קולטור"? דענקט איר אַז אַ איד קען זיך טאַקע שמד'ן און דאָך בלייבן אַ איד? דענקט איר אַז מיר דאַרפן אַוועקוואַרפן אונזער אייגענע אידישע לערע פון ראַסן, און אָננעמען, אויף זשיטלאָווסקי'ס עצה, די בלוט־טעאָריע פון פעלקער און ראַסן? און אויב ניט, טאָ וואָס בלייבט פון זשיטלאָווסקי'ס ירושה? וואָס פאַרטיידיקט איר מיט אַזאַ קאַרליקשער גבורה?

אַ איד קען דאַוונען צו וועלכן גאָט זיין האַרץ גלוסט, אַבי נאָר ער זאָל דאַוונען אין אידיש — דאָס איז געווען אַ הויפּט עיקר אין זשיטלאָווסקי'ס „אידישקייט". זייט איר מסכים דערצו, מר. ניגער?

אין ישו'ן האָט די אידישע עטיק דערגרייכט איר העכסטן שפּיץ — האָט זשיטלאָווסקי געקנעלט מיט אידן. און ער האָט געשריבן אַז אַ סך גרעסער פון שפּינאָזאַ'ן, גרעסער פון קאַרל מאַרקס'ן, גרעסער פון אַלע נביאים איז אונזער „ברודער פון נצרת". חתמ'עט איר זיך דערויף? דאָס איז דאָך צו עפּעס מחייב. עס איז מחייב צו — ישו'ן. חתמ'עט איר זיך דערויף, מר. ניגער?

זשיטלאָווסקי דערציילט וועגן זיינע גמרא־קענטעניש: „מער ווי די נעמען פון די גמרא'ס געדענק איך גאָרנישט. ניט אַ וואָרט. עס איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן, ווי קרייד מיט אַ נאַסן טוך פון אַ שוואַרצן ברעט" („זכרונות", ב. 2, ז. 204). פונדעסטוועגן האָט ער זיך שפּעטער אונטערגענומען מכריע צו זיין דעם תלמוד פון דער זייט פון הלל'ן און בית הלל צו דער זייט פון שמאי און בית שמאי (זע דעם קאַפּיטל „דער אַרויסטריט קעגן תלמוד" אין מיין זשיטלאָווסקי־ביכל), און האָט מבטל געווען די אידישע לומדים, חריפים און בקיאים פון תלמוד, דערקלערנדיק אַז די „וועלטלעך־דענקענדע פאָרשער", ווי אָן ערנסט רענאַן, פאַרשטייען בעסער דעם תלמוד. די תלמודישע קענטשאַפט איז די קרוין פון אידישער לומדות, אונזער אייגענע, אונזער גרעסטער גייסטיקער שאַץ. זייט איר איינשטימיק מיט אים, מר. ניגער, אַז מיר דאַרפן זיך גיין לערנען פאַרשטיין דעם תלמוד ביי

די גוים? זייט איר אויך אַזוי מזלזל אונזער תלמודישע קענטע־ניש? דאָס איז אַ גרויסער ענין!

פון אַלע זיינע „טעאָריעס" ווערט זיין ראַסן־טעאָריע צום ווינ־ציקסטן פאַרשטאַנען, כאָטש זי איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן דורכן ראַסיזם אין די לעצטע יאָרן. די היסטאָרישע אידישקייט ווייזט צוריק דעם ראַסיזם מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג. אידישקייט לערנט, אַז אַלע פעלקער האָבן גלייכע בלוט, שטאַמענדיק פון איין טאַטע־מאַמע; זשיטלאָווסקי לערנט אַז אַלע פעלקער האָבן פאַרשיידענע בלוטן. אידישקייט לערנט אַז אַ גר ווערט אַ איד, זשיטלאָווסקי לערנט אַז אַ איד קען מען ניט ווערן, מ'קען עס נאָר געבאָרן ווערן.

די גאַנצע ליכטיקייט פון דער אידישער ראַסן־לערע זעט זיך אַרויס אין די דינים פון געמישטע חתונות. נאָכן אידישן דין רעכנט זיך אַ קינד נאָך דער מאַמע. ווען די מאַמע איז אַ אידישע זיינען די קינדער אידן, אפילו ווען דער טאַטע איז אַ גוי. ווען די מאַמע איז אַ גוי'ע, זיינען די קינדער גוים אַפילו ווען דער טאַטע איז אַ איד. בלוט שפּילט דאָ קיין שום ראָלע ניט. דאָ הערשט אינגאַנצן אַן אַנדער פּרינציפּ.

מיט וועמען האַלט איר, מר. ניגער, און איר אַלע פאַרטיידיקער פון זשיטלאָווסקי'ן? מיט זשיטלאָווסקי'ס ראַסן־לערע, אָדער מיט דער לערע פון אידישקייט? ווילט איר אומבייטן די דאָזיקע הער־לעכע באַגריפן אויף ראַסיזם?

איך ווייס אַז ס'איז אומזיסט דאָס פרעגן. מען וועט ניגער'ן ניט אַריינציען אין דער אידייען־וועלט מיט צען שטריק. ס'איז ניט זיין וועלט. ער האָט ניט קיין לונגען צו אָטעמען איר לופט. ער איז ניט מסוגל אויף העכערן טראַכטן און פילן. ער האָט קיין שום באַגריף ניט, אין העכערן זין, פון גאָט, וועלט, מענש, מענש־הייט, געזעלשאַפט, פאָלק, אידיש פאָלק. ער שרייבט און שרייבט, אייביק שרייבט ער, און קיינער ווייס ניט וואו ער האַלט און וואָס ער דענקט און גלויבט. און ליטעראַטור איז דאָך העכערער גלויבן און טראַכטן און פילן וועגן גאָט, וועלט, מענש, מענשהייט, געזעל־שאַפט, פאָלק. און אידישע ליטעראַטור — וועגן אידישן פאָלק און אידישן מענשן. ווי אַ רויטע בלום אין כלאָרין ווערט ווייס, מיט דער ווייסקייט פון טויט, אַזוי ווערט אונזער ליטעראַטור ווייס און טויט אין דעם כלאָרין פון זיין נשמה.

ער דרייט זיך אַרום אין אונזער גייסטיקער וועלט אדם־נאַקעט און ער ווייס עס ניט און שעמט זיך ניט.

„און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט, אדם און זיין ווייב, און זיי האָבן זיך ניט געשעמט".

נאַקעט און — פּאַרעווע. נאָר פּאַרעווע אין דעם „מאָדערנעם, פּראָגרעסיוון״ זין פון וואָרט, אַ פּאַרעוועד טעפּל, האָט מען ביי אידן אַלע מאָל געוואוסט, איז אַ טעפּל וואָס ווערט ניט גענוצט ניט פּאַר מילכיקס און ניט פּאַר פליישיקס.

היינט, אָבער, איז אַ פּאַרעוועד טעפּל אַזאַ וואָס ווערט גענוצט אי פּאַר מילכיקס אי פּאַר פליישיקס.

אין דער איצטיקער דיסקוסיע וועגן זשיטלאָווסקי׳ן בלייבט ער אויך אי מילכיק אי פליישיק. אי ער זאָגט זיך אָפּ, אי ער האַלט...

דער וואָס לערנט אַזעלכע תורות צווישן אידן האָט אַ באַ־שטימטן נאָמען ביי אידן. ער איז אַ — זקן ממרה.

און איר, מר. ניגער, וואָס האַלט אונטער אַזעלכע תורות, זייט אויך אַ זקן ממרה.

ווען איינער וויל אינגאַנצן ניט קיין אידישקייט איז — ניט געפּידלט. נאָר ווען איינער קומט און זאָגט ער וויל מאַכן פּאַר אידן אַ נייע אידישקייט, דעמאָלט איז עס דער אַלטער עניך פון סעקטאַנ־טיזם: צדוקים, איסיים, העלעניסטן, קריסטן, קאַראַאימער און פאַלשע משיחים, וואָס קענען קיין תקומה ניט האָבן ביי אידן.

און אַזאַ „נייע אידישקייט״ האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט מאַכן, און אַזאַ נייע און פרעמדע אידישקייט וויל ניגער מיט זיינע פליי־טשקעס אונטערשפּאַרן.

ס׳איז דעריבער גאָר מלא חן ווען ניגער וואַרפט מיר פאָר פרומקייט און גמרא־לערנען, און „באַווייזט״ מיר אַז מיין אָנקלאַגע קעגן זשיטלאָווסקי׳ן איז ניט לויטן אידישן דין און ער הייסט מיר זיך אָפּלערנען די מידות פון דעם רבונו של עולם. ס׳איז מלא חן ווען דער ניט־פרומער פאַררופט זיך אויף די פרומע דינים, פון וועלכע ער אַליין האַלט ניט, פאַרשטייט זיך, ווייל זיי זיינען „לכם ולא לו״. אָבער וועגן אַזעלכע איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן אין תהלים: ולרשע אמר ה׳ — און צום רשע האָט גאָט געזאָגט — מה לך לספר חוקי — ווי קומסטו צו ריידן וועגן מיינע דינים?... דו האָסט דאָך פאַרוואָרפן מיינע ווערטער הינטער זיך...

נאָר אַרום און אַרום איז גוט וואָס ניגער און זיין גאַנצע כנופיא האָבן אויפגעהויבן אַזאַ טומל אַרום מיין ביכל. זיי האָבן גענומען און מיט גרויסע האַמערס אַריינגעשלאָגן דאָס ביכל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אַריין. און ס׳איז אויך גוט וואָס זיי אַפּעלירן צום אידישן דין. אדרבא ואדרבא! ווי קיינמאָל פריער איז דידאָזיקע גאַנצע געפּערלעכע, אידיש־פיינטלעכע געדאַנקען־סיס־טעם ענדלעך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַזוי שאַרף צו דין און משפט פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט.

אַ גאַנצער דור אין אַ שלאָפיקער קראַנקהייט

.1

ש. ניגער איז געקומען בענשן דר. זשיטלאָווסקי׳ן. אויף אַ הויכן באַרג איז ער אַרויף, אויפן שפּיץ באַרג פון דער אידישער ליטעראַטור, און פון דאָרט האָט ער, מיט קולות וברקים, אַרונטער־געדונערט צום גאַנצן פאָלק ישראל די גרויסע הוראה און התראה צו אַלע אידישע דורות אַז דער כבוד פון דר. זשיטלאָווסקי׳ן איז אומבאַרירלעך.

נאָר געשען איז מיט ניגער׳ן דאָס וואָס עס איז אַמאָל געשען מיט אַן אַנדערן, וואָס איז אַרויף אויף אַ באַרג און האָט געטאָן דאָס פאַרקערטע פון וואָס ער האָט זיך מתכוון געווען: יענער איז געקומען שעלטן און האָט געבענשט; ניגער איז געקומען בענשן און האָט געשאָלטן.

אין מיין זשיטלאָווסקי־ביכל האָב איך אין עטלעכע קאַפּיטלעך אַרויסגעבראַכט זשיטלאָווסקי׳ס לערע וועגן דער היסטאָרישער אי־דישקייט, אַ לערע אין וועלכער ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אידן־קריסטן (משומדים) זיינען נאַציאָנאַלע אידן גלייך מיט אָרטאָ־דאָקסישע אידן, און דעריבער, ווען עס וועלן נאָר, מיט גאָט׳ס הילף, זיין געענוג אַזעלכע אידן אין אַ קהילה, וועט זיין דער קהילה׳ס חוב צו זאָרגן פון זייערטוועגן „פאַר מעות־קריסטמעס־בוים, אָדער מעות־פּאַסכאַ־חזיר׳ל, קיין איד זאָל חלילה נישט בלייבן אָן אַ טענענבוימל אויף קריסטמעס, אָדער אָן אַ שטיקל חזיר׳ל אויף פּאַסכאַ״. אַזוי האָט זשיטלאָווסקי געשריבן נאָך אין יאָר 1910.

און דאָס איז ביי זשיטלאָווסקי׳ן ניט סתם אַזאַ טשיקאַווער „זאָגעלע״. ס׳איז אַ לאָגישער פועל יוצא פון זיין טעאָריע פון אי־דישן נאַציאָנאַליזם. ס׳איז אַ קאָנקרעטער געדאַנק וואָס רונדיקט אָפּ זיין גאַנצע שיטה.

און באמת: אויב ביי אידן און צווישן אידן קענען זיין אַלערליי רעליגיעס; און אויב אידן פון אַלערליי רעליגיעס דאַרפן, ווי זשיטלאָווסקי האָט געלערנט, זיין גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין אידישן פאָלק און אין אידישע קהילות; און אויב די פונקציע פון

די קהילות איז צו באַזאָרגן זייערע אָרימע מיטגלידער מיט זייערע רעליגיעזע הצטרכות׳ן, דעמאָלט איז דאָך קלאָר, לויט אַלע געזעצן פון דער לאָגיק, אַז אַ אידישע קהילה דאַרף באַזאָרגן דעם אידישן אידן מיט מעות חטים, דעם קריסטלעכן אידן מיט מעות־פּאַסכאַ־חזיר׳ל, און מסתמא דעם מאַכמעדאַנישן אידן מיט אַ האַרעם אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט . . .

אָט דאָס, דעמדאָזיקן תוך און עיקר, האָט ניגער געדאַרפט באַ־לייכטן. נאָר אין זיין פּאָלעמיק פון דונערן און בליצן האָט ער מיט אַ דונער אָפּגעווישט איין וואַנצע און מיט אַ בליץ די אַנדערע וואַנצע, און האָט זיך גאָר געמאַכט כלא־ידע.

און ניט ער אַליין האָט אַזוי געטאָן, נאָר אויך אַלע אַנדערע סניגור׳ס און סניגור׳לעך וואָס האָבן מיט אים מיטגעדונערט און מיטגעבליצט, מיטגעהוסט און מיטגעכראָקעט. אַלע האָבן זיי אויס־געמיטן די עיקרים אַזוי ווי עפּעס אַ פּעסט, רחמנא לצלן. באַגריס איך עס פון גאַנצן האַרצן. ווייל דאָס ווייזט אַז מישעמט זיך שוין דערמיט. ניט נאָר שעמט מען זיך שוין צו פאַרטיידיקן אַזאַ תורה, נאָר מ׳שעמט זיך שוין אפילו פאַר די ליפּן זי צו ברענגען. און דאָס מיינט, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון גניזה, פון וועלכער איך האָב גערעדט אויבן.

די עצם טעאָריע, אַלזאָ, האָט ניגער אויסגעמיטן, נאָר די זאַך מיטן „מעות־חטים־פּאַסכאַ־חזיר׳ל״ האָט ער דוקא מיט גרויס בראַוו־קייט אויפגענומען, און געפּרואווט עס צו פאַרשמירן מיט שמינקע.

אַ חזיר׳ל מיט שמינקע . . .

און ער שרייבט וועגן דעם מעות־פּאַסכאַ־חזיר׳ל אַזוי :

„בין איך מסכים, אַז דאָס איז איינער פון יענע ביז גאָר גראַד־ליניקע און ווילד־גראָטעסקע לאָגיזמען זשיטלאָווסקי׳ס, וואָס עס האָט זיך בפירוש געבעטן, אַז מען זאָל זיי אויסלאַכן, און אסור אויב מען וואָלט געקענט האָבן טענות צו דעם, וואָס וואָלט עס געטאָן. אָבער ליבערמאַן מאַכט זיך ניט ווויסנדיק דערפון, וואָס מען האָט דאָ פאַר זיך אַ ביישפּיל פון זשיטלאָווסקי׳ס אַן אָנפאַל פון אינטעלעקטועלן סאָמנאַבוליזם, ווי איך האָב דאָס אַמאָל אָנגערופן; ליבערמאַן נעמט עס מיט אַ כיוון ערנסט״... („טאָג״, מערץ 7, 1944).

וואָס פאַראַ צירלעך־מאַנירלעכקייט! וואָס פאַראַ פיין־געמאָלענע פּודרע ניגער באַנוצט דאָ צו פאַרשיטן די אויגן פון דעם אידישן עולם! „גראַדליניקע״, „גראָטעסקע״, „סילאָגיזם״, „אינטעלעקטו־עלער סאָמנאַבוליזם״ —. אַך, וואָס פאַראַ „אינטעליגענטישע״ ווער־טער . . .

און מערקט אייך: דאָס איז נאָר „איינער פון יענע... ווילד־

גראָטעסקע לאָגיזמען זשיטלאָווסקי'ס". ניגער ווייס, הייסט עס, פון נאָך אַזעלכע. נאָר וואָס זי זיינען איז אַפּנים אַ סוד, וואָס ער איז אַנטשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך אויפן עולם האמת אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום.

ליבערמאַן — אַ נייעם חטא געפונען ביי אים! — האָט עס בכיוון געגומען ערנסט. אָבער פאַר ניגער'ן וואָס איז, ווי באַוואוסט, געבענטשט מיט הומאָר אין אַלע זיינע טויזנט פאַרבן, איז עס גאָר אַ זאַך צום „אויסלאַכן".

ס'איז אָבער אָך און ווי צו אַזאַ געלעכטער: אויסלאַכן דעם רבי'ן?

נאָכאַמאָל מוז איך זאָגן, אַז ניגער איז נאָר אַ פּאַפּירענער מענש, און ווערטער זיינען פאַר אים נאָר פּאַפּיר, אָן לעבן און אָן אָטעם אין זיי.

וואָרים ווען ער וואָלט געפילט די לעבעדיקע באַדייטונג פון ווערטער, וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו באַצייכענען זשיטלאָווסקי'ן ווי אַ מענשן מיט „אַנפאַלן פון אינטעלעקטועלן סאָמ־נאַמבוליזם".

וואָרים וואָס איז „סאָמנאַמבוליזם"? דאָס איז — נאַכטוואַנד־לעריי. ס'איז אַ שלאָף־קראַנקהייט. ס'איז די קראַנקהייט, ווען אַ מענש, אינמיטן שלאָף, הויבט זיך אויף, לאָזט זיך גיין, און טוט אַר־בעט, און דאָך שלאָפט ער בשעת מעשה, און ער ווייס ניט אַז ער טוט אָדער וואָס ער טוט.

קומט ניגער און מאַכט זשיטלאָווסקי'ן פאַר אַ גייסטיקן נאַכט־וואַנדלער!

און דאָס איז דאָך פון ניגער'ן באמת אַ מעשה נורא.

ער נעמט זשיטלוואָסקי'ס לעבנס־אַרבעט און שטעלט זי אַוועק אונ־טערן צייכן פון עפּעס אַ גייסטיקער אומנאָרמאַלקייט, וועלכע מ'דאַרף אויסלאַכן אָבער אין וועלכער מ'דאַרף ניט זוכן קיין טעם און קיין מאָראַלישע אחריות.

געפעלט אייך אַ פאַרטיידיקונג?

כ'לעבן, זשיטלאָווסקי'ן וואָלט שוין אַ סך ליבער געווען מיין אָנ־קלאַגע איידער ניגער'ס פאַרטיידיקונג.

זעט נאָר וואָס ניגער האָט שוין אַלץ ניט צעמאַכט פון זשיט־לאָווסקי'ן. ער האָט אים געמאַכט פאַר עפּעס אַ גייסטיקן צו־להכעיס־ניק וואָס האָט סתם הנאה געהאַט צו זיין אַ מין משה־קאַפּויר; ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענשן וואָס האָט זיך ניט גערעכנט מיט קיינעמס געפילן, ניט מיט די געפילן פון זיינע פריינט און אפילו

ניט מיט די געפילן פון זיין פאָלק; און צולעצט דאָס ערגסטע פון אַלץ: אַ גייסטיקן נאַכטוואַנדלער . . .

און דאָס איז דאָך אַ שענדלעכע, ממש אַן אוממענשלעכע זאַך צו טאָן. דאָס האָט דאָך ניגער נאָר געקענט טאָן סיידן ער איז אַליין געווען אונטער אַן אָנפאַל פון „אינטעלעקטועלן סאָמנאַמבוליזם". פאַרטיידיקנדיק זשיטלאָווסקי'ן ווי דעם גרויסן דענקער און דעם גייסטיקן פירער און לערער פון באַלד דריי דורות אידיש־וועלטלע־כער אינטעליגענץ, מאַכט ער אים אינמיטן דריגען פאַר אַ צייטנווייזן שלאָף־גייער, און ער באַגרייפט ניט, אַז ער איז דערמיט מבזה דעם רבי'ן, מבלבל די תלמידים און מבטל די גאַנצע תורה וואָס זיי האָבן געלערנט!

ניגער, אין זיין הילפלאָזיקייט, האָט געזוכט און געפונען פאַר זיך אַ גרינג מיטל, אַ פחדנ'יש מיטל: וואָס ער קען ניט פאַר־ענטפערן אין דעם רבי'נס תורה וועט ער פשוט זאָגן: דאָס האָט דער רבי גערעדט פון שלאָף . . .

אָבער דאָס דערפירט דאָך די גאַנצע באַוועגונג פון וועלטלעכער אידישקייט צו עפּעס אַ וויסטן אַבסורד. אָט די גאַנצע גרויסע, שטיר־מישע באַוועגונג, וואָס איז געקומען חרוב מאַכן וועלטן און באַשאַפן וועלטן, לייזט זיך דאָ אויף אין עפּעס אַ שרעקלעכן, אומהיימלעכן קאָשמאַר, אין אַ וויסטער ליצנות, אין אַ שטיק טייוולשן חוזק . . .

הלל ראָגאָף, אין זיין ענטפער צו ניגער'ן (זע וויטער ז. —), גלייכט אים צו אַן אַדוואָקאַט וואָס האָט אַ שלעכטן קליענט צו פאַר־טיידיקן און ער באַנוצט אַלערליי אַדוואָקאַטאָרישע שפּיצלעך. ראָגאָף האָט אָבער אויסגעלאָזט ניגער'ס לעצטן געמיינעם אַדוואָקאַטישן שפּיצל — ראַטעווען זיין קליענט דורך דערקלערן אים פאַר ניט־נאָרמאַל, ר"ל.

ווייז איך צוריק מיט פאַראַכטונג, און יעדער ערלעכער קעגנער זשיטלאָווסקי'ס וועט צוריקווייזן מיט פאַראַכטונג אָט די גראָטעסקע שטיק טאַלאַנטלאָזיקייט פון ניגער'ן, וואָס, ניט קענענדיק פאַרטיידיקן דעם באַנקראָט פון אַ גייסטיקער סיסטעם, שטעלט ער זי אַוועק אין שאָטן פון אַבנאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע.

און דאָ איז דער פּלאַץ צו דערמאָנען ניגער'ס אַ מיטקעמפּער אין דעם זשיטלאָווסקי־וכוח, אַ צווייטן „פּריסאַזשני פּאָווערעני" זשיטלוואָסקי'ס, ב. צ. גאָלדבערג. דער האָט אויך אַריבערגעטראָגן דעם וכוח אין דער ספערע פון גייסטיקער אומנאָרמאַלקייט.

ב. צ. גאָלדבערג האָט צוגעטראָגן צו דעם וכוח אַ לאַנגן אַר־טיקל אונטערן נאָמען: „די פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון דעם שענדלעכן אָנפאַל אויף ד"ר. חיים זשיטלאָווסקי'ן" („איינִיקייט", מאַי 3, 1944). נאָר פּיפּיקער פון ניגער'ן, שטעלט ער אַוועק דעם גאַנצן צד־שכנגד

אונטערן צייכן פון פסיכאָפּאַטאָלאָגיע, יחידים און אויך זייער גאַנצע סביבה.

פאַרצייכן איך דאָ דעמדאָזיקן מאָמענט אין דעם זשיטלאָווסקי־וכוח און שטעל דאָ אַוועק אַ פּונקט. דאָ איז דער פּונקט, אָט דאָ איז דער פּלאַץ, וואו אונזער ליטעראַרישע גייסטיקייט האָט דער־גרייכט איר נידעריקסטע געפאַלנקייט, וואו עס האָבן אויפגעהערט טעאָרעטישער וכוח און אידייאישע ראַנגלעריי און ס'איז אַריינגע־בראַכט געוואָרן, אַלס לעצטער אַרגומענט, דער זינלאָזסטער און געמיינסטער פון אַלע אַרגומענטן.

דאָס איז שוין די לעצטע מדרגה, אַ מדרגה צו וועלכער עס לאָזן זיך אַראָפּ נאָר די סאַמע מנוול'דיקסטע פאַרשוינען פון דער פּאָלי־טישער אונטערוועלט.

מנוולים פון דעם טיפּ האָבן אויף פּרעזידענט רוזוועלט אויך אַרויסגעלאָזט קלאַנגען אַז ער איז ניט ביים נאָרמאַלן זינען.

ניט זשיטלאָווסקי האָט געליטן פון אינטעלעקטועלן סאָמנאַמ־בוליזם, נאָר די ניגערס און זייערע מיטגייער: דער דור האָט גע־ליטן פון שלאָף־קראַנקהייט. אין פּחד פאַר זיין וויסן, וואָס איז געווען בערג העכער פון זייערן; און היפּנאָטיזירטע פון זיין פער־זענלעכקייט און כשופ'דיקער רעדנער־קראַפט, זיינען זיי אים נאָכ־געגאַנגען ווי נאַכטוואַנדלער. זשיטלאָווסקי האָט פאַר זיך גוט געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט און האָט עס זייער קלאָר געזאָגט. נאָר די היפּנאָטיזירטע האָבן אים געהערט ווי אין אַ זיסן שלאָף. ווי אויטאָ־מאַטן האָט מען זיך געשאָקלט איבער זיין תורה, ניט וויסנדיק וואָס דאָרט שטייט. מ'האָט אים גערופן „רבינו" און ניט באַנומען דעם באַדייט פון זיין וואָרט.

לא יאומן כי יסופר, ס'איז שווער צו גלויבן, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז מענשן וואָס האָבן יאָרן לאַנג זיך איינגעשטעלט פאַר זשיטלאָוו־סקי'ן האָבן אין אמת'ן ניט געקענט זיינע שריפטן. זיי האָבן אים נאָר געקענט אַרטיקלוויז, אָבער ניט אין צוזאַמענגעפּרעסטער סיס־טעם. אָפטע אויסדרוקן אין אַרטיקלען וואָס האָבן אפילו אַ ניגער'ן שאָקירט, זיינען פאַרבלענדיקט געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם גלאַנץ פון דעם פערזענלעכן קולט. ערשט ווען מען האָט אויפגעשטעלט דעם גאַנצן מענשן און זיין סיסטעם איז געקומען די ערדציטערניש.

איך האַלט פאַר ניט איבעריק צו דערציילן עפּעס דערפון. עס געהערט צום „קולטור־בילד" פון דער צייט.

אַ הייסער זשיטלאָווסקי־קעמפער, למשל, איז שטענדיק געווען דר. ד. גלאָבוס. ער האָט אָפט געפאָכטן מיט מיר אין שריפט. און ווען ס'איז אַרויס מיין ביכל איז ער אויפגעטראָטן אין אַן עפנטלעכן

וכוח מיט מיר. דער וכוח איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם „שלום עליכם קולטור־ווינקל" און איז פאָרגעקומען דעם 12טן פעברואַר, 1944. נאָר דר. גלאַבוס האָט נעבעך ניט אַנגעהויבן צו קענען דעם ענין! איך האָב געשטוינט. דער עולם האָט געשטוינט. מער ווי קולט־דינסט האָט מען פון אים ניט געהערט. איין געשריי: אַ דענ־קער! אַ געלערטער! איז דען אַ גאַנצע וועלט בלינד?

און ניט האָבנדיק קיין אַרגומענטן האָט ער געטאָן וואָס די אַנ־דערע „קולטור־מענשן" אונזערע האָבן געטאָן: געזידלט. דר. גלאַבוס איז אַוועק פון דער דעבאַטע מיט חרפות און בזיונות. ניט אַוועק — אַנטלאָפן. אַן עדה אידן זיינען געווען עדות.

פונדעסטוועגן איז ער נאָך שפּעטער אַרויס מיט אַן אַרטיקל קעגן מיין ביכל („מיר", נומ. 2., אַפּריל, 1944). האָט ער כאָטש דאָ געגעבן עפּעס ממשות'דיקס? ניין. נאָר דאָ געפינט זיך פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע פראַזע: „צו איבערגיין דעם גאַנצן בוך — שרייבט ער — און אַנאַליזירן איין אַרגומענט נאָכן אַנדערן, שיינט מיר ניט ווערט זיין די מי" . . .

אַ קלוגיטשקער אופן פון מאַכן פליטה.

און צווישן די זשיטלאָווסקי־אידן, מי לנו גדול פון ה. לייוויק? יאָרנלאַנג איז ער געגאַנגען ביי זשיטלאָווסקי'ס רעכטער האַנט און ביי זשיטלאָווסקי'ס לינקער האַנט, געשטאַנען ביי זשיטלאָווסקי'ס צו־קאָפּנס און געלעגן ביי זשיטלאָווסקי'ס צופוסנס. ווער האָט שוין געדאַרפט זיין באַהאַוונט אין זשיטלאָווסקי'ס תורה אויב ניט לייוויק?

לייענען מיר ביי אים און ער זאָגט, אַז ווען ער האָט איבער־געלייענט מיין ביכל איז ער געווען „געפּלעפט און שיר ניט באַ־ווירקט". אָבער ווען ער האָט דערנאָך געלייענט ניגערן האָבן זיך אים צוריק די אויגן געעפנט און ער האָט דערזען אַז גאָט'ס וועלט שטייט נאָך אויף אַן אָרט . . .

אַזוי האָט זיך לייוויק געוויגט צווישן ליבערמאַנ'ען און ני־גער'ן ווי אַ בלאַט אין ווינט, נעבעך . . .

אָבער קאָלעגע לייוויק: און וואו זייט איר עפּעס אַליין? איר וואָלט דאָך על פּי שכל און על פּי יושר געדאַרפט זיין אַנגעלאַדן מיט אייער תורה ווי אַ פעלז מיט שווערקייט, אַז קיין שטורמווינט זאָל אייך ניט קענען רירן.

ליבערמאַן דער פּראָקוראָר, שרייבט לייוויק, האָט פאַרגעסן אַז ס'איז נאָך דאָ אַ סניגור אויך, און דער סניגור איז טאַקע געקומען...

ווי ביי שעקספּיר'ן האָט שוין דער שיילאָק ליבערמאַן געהאַלטן אָט־אָט אין געווינען זיין פונט פלייש, ווען פּלוצלונג האָט זיך באַ־

וויזן אַ פּאַרשאַ, אַ פּאַרשאַ אין הויזן, און האָט אַרויסגעריסן דעם קרבן פון זיינע ציין.

און גראַציאַנאַ־לייוויק שרייט אויס מיט נצחון:

„אַ צווייטער דניאל, אַ דניאל, דו איד! איצט, דו גאָט־לעסטערער, האָב איך דיך געפּאַקט!...״

און באמת, ס׳איז דאָך געווען ניט קיין קלייניקייט פאַר לייוויק׳ן: „את רבן דקרו״ האָט דאָך דער ליבערמאַן... דעם רבי׳ן דערשטאָכן...

ווי פּאַטעטיש דאָס איז ווען איר באַרעכנט ווי גרינג לייוויק האָט געקענט פאַרלירן זיין תורה׳לע, ווען דער גוטער רוח טראָגט ניט אָן דאָס גוטע סניגור׳ל.

נישקשה, גאָט איז אַ פּאָטער. ער גיט דעם שיכור זיין וויין און לייוויק׳ן זיין ניגער...

כדאי צו ברענגען לייוויק׳ס אייגענע ווערטער:

„נאָך מער (ווי דער פּונקט דובנאָוו — ל.) האָט מיך געפּלעפט דער פּונקט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג. ווי זאָל דיר גאָר איינפאַלן צו טראַכטן, אַז ליבערמאַן וועט זיך דערלויבן צו ברענגען נאָר איין טייל פון אַ זאַץ, וואו עס רעדט זיך נאָר וועגן פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג און וועט בכיוון אויסלאָזן דעם צווייטן טייל, וואָס מאַכט קלאָר, אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען נאָר מיט פאָרמעלער פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג און געפאָדערט מערער, געפאָדערט מאַקסימום: פולע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג פאַרן אידישן פאָלק? אַזוינס האָט מיר ניט געקענט איינפאַלן״ („טאָג״, מערץ 12, 1944).

וואָס הייסט: אַזוינס האָט אייך ניט געקענט איינפאַלן? וואָס האָט דאָס עפּעס אייך געדאַרפט „איינפאַלן״? האָט איר דאָס ניט געדאַרפט וויסן? און וויסן גוט, קלאָר, פעסט, אויף אויסווייניק? נאַציאָנאַלע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג איז דאָך געווען אַ ווינקלשטיין אין זשיטלאָווסקי׳ס תורה, אייער רבי׳נס תורה, און איר האָט זיך ערשט דערוואוסט פון ניגער׳ס קריטיק אויף מיין ביכל?!

וואָס טוט זיך דאָ מיט די „קולטור״־אידן? די „קולטורלאָזע״ אידן, די אַלטמאָדישע אידן פון דער אַלטמאָדישער תורה — זיי קענען זייער תורה. אַ פרומער איד ווייס וואָס זיין תורה זאָגט, און ער ווייס וואָס זיין שלחן ערוך זאָגט און וואָס זיין רמב״ם זאָגט, און ער ווייס וואו אַלץ שטייט. און אַ „קולטורעלער״ איד, אַפילו אַזאַ ווי לייוויק, ווייס ניט וואָס אין זיין שלחן ערוך שטייט און וואָס זיין רמב״ם זאָגט...

און אחרי ככלות הכל, קאָלעגע לייוויק, שעמט איר זיך ניט איבערצו׳חזר׳ן ניגער׳ס קוואַטש, אַז איך האָב געבראַכט „נאָר איין

טייל פון אַ זאַץ" און האָב „בכיוון" אויסגעלאָזט דעם צווייטן טייל פון זאַץ? צי האַנדלט זיך דען דאָרט אין — אַ זאַץ אין צוויי טייל? עס האַנדלט זיך דאָך אין אַ גאַנצן ווערק, אין דעם ווערק, וואָס הייסט „אַ איד צו אידן" (און ניט אין דעם ווערק אַליין).

דער „אַ איד צו אידן" איז פון אָנהויב ביזן סוף אַ מיאוס'ע אַטאַקע אויף אידן און אידישער גלייכבאַרעכטיקונג, טאַקע אין נאָמען פון נאַציאָנאַלע רעכט! ס'איז אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס, אָבער אַזוי איז עס. דאָס איז דאָך דער זשיטלאָווסקי־פּאַראַדאָקס. און אין מיין ביכל האָב איך ביידע מאָמענטן געהעריק אַרויסגעבראַכט, און איך פרעג דאָרט: צי דען, כדי צו באַווייזן אַז אידן זיינען אַ נאַציע און דאַרפן האָבן נאַציאָנאַלע רעכט, איז נויטיק געווען זיי פריער אויסצושמירן אין טויזנט בלאָטעס? און איך פרעג עס איצט אויך.

ווען איר רעדט נאָר פון „אַ זאַץ", ווייזט עס דאָך אַז איר האָט דאָס ווערק קיינמאָל ניט געלייענט. און אפילו ווען איר זייט געגאַנגען נעמען אַ וואָרט און מכריע זיין צווישן מיר און ניגער'ן, אפילו דעמאָלט האָט איר ניט געהאַט דאָס ערן־געפיל פריער איבער־צולייענען דאָס ווערק. ווייל ווען יע, וואָלט אייער פען אייך ניט דערלויבט אַזוי צו שרייבן.

פונדעסטוועגן וואָלט איר געמעגט כאָטש איצט, שוין נאָך אייער עדות־זאָגן, איבערלייענען דאָס דאָזיקע ווערק „אַ איד צו אידן". פון ניגעריקייט וועגן. איר וועט עפענען גרויסע אויגן. אין איבער־ראַשנוג. אין שטוינען. און זיי אַראָפּלאָזן.

געווען אויך אַ פּערזענלעכער געשפּרעך צווישן לייוויק'ן און מיר. אַ פּאָר וואָכן „פּאַרן מבול". אין דער קאַפעטעריע אויף איסט בראָדוויי איז עס געווען. איך בין שוין געשטאַנען ביי דער קאַסע. און פון אַ טישל האָט זיך אויפגעהויבן לייוויק און איז צוגעגאַנגען צו מיר. בכבודו ועצמו זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מיר. און מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט: געלייענט אייער בוך וועגן זשיטלאָווסקי'ן. פּראַכטפול. ניט אָפּצופרעגן. געוואָלט אייך שרייבן אַ בריוו. אָבער וועל עס דערמאָנען אין אַן אַרטיקל. די לעצטע יאָרן האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן צו האָבן מיינע ספקות וועגן זשיטלאָווסקי'ן.

איז לייוויק, הייסט עס, גרייט געווען צו פאָרן אויף מיין פור.

וואָרים ניט „שיר באַווירקט געוואָרן", נאָר טאַקע איבערצייגט געוואָרן איז לייוויק. „ניט אָפּצופרעגן" האָט ער געזאָגט.

נאָר ווען ס'איז געקומען דער „מבול", איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין פור און האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו ניגער'ן אין קאַסטן...

איז מילא, זיין הסכמה קען ער האָבן צוריק. אָבער וואָס

איז געוואָרן מיט די „אייגענע ספקות״? פאַרוואָס רעדט איר ניט אַראָפּ פון האַרצן אייערע זשיטלאָווסקי־ספקות, קאָלעגע לייוויק?
דאגה בלב איש ישיחנה...

און איצט, פון די גדולים, לאָמיר אַריבערגיין צו אַ פשוט'ן ערלעכן אידן. אַ איד שרייבט מיר:

„דערלויבט מיר אויסצודריקן מיין דאַנק צו אייך פאַר דעם אַרטיקל אינם היינטיקן „פאָרווערטס״, פעברואַר דעם 12טן (1944).

„געלייענט ביזן סוף די שורות דורך וועלכע איר שליידערט צוריק די אַטאַקעס וועגן אייער ביכל וואָס די זשיטלאָווסקי־פאַרטיידיקער האָבן אַרויסגערופן קעגן אייך.

„דעם אמת זאָגנדיק פיל איך זיך דערשיטערט ווען איך לייען ווי איר גיט איבער די ווערטער, און ציטירט די שטעלן פון זשיטלאָווסקי'ס גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט מיט וואָרט און שריפט, דורך זיין לאַנגיאָריקער קאַריערע פאַר אונז אידן געשאַפן...

„אַלס אַ פשוט'ער לעזער פלעג איך צופעליק דורכלאָזן דר. זשיטלאָווסקי'ס שרייבעריי, מחמת פאַר מיין מח (אַזוי האָב איך געטראַכט) איז ניט געווען אַזוי גרינג אַריינצוזאַפּן אין זיך זיינע טיפזיניקע געדאַנקען... האָב איך זיך ווי כמעט — אַלס אַ פאַרערער פונם געשריבענעם וואָרט, צופרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס מיינע קולטור־פריינט שפּרינגען קדוש פאַר באַגייסטערונג צו אים״...

ב. מאַרגוליעס, 116 מאַרקעט סטריט, צימער 51, נואַרק, ניו־דזשוירזי.

דאָסדאָזיקע תמימות'דיקע בריוול דערציילט בערך ווי אַזוי דער קולט איז געשאַפן געוואָרן. ס'איז געשען אַן ערך אַזוי:

געקומען זשיטלאָווסקי; אַ גלאַנץ־מענטש מיט אַ גלאַנץ־שפּראַך און האָט אַ גלאַנץ געטאָן פאַר די ניגערס מיט דער גלאַנץ־פראַזע: קאָגיטאָ ערגאָ סום!

און ניגער, ניט קיין בעל־תורה און ניט קיין בעל־חכמה — ער איז נאָר אַ בעל־קריאה — איז געבליבן געפּלעפט. וואָס ווייס ער פון „קאָגיטאָ ערגאָ סום״? האָט ער זיך געכאַפּט און איבערגעדעקט מיט זיין (פּאַפּירענעם) טלית און איז געפאַלן כורעים.

לייוויק האָט געזען אַז ש. ניגער ליגט כורעים, האָט ער זיך אויך געלייגט.

דר. גלאָבוס האָט געזען אַז ניגער און לייוויק ליגן כורעים, האָט ער זיך אויך אַוועקגעלייגט.

דער פשוט'ער איד האָט געזען אַז ניגער, לייוויק און דר. גלאָבוס ליגן כורעים, וועט ער דאָך ניט בלייבן זיצן, האָט ער זיך אויך געלייגט.

און אַזוי אַן ערך איז געוואָרן דער זשיטלאָווסקי־קולט.

איצט איז דער איד שוין אויפגעשטאַנען.

נאָר ניגער ליגט נאָך.

און לייוויק איז שוין געווען „שיר" ניט אויפגעשטאַנען. שוין געהאַט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. נאָר דערזען אַז ניגער ליגט נאָך, האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלייגט.

ער ליגט און די ספקות טאַטשען דאָס האַרץ. אָבער ער ליגט...

.2

בשעת אַ נאַכטוואַנדלער גייט אום אין שלאָף טאָר מען אים ניט אויפוועקן, זאָגט מען.

נאָר איך האָב עס געטאָן. איך האָב דעם רעשטל פון דעם זשיטלאָווסקי־דור אַ טאָרקע געטאָן ביים אַקסל. און אפשר אַ פּיק געגעבן אין נאָז.

און באַלד איז געשען עפּעס וואָס איז אין לשער ואין לספּר. די גאַנצע זשיטלאָווסקישע קולטור־וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון קעלער ביזן בוידים, כ'מיין „פון די תהום'ען ביז די רוי־מען". עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ „וכוח", וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

עס איז ניט געווען קיין וכוח פון געדאַנקען. פאַר געדאַנקען האָט מען מורא געהאַט. עס האָבן געאַרבעט אַנדערע כלים ווי דער קאָפּ. זאָל מיר דער לעזער מוחל זיין: עס האָבן זיך צעשנייצט בעזער ווי אויפגעריסענע שליוזן, מיילער האָבן זיך צעשפּיגן ווי קאַ־ביקע גייזערס, העלזער האָבן זיך צעכראַקעט ווי אַ געפּלאַצטע קאַ־נאַליזאַציע.

און די קולות זיינען געגאַנגען עד לב שמים. און עפּעס אַזעלכע מאָדנע, אונהיימלעכע קולות זיינען עס געווען. עס האָבן געריטשעט אַקסן, געררעוועט אייזלען, געפּישטשעט נחמן מייזלעך, שלאַנגען האָבן געהיסעט, קראָען האָבן געקראַקעט, עס האָבן געוואָיעט וועלף און געמיאַקעט קעץ, און איבער אַלעמען האָט געברומט אַ (געשטאָפּטער) לייב — ש. ניגער.

אין נח'ס תיבה איז ניט געווען אַזאַ פּאַנדעמאָניום. ממש דער הימל האָט זיך געעפנט איבער מיין קאָפּ.

די אידישע שפּראַך האָט זיך באַוויזן אין גאָר אַ נייער פּראַכט. איך האָב זיך פריער קוים פאָרגעשטעלט אַז אידיש פאַרמאָגט אַזאַ וויטריאָלישע קראַפט פאַר שימפּעריי און שענדונג.

איך בין אַ בעלן געווען צונויפצונעמען אַביסל פון די עפּיטעטן וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן אויף מיר און מיין ביכל, די וואָס האָבן זיך געלאָזט אַרויסנעמען פון דעם קאָנטעקסט.

אָט זײַנען זײ. הערט זיך אײַן. הערט זיך אײַן מיט גרויס דרך־ארץ: די „קולטור" רעדט!

העצער, דעמאַגאָג, בלבול־מאַכער, טובל ושרץ בידו, פאַרלוימדער נומער 1, מײסטער פון אַלכעמיע, פאַשיסטישע חכמה, שדים־טאַנץ, עקלהאַפטע פאַרלוימדונגען, העסלעכסטע מסירה, שענדלעכע קאַמפּאַניע, עלילת־דם בלבול, אומדערהערטע געמײנהײט, באַנדיטיש ביכל, וויסטער רעאַקציאָנער, מאָרד־העצע, שותף צו פּראַנײטיס, וויסטער שותף צו צאַר ניקאָלאַי, פאַלסיפיקאַטאָר, וואַקכאַנאַליע פון האַס, הפקרות, שמד־שטיק, געצנדינערישער טאַנץ, צווילינג־ברודער פון מאָנאַטאָ, אוממענשנלעכער אַקט, פאַסקוויליאַנט, פּראָטאָאָקלן פון זקני ציון, טײוולשע פאָטראַווע, נבלה בישראל, אסור לרחם, סם, פינסטערע פאַרשווערונג, פּראָוואָקאַציע, מאָנסטערהאַפטער אַטענטאַט, קאָגליניסט, פּראַנקיסט, משומד־מוסר, גענגסטער, יעזואיטישע פאַרשווערונג, זינדיקער קאָפּ, לאָגיק פון אַ מאַניאַק, אַנטיסעמיטישער שווינדל, אומווירדיקע זלזולים, מוקצה'דיק ביכל, גיפטיקע שוואָמען, פאַרפעסטעט וואַסער, פעלשער, פען־באַנדיט, חוטא ומחטיא את הרבים, בלוט־בלבול, ליטעראַרישער באַנדיטיזם, אומנאָרמאַלע פאַנטאַזיע, סאַדיזם, דתן ואבירם, וויסטער ליגנער, לופט־פאַר'סמ'ער, משרת'ל, הונט בײ דער טיר, אונטערלעקער, געלערנט פון היטלער'ן, קאָזשלקע־מאַכער, אשר־יצר'ל, פאַרשווינדל, באַנדיטסקע ליגנס, שטות'ערײען, תנא־ברטיק, גײסטיקער קאַרליקל, דאָס נפש'ל, צדיק'ל, פרומע קאַץ, צדיק אין פעלץ, צעיושעטער וואַן־דער־לובע, שווינדלער, סקאַנדאַליסט, העראָסטראַטאָס, שקר, פאַלשקײט, שמוץ, רכילות'ניק, שונד־שרײבער, עם־הארץ, פינסטערער איגנאָראַנט, באַוואוסטזיניקער שווינדל, טפשות, געמײנהײט, אָבסקוראַנט, קברים־שענדער, געדונגענער זידלער, גראָביונגישקײט, קלײן אידל, קופּערנער שטערן, פסיכאָ־פּאַטאָלאָגישער טיפּ, מאַניאַק, פּראָפעסיאָנעלער בלאָטע־וואַרפער, פאַסקודע, בילער און בײסער, אויסוואורף, בעל־תשובה...*)

איך האָב דאָס ביסל צונויפגעקליבן אינאײנעם — זאָל שטײן אַ גאָרטן מיט בלומען אין דער אידישער ליטעראַטור...

און דאָס אַלץ האָב איך געקראָגן דערפאַר וואָס איך האָב אויפגעהויבן מײן קול קעגן דער שענדונג פון אידן דורך אידן.

נאָר ס'איז כדאי געווען. וואָרים עס וועט מער ניט גײן בײ אונז דער פזמון, אַז אידן זײַנען פּאַראַזיטן און ווערים. און אַז

---

*) מ'קען געפינען נאָך מער אין דעם ביכל „קעגן די אָנפאַלער אויף דר. ח. זשיטלאָווסקי", וואו די זשיטלאָווסקיאַנער האָבן אײנגעזאַמלט זײערע אַרטיקלען קעגן מײן ביכל. לײדער זײַנען ניט אַלע אַרטיקלען אַהין אַרײַן. ניגער האָט ניט דערלויבט אַרײַנצונעמען זײַנע אַרטיקלען אין דער זאַמלונג: אָדער ער האָט זיך געשעמט צו שטײן אינאײנעם מיט דער חברה, אָדער ער האָט זיך געשעמט מיט די אַרטיקלען.

אידישקייט איז קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט. ס׳איז סוף פסוק. קיינער וועט זיך עס מער ניט דערוועגן !

אויב איר, זשיטלאָווסקיאַנער, פילט זיך אַזוי ווי ווערים און האָט הנאה דערפון — פאַר אייך דער נחת און פאַר אייך זשיטלאָווסקי׳ס תורה. נאָר אידן זאָלט איר צורו לאָזן !

און די אַלע נעמען און עפּיטעטן וואָס זיינען פון זיי געוואָרפן געוואָרן אויף מיין קאָפּ, נעם איך אָן באהבה. בעסער איידער זשיטלאָווסקי׳ס זידלערייען אויף אידן. איידער אויף אידן בעסער אויף מיר.

מיר זאָל זיין פאַר אידן.

.3

אַלץ האָט מען געקענט הערן פון דידאָזיקע פאַרהיפּנאָטיזירטע שלאָף־וואַנדלער, נאָר ניט קיין איין רעכטע ראיה, ניט קיין איין ליי־טישן אַרגומענט. זשיטלאָווסקי און זשיטלאָווסקי, נאָר ניט קיין וואָרט וועגן זיין עבודה־זרה׳דיקער תורה. די אַלע בראַווע זשיטלאָוו־סקי־ריטער האָבן זיך געדרייט פּופּציק מייל אַרום דעם רבי׳נס תורה, אינווייניק זיינען זיי ניט אַריין.

ווייל אינווייניק ברענט דער גיהנם !

און דאָרט וואו זיי האָבן יע געפּרואווט זיך צוצורירן צו די פּראָבלעמען גופא, האָבן זיי זיך גיך אָפּגעבריט די פינגער.

נאָכאַמאָל טאַקע דר. גלאָבוס. אין יענעם אומגליקלעכן וכוח זיינעם מיט מיר, ווענדיק אונטערשפּאַרן דעם רבי׳נס תורה, איז ער אַרויסגעפּאָרן מיט דעם גוט־באַקאַנטן פּזמון : גייט אַרויס אין די גאַסן פון אַן אַמעריקאַנער שטאָט, אָדער נעמט אַ „הו איז הו״ : אָנ־געפּיקעוועט מיט אידישע נעמען. אידישע געשעפטן, אידישע באַנ־קירן, אידישע אַדוואָקאַטן, לערער, אינזשענירן, דאָקטוירים.

און אַליין איז מען, אגב, אַ דענטיסט.

גלייך ווי אַ לערער, אַן אינזשעניר, דאָקטאָר אָדער אַפּטייקער וואָלט ניט געווען קיין בעל־מלאכה. אָדער גלייך ווי אַ אידישער גע־שעפטסמאַן וואָלט איפּסאָ פאַקטאָ געווען אַ גנב. און גלייך ווי קיין אידישער אַרבעטער וואָלט אויף אַ רפואה ניט געווען.

הונדערט אידישע אַרבעטער, איינגעשלאָסן אין פאַבריק, זעט מען ניט. איין אידישע שילד אין גאַס שטעכט די אויגן פון שלעכטע גוים און גוטע זשיטלאָווסקיאַנער . . .

דר. רפאל מאַהלער קען אויך ניט אַנדערש פאַרטיידיקן זשיט־לאָווסקי׳ן ווי נאָר צו אָנערקענען אַז אידן זיינען טאַקע בלוטזויגער, און ווילן טאַקע ניט אַרבעטן. והא ראיה : ראשית, צוויי פּסוקים אין

דעם „יון מצולה״, והשנית, אַ סטאַטיסטיק פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פיר שטעט אין אַמעריקע („אייניקייט״, אַפּריל 15, 1944). אויף צוויי פּסוקים פון דעם „יון מצולה״ שטעלט ער דעם גאַנצן „יון מצולה״, דערנאָך די גאַנצע אידישע געשיכטע. און די סטאַטיסטיק פון פיר שטעט ווייזט אים אַ קליינעם פּראָצענט אידישע אַרבעטער. נאָר אַליין איז דר. מאַהלער ניט קיין אַרבעטער און ניט קיין ערד־אַרבעטער, נאָר אַ דאָקטאָר.

אינטעליגענטן האָבן מיר גענוג. לויט וועלכע סטאַטיסטישע געזעצן איז עס אויסגעקומען, אַז דר. רפאל מאַהלער האָט געמוזט דוקא זיין אַ דאָקטאָר און ניט קיין פויער?

מ׳פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז אַ ציוניסט איז אַ איד וואָס נעמט געלט ביי אַ צווייטן אידן צו שיקן אַ דריטן קיין ארץ־ישראל. היינט איז אַ זשיטלאָווסקיאַנער אַ איד וואָס נעמט געלט ביי אַ צווייטן אידן צו שרייבן אַז אַ דריטער איד זאָל גיין קייען די ערד.

אַז מיר וועלן האָבן מיט אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרבעטער מער, ברייען די מאַהלערס, און מיט אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָקטוירים ווייניקער, „גאַראַנטירן״ זיי אַז ס׳וועט זיין אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם. די סטאַטיסטיק איז געוואָרן די נייע גימטריאות וואָס רעכענען אויס דעם קץ...

דעם „יון מצולה״, וואָס איז אַ קינה אויפן אידישן חורבן פון ת״ח ות״ט, און אַ כראָניק פון די קאָזאַקישע שחיטות, ניט קיין געשיכטע פון די אידן אין אוקראַינע, ברענגט דר. מאַהלער צו שטיצן זשיטלאָווסקי׳ן מיט זיין שיטה פון די שחיטות. ער ברענגט פון דעם „יון מצולה״ אַ שטעל, וואָס דאַרף גערעכנט מאַכן די קאָזאַקן. און אַזאַ „אויטענטישע געשיכטע״, שטעל איך מיר פאָר, קען דערזעלבער דר. מאַהלער מאַכן פון זשיטלאָווסקי׳ס באַשרייבונג ווי אַזוי די אידן האָבן אויסגע׳גנב׳עט און אויסגערויבט די רוסישע פּריצים און קניאַזן, און אַזוי אַרום נאָך באַרעכטיקן די צאַרישע פּאָגראָמען אויך...

אַזוי טוען זיי, אונזערע דר. מאַהלערס. זיי נעמען די אידישע מאַרטירערשאַפט און באַשפּייען זי.

זיי זיינען מזנה אויף גאָטס מזבח.

דר. י. שאַצקי האָט אויך אויף אַזאַ אופן מטמא געווען דעם „יון מצולה״.

וואָס דערציילט אונז דער „יון מצולה״ באמת וועגן די „אידישע זינד״ אין כמעלניצקי׳ס אוקראַינע?

ניטאָ וועגן דעם אין דעם גאַנצן ספר׳ל מער ווי די פּאָר שורות וואָס דר. מאַהלער ברענגט, און וואָס ווייזן זיי?

זיי ווייזן אַז די יונים (קאָזאַקן) האָבן געאַרבעט ווי „דינער און

דינסטן" אין אידישע הייזער, אזוי ווי אין פוילישע, און אַז אין טשעהרין איז געווען אַ איד, זכריה סאַבילענקי, וואָס האָט געהאַלטן דאָס שטעטל אין אַרענדע, אַזוי ווי עס זיינען געווען אַנדערע אַזעלכע אידישע אַרענדאַרן פון אַנדערע שטעטלעך „אשר מזה — שרייבט דער מחבר — נמשכה הגזירה רעה שנתקנו בחשיבות היהודים". איז דער טייטש: וואָס דערפון האָט זיך געצויגן די שלעכטע גזירה, ווייל זיי האָבן זיך מתקנא געווען אָן דער חשיבות פון די אידן.

„מתקנא געווען אָן דער חשיבות פון די אידן" שטייט, אָבער וואו שטייט אַז זיי האָבן געצאָרנט קעגן דער בלוטזויגערײַ פון די אידן? עסן חלה שבת און יום טוב האָט אויך געקענט זיין חשיבות אין די אויגן פון יענע פויערים.

זעט אָבער מיט וועלכער שאַרפקייט און ביטערקייט דער מחבר שילדערט די זינד פון די פוילישע פריצים און שררות:

„אבל שאר דלות עם היונים היו משתעבדים בהם הדוכסים והשרים מאד וימררו חייהם בעבודה קשה בחמר ובלבנים ובכל עבודה בבית ובשדה, וישימו עליהם השרים מסים גדולים וקצת מן השרים היו מענין אותן בענוים קשים ומרים שיעמדו על אמונת האפיפיור", ז'טייטש: „אָבער די איבעריקע (אויסער דרייסיק טויזנט פריווילעגירטע קאָזאַקן — ל.) פון דעם אָרימען פאָלק פון די יונים האָבן די פריצים און הערשער שטאַרק אונטערדריקט און האָבן פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט מיט ליים און ציגל און מיט יעדער אַרבעט אין הויז און אין פעלד, און די הערשער האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע צינזן, און טייל הערשער האָבן זיי געפייניקט מיט שווערע און ביטערע פייניקונגען זיי זאָלן אָנ־נעמען דעם קאַטוילישן גלויבן".

וואו ווערט אַזעלכס, אָדער אויפן ווייטסטן אופן ענלעכס דערצו, געזאָגט אין דעם „יון מצולה" אויף אידישער בלוטזויגערײַ?

דאָס איינציקע אויף וואָס מ'קען זיך אָפּשטעלן געפינט זיך אין דעם פאָלגנדיקן זאַץ: וכל כך היו שפלים — און אַזוי נידעריק זיינען זיי געווען — עד שכמעט כל האומות — ביז כמעט אַלע פעל־קער — ואפילו אותה האומה הירודה בין כל האומות — און אפילו דאָס דערנידעריקטע פאָלק צווישן אַלע פעלקער — היו מושלים בהם — זיינען געווען מושלים איבער זיי.

אפילו מ'זאָל נעמען דאָס וואָרט „מושלים" אין געווינלעכסטן און בוכשטעבלעכסטן זין — הערשער — ווערט עס אויך ניוועלירט אין די ווערטער: „אפילו דאָס דערנידעריקטע פאָלק צווישן אַלע פעלקער". בלויז אַ רשע קען פאַרפעלן צו זען אין זיי די באַשרייבונג פון דעם

אומגליקלעכן מצב פון די אידן גופא. און דער אמת׳ער זין פון דעם זאַץ איז, אַז די קאַזאַקן זיינען געווען נידעריקער פון אַלע, אפילו פון די נידעריקסטע — די אידן.

קען מען אויף איין איינציקן צווייפלהאַפטן וואָרט אויפשטעלן אַ בנין מיט אַ שרעקלעכן געשפּענסט פון אידישער עקספּלואַטאַציע און באַרעכטיקן די גזירות ת״ח ות״ט, די טאָטאַלע אויסשלאַכטונג פון זיבן הונדערט אידישע קהילות, ווי דאָס טוט דר. מאַהלער, כדי אונ־טערצושפּאַרן די לערע פון זיין רבי׳ן זשיטלאָווסקי?

עס זיינען אודאי געווען אידן וואָס אַלס אַנגעשטעלטע אָדער פאַר־טרעטער פון די פּריצים זיינען זיי אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דער פּריציישער עקספּלואַטאַציע. אָבער דאָס מיינט ניט אַז היינטיקע אידישע היסטאָריקער אָדער פּובליציסטן מעגן אָננעמען דעם גויאישן כלל אַז אַלע אידן טראָגן דערפאַר אחריות און זיינען מיט רעכט באַשטראָפט געוואָרן דורך שחיטה. זיכער טאָר מען דעם „יון מצולה" ניט אויס־נוצן פאַר אַזאַ צוגאַנג.

אונזער „גרויסער היסטאָריקער", און דער עיקר אמת׳דיקער היסטאָריקער, פאַרפעלט אָבער צו דערמאָנען וואָס דער „יון מצולה" דערציילט שפּעטער, פון דעמאָלט ווען די שחיטות האָבן זיך שוין איינגעשטילט און די איבערגעבליבענע אידן, אויסגעפּייניקטע און אויסגערויבטע, האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע אַלטע ערטער. די גוים, שרייבט דער „יון מצולה", די וואָס האָבן געהאַט געלט, „האָבן עס באַגראָבן אין דער ערד און געמאַכט דעם אָנשטעל פון אָרימעלייט, און די אָרימע אידן — ויהודים האביונים — כאָטש זיי זיינען געווען בדיל הדל — „בדלי דלות" — האָבן דער המון עם און די שרים זיי געהאַלטן פאַר רייכע, און יעדערער האָט געשריען גיב, גיב — הב הב — דער קעניג און די שרים האָבן געוואָלט פון זיי צינזן און זיי האָבן ניט געהאַט קיין צעבראָכענע פּרוטה — שום פּרוטה, און זיי האָבן געגעבן מעשר פון דעם רעשטל וואָס זיי איז גע־בליבן"...

מען האָט די אידן געקוילעט און נאָך געמאָנט פון זיי שחיטה־געלט!

אָט דאָס זיינען דר. מאַהלער׳ס אידישע בלוטזויגער פון דעם „יון מצולה"!

און אונזערע „מאָדערנע", די מאַהלערס און שאַצקיס, פאַרשווייגן נאָך אַ זאַך אין דעם „יון מצולה", דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דעם ספר׳ל, וואָס באַשרייבט דאָס הויכע מאָראַלישע לעבן, דאָס לעבן פון תורה, און יראה, און ערלעכקייט, און צדקה, און גמילות חסדים, און הכנסת כלה, און הכנסת אורחים, און פון ערלעכער וואָג און מאָס

ביי די אידן וואָס זיינען אַזוי אכזריות'דיק אומגעבראַכט געוואָרן. זאָל מען וויזן אין דער גאַנצער, גאַנצער געשיכטע פון קולטורן אין דער וועלט, אַזאַ באַשרייבונג! זייער לעבן איז געווען אַ קידוש השם אַזוי ווי זייער טויט איז געווען אַ קידוש השם.

און ווען איר לייענט דאָס, ווייסט איר, ווייסט איר אויף געוויס, אַז ביי יענע אידן איז אין בית־הכסא געווען מער גייסט ווי ביי דר. מאַהלער'ן און דר. שאַצקי'ן אויף זייערע לעקטאָר־קאַטעדרעס!

דער „יון מצולה" איז ניט קיין ליטעראַטור־ביכל. ס'איז ניט קיין השכלה־ביכל. ס'איז ביי אידן אַ הייליק ספר'ל. ס'איז אויסגע־וויקט אין תרי"ג אידישע בלוטן. קומט מען און מ'באַנוצט דאָס־דאָזיקע ספר'ל קעגן אידן!

נעמט אַוועק אייערע טמא'דיקע הענט, איר אידישע פאַרדאַרבער!

אַלע זיינען גערעכט, איר זייט אַלע גערעכט קעגן אידן! די כמעלניצקיס און די דר. מאַהלערס, די קריוואָנאָסעס און די דר. שאַצ־קיס, ימח שמכם וזכרכם אַלע אינאיינעם!

איך גיי איצט צו צו אַן אַנדער ריטער פון אמת — אַלץ אמת'ן קעגן אידן — צו קלמן מרמר.

כאַוועד מרמר איז אַ היסטאָריקער פון פרעסע און ליטעראַטור. ער האָט אָבער זיין באַרוף אַרונטערגעבראַכט צו ליטעראַרישן שפּיאָ־נאַזש. ער פאָרשט ניט, נאָר טוט דעטעקטיוו־אַרבעט. ער טוט רק און „דעקט־אויף". דעקט־אויף באַהאַלטענע זאַכן אין דער אַמאָלי־קער פרעסע, און אפילו סודות פון אַמאָליקע הערצער. פאַרבאָרגענע מאָטיוון, ר"ל. ער איז אַן אמת'ער בוחן לבבות.

און ווי מ'האָט זיך געקענט ריכטן איז ער אויך אין דעם זשיטלאָווסקי־וויכוח אַרויסגעקומען מיט אַן אויפדעקעכץ.

ער האָט אויפגעדעקט אַן אַלטן אַרטיקל וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל געשריבן קעגן מיינעם אַ ביכל. אַלץ הייסט קעגן! ער האָט געשריבן אַז „ווען מען קומט צו אין דעם ביכל צו אָט דער שטעל, דעמאָלט בלייבט אייך שוין גאָרניט איבער ווי... אַ שמיץ צו טאָן דאָס ביכל אונטערן טיש".

אין יענעם אַרטיקל האָט מיך זשיטלאָווסקי אינגאַנצן גע'פסל'ט ווי אַ ראַדיקאַל, און האָט מיך געשטעמפּלט אויף אייביק ווי אַ פּינ־סטערן „קלעריקאַל", באשר בכן איך האָב זיך אַנגענומען פאַר דער „אידישער רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג". אַזוי הייסט טאַקע דאָס דעמאָלטדיקע ביכל מיינס (1915).

איז אַרויס קלמן מרמר מיט אַ סענסאַציע, מיט אַן אַרטיקל וואָס הייסט: „דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַליין אויפגעדעקט די פּעל־שער"! ער האָט אויפגעגראָבן יענע אַטאַקע זשיטלאָווסקי'ס אויף

מיר און האָט שוין אין איין גאַנג געפּאַקט נאָך אַ האָז: ער ווייס שוין די סיבה פאַרוואָס איך „אַטאַקיר" זשיטלאָווסקי'ן. ס'איז ניט, חלילה, קיין מחלוקת לשם שמים: דאָס רעכן איך זיך נאָר אָפּ מיט אים פאַר אַן אַלטער קריוודע. ס'איז אַן אַלטע שנאה און ווייטער גאָרניט.

נון, האָב איך דאָ פון מיין זייט אויך אַן אויפדעקעכץ צו מאַכן, וואָס איז אינגאַנצן מבטל מרמ'ס סענסאַציע. איך אַליין, נעמלעך, מיט מיינע אייגענע הענט, האָב אויפגעדעקט יענעם אַרטיקל זשיטלאָווסקי'ס, אים אַרויסגעבראַכט בפני כל עם ועדה, נאָך מיט דריי יאָר פאַר מרמר'ן! זיך אַליין געקוילעט אָן אַ מעסער...

אין מיין ביכל „אין קאַמף פאַר אידישער דערציאונג", אַרויס אין 1941, דערצייל איך אויספירלעך וועגן יענער זשיטלאָווסקי'ס אַטאַקע אויף מיין ביכל „די אידישע רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג".

אין יענעם ביכל, ווי געזאָגט, האָב איך פאַרטיידיקט די אידישע רעליגיע. איך האָב גע'טענה'ט אַז די אידישע רעליגיע איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דער אידישער געשיכטע, אין דער ליטעראַטור און אין גאַנצן אידישן לעבן פון אַלע צייטן, אַז אפילו ראַדיקאַלן דאַרפן דערציען זייערע קינדער מיט אַ פאַרשטענדעניש און מיט געפילן פון דרך ארץ פאַר איר. פאַר אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט מיך זשיטלאָווסקי אָנגערופן רעאַקציאָנער און קלעריקאַל. זיין אייגענער שטאַנדפּונקט איז געווען אַז „מיר קענען ניט ווערן רעליגיעז אָדער נתפעל ווערן פון דער אידישער רעליגיע בלויז דערפאַר, וואָס אונזערע עלטערן איז רעכט געווען צו לעבן ווי שקלאַפן, אַבי מ'זאָל זיי ניט צווינגען צו ווערן אומטריי זייער גלויבן" (געזאַמלטע שריפטן, באַנד 10, ז. 212).

זשיטלאָווסקי האָט אָבער געבראַכט פון מיר איין שטעל צוליב וועלכער ער האָט מיין ביכל אַוועקגעשיקט צו אַל די שוואַרץ יאָר אונטערן טיש, און וואָס איז געווען דער גאַנצער צימעס פון קלמן מרמר'ס סענסאַציע, אַ שטעל פאַר וועלכער יעדער פרייהייט־ליבנדיקער מענש דאַרף ניט אַנדערש ווי נאָך היינט מיך פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

צווישן די ביישפּילן וואָס איך האָב געבראַכט פון דער אידישער געשיכטע פאַר מיין טעזיס איז געווען דער חשמונאים־קאַמף. יענער קאַמף, האָב איך גע'טענה'ט, האָט געטראָגן אַ טיף־רעליגיעזן כאַראַקטער. דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן קעגן זיינע געצנדינערישע אונטערדריקער ערשט ווען זיי האָבן אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער אידישער אמונה. דער פלאַקער האָט זיך אָנגעצונדן ווען דער שונא האָט זיי געוואָלט צווינגען מקריב צו זיין אַ חזיר פאַר אַ קרבן.

דער קאַמף־רוף פון די מאַקאַבייער איז געווען: מי לה' אלי — ווער צו גאָט צו מיר.

דאָ ברענגט זשיטלאָווסקי פון מיין ביכל פאָלגנדע שטעל (באַנד 10, ז. 212):

„נעמט מען אַוועק דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון אַזאַ קאַמף ווי דער מאַקאַבייער־אויפשטאַנד, איז מעג מען עס אפילו דערקלערן פאַר אַ פרייהייט־באַוועגונג אין מאָדערנעם זין, ווערט דאָך דורכדעם די העכערע (?) אידייע פון דער געשעעניש אַוועקגענומען... ווען מיר ציען... אַרונטער דעם מאַקאַבייער־קאַמף צו דער נידער(!) פון אַזאַ קאַמף, ווערט די אידעאַלע זייט פאַרלאָרן (?) ווערט דורכדעם אַ גרויסע הייליקע באַוועגונג פאַרברוטאַליזירט(!!)".

און קלמן מרמר פאַרצייכנט ריכטיק אַז „די פראַגע־צייכנס און אויסרופן זיינען זשיטלאָווסקי'ס".

און דאָ, ביי אָט דער שטעל, האָט עס זשיטלאָווסקי שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט אַ שמיץ געטאָן מיין ביכל אונטערן טיש.

געשען איז עס אין 1915. און קלמן מרמר האָט זיך געשטעלט פאַטשן בראַוואָ אין 1941.

איז למאי זאָל איך זאָגן: סע קלינגט טאַקע שרעקלעך. עס קומט דאָך טאַקע אויס אַז אַ „פרייהייט־קאַמף אין אָט מאָדערנעם זין", ווי אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, אָדער קעגן צאַריזם, אָדער פאַר סאָציאַליזם איז אַ „ברוטאַלע" זאַך, אָן אַ העכערער אידייע...

זאָג איך בפה מלא אַז דאָס וואָלט טאַקע געווען שרעקלעך ווען אין מיין ביכל וואָלט אַזוי געשטאַנען. עס שטייט אָבער ניט אַזוי!

אָט וואָס עס שטייט באמת אין מיין ביכל:

„נעמט מען אַוועק דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון אַזאַ קאַמף ווי דער מאַקאַבייער־אויפשטאַנד, איז מעג מען עס אפילו דערקלערן פאַר אַ פרייהייט־באַוועגונג אין מאָדערנעם זין, ווערט דאָך דורכדעם די העכערע אידייע פון דער געשעעניש אַוועקגענומען. און נו, ווען אַ פאָלק אין היינטיקער צייט פאַרטיידיקט זיין לאַנד קעגן אַן אַריינדרינגנדיקן שונא, אָט ווי פראַנקרייך אין דעם פאַל פון עלזאַס־לאָטרינגען אין 1870, איז עס ניט אַ קאַמף פאַר רעכט און פרייהייט? ווען מיר ציען אַלזאָ אַרונטער דעם מאַקאַבייער־קאַמף צו דער נידער פון אַזאַ קאַמף, ווערט די אידעאַלע זייט פאַרלאָרן, ווערט דורכדעם אַ גרויסע הייליקע באַוועגונג פאַרברוטאַליזירט".

קלאָר: איך פאַרגלייך דאָ דעם מאַקאַבייער־קאַמף מיט אַ געוויינלעכער, פשוט'ער מלחמה פאַר טעריטאָריע, און ווייז אַז דער מאַקאַבייער־קאַמף איז ניט געווען אַזאַ געוויינלעכע מלחמה, נאָר האָט

אויך געהאַט אַ העכערע אידייע, די באַשיצונג פון דער אידישער אמונה.

נאָך זשיטלאָווסקי האָט אויסגעלאָזט דעם גאַנצן לאַנגן זאַץ מיטן משל פון עלזאַס־לאָטרינגען. אַנשטאָט דעם זאַץ איז געווען זיין וואויל־געפּעלן אַריינצושטעלן פּינטעלעך, און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ הויקער. פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? מסתמא האָט אים אויסגעפעלט טינט...

„דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אַליין אויפגעדעקט די פעלשער״! טריאומפירט קלמן מרמר.

אָבער ווען קלמן מרמר וואָלט געווען אַן ערלעכער פאָרשער, ניט קיין פאַרפאַכטעטער ליטעראַרישער דעטעקטיוו, וואָלט ער די פעל־שונג אויפגעדעקט גאַנץ ערגעץ אַנדערש...

און נאָך אַ זאַך, זייער אַן אינטערעסאַנטע, וואָלט ער אויפגע־דעקט, נעמלעך אַז זשיטלאָווסקי האָט, ווייניקסטנס איין מאָל, אַליין אַרויסגערוקט אַקוראַט דעמזעלבן געדאַנק וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק קריטיקירט ביי מיר! אין אַן אָפּהאַנדלונג „פּראָגרעסיווער און רעאַק־ציאָנערער נאַציאָנאַליזם״ (באַנד 8, ז. 130) ברענגט ער אַרויס, אַז למשל, דער „פּוילישער אויפשטאַנד פון דעם יאָר 1863״, איז טאַקע געווען אַ קאַמף פאַר פרייהייט, אָבער ס׳איז ניט געווען קיין „פּראָ־גרעסיווער״ קאַמף.

עס קען, הייסט עס, זיין אַ „פרייהייט־קאַמף״ און דאָך זאָל פעלן די „העכערע אידייע״...

אוי מר לי מר עליך מר מרמר!...

נאָך סיי־ווי דאַנק איך אים וואָס ער האָט מיר געגעבן דעם אויסרייד צו פאַריכטן דעם אַלטן „טעות״ ביי זשיטלאָווסקי׳ן, ושלום על ישראל.

אָבער ריכטיק איז אַז פון דעמאָלט אָן, פון יענעם אָנגריף זשיט־לאָווסקי׳ס אויף דער אידישער אמונה אין שייכות מיט דער דער־ציאונג פון דעם אידישן קינד, האָט זיך אָנגעהויבן די מחלוקת: איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַגריפן באמת די סכנה פון דעם זשיטלאָווסקיזם פאַר אידן.

נאָך טיפער אין פייער אַריין האָט אַריינגעשטעקט זיינע הענט י. ב. ביילין („אידישע קולטור״, אַפּריל, 1944). ער האָט אויפגע־מישט דעם תנ״ך און דעם תלמוד צו ווייזן, אַז דאָרט שטייען גאָר גוואַלדאָוונע „אומעטישע״ זאַכן, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון די צוררי היהודים... טאָ וואָס האָט מען צו זשיטלאָווסקי׳ן?

אָט אַזוי: כדי אָפּצו׳טובל׳ען זשיטלאָווסקי׳ן רופן זיי אַרויס

צו אַ שפּאָגל נייעם משפט די תורה און דעם תלמוד! לגבי זשיט־לאָווסקי'ן ווערן די תורה און דער תלמוד „אומעטיש".

אונזערע חכמים האָבן שוין געגוג מאָל אויפגעקלערט דידאַזיקע „אומעטישקייטן" פאַר אונזערע נאַראָנים, פונדעסטוועגן געפינען זיך שטענדיק נייע נאַראָנים . . .

און דער נאָר שטופּט אים ווייטער און ער ציט „היסטאָרישע פּאַ־ראַלעלן" און ער זעצט אַוועק זשיטלאָווסקי'ן ביי דער זייט פון דעם — רמב"ם.

עס האָט געמוזט זיין אַ שווערע פלוגתא צווישן די צוויי לצים, ביילינ'ען און ב. צ. גאָלדבערג'ן, וועגן דער פראַגע וואו צו זעצן זשיטלאָווסקי'ן אין דעם אידישן הימל. וואָרום גאָלדבערג האָט אים געשטעלט אַ שטול ביי דער רעכטער האַנט פון — משה רבינו. „דער משה רבינו פון אונזער דור" — האָט ער געשריבן באַלד נאָך דער פטירה. שפּעטער צו דער הזכרה אין אַ יאָר אַרום, האָט ער עס „געדעיזט" צו „משה רבינו פון צוויי דורות" (לויט'ן באַריכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט"). ביז ס'איז מסתמא געקומען הגאון ר' יעקב זויערמילך און האָט אויסגעגלייכט די פלוגתא און גע'פסק'עט אַז אין תוך זיינען זיי ביידע גערעכט, וואָרים ממשה עד משה לא קם — כחיים . . .

מיט אַ לאַנגער און טיפער שטיק תורה האָט י. ב. ביילין אַרויפ־געהאָלפן זשיטלאָווסקי'ן אויף דער הויכער שטול וואָס ער האָט נאָך געפונען ליידיק נעבן דעם רמב"ם.

נאָר וואָס דער רמב"ם זאָגט דערויף האָט ער ניט געפרעגט.

און דער רמב"ם האָט גראָד עפּעס וויכטיקס צו זאָגן וועגן דעם. ווער עס לייקנט אין איינעם פון די דרייצן עיקרים פון דער אידישער אמונה איז לויטן רמב"ם אַן אפּיקורס.

און וועגן אפּיקורסים פּסקנ'ט דער רמב"ם להלכה אַזוי: והאַ־פּיקורסין מישראל מצוה לאבדן ביד ולהורידן עד באר שחת מפני שהן מצרים לישראל ומסירין את העם מאחרי ה' (הלכות עכו"ם, פרק י', א').

דער „קלוגער" אַדוואָקאַט האָט אַרונטערגעפירט זשיטלאָווסקי'ן אונטערן בליק פון דעם רמב"ם: איך ווייס ניט צי זשיטלאָווסקי'ס גייסט וועט זיך פילן זייער באַקוועם אונטער דעמדאָזיקן שאַרפן, שטרענגען און געביטערישן בליק פון דעם אומשטערבלעכן וועכטער איבער דער תורה . . .

און צום סוף — אחרון אחרון חביב — אַ פאַרנויג אין דער זייט פון דעם „טאָג".

עס איז געווען דער „טאָג" וואָס האָט געבראַכט די אמת'ע מהומה

וועגען מיין קריטיק אויף זשיטלאָווסקי׳ן. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, אין דער שטיל, האָט ער געמאַכט די הכנות. ער האָט אַוועקגעזעצט ניגער׳ן צו קנייטשן דעם שטערן און שרייבן זיין סעריע אַרטיקלען. אַלץ פאַרטיק און אַלץ גרייט האָט ער דערקלערט מלחמה. די ער־שטע מלחמה־דערקלערונג איז אַרויס אויף דער ראַדיאָ. באַלד דערויף אין אַנאָנסן אויף האַלבע זייטן ביי זיך אַליין, און אין באַצאָלטע אַנאָנסן אין אַנדערע צייטונגען. און אַ בונד איז געשלאָסן געוואָרן מיט די קאָמוניסטישע „עלאָיס״, און אַן אַלגעמיינע סטראַטעגיע איז אויסגע־אַרבעט געוואָרן, אַנצוהויבן די קאַנאָנאַדע פון אַלע זייטן מיטאַמאָל. געווי ווי עס פירט זיך ביי אַן אמת׳ן גענעראַל־שטאַב...

און אַזוי איז געקומען די דריטע וועלט־מלחמה — די מלחמה אויף מיין ביכל.

אין די אַלע צענדליק דריי יאָר פון דער עקזיסטענץ פון טאָג״, איז ניט געווען קיין איין פאַל, אַבסאָלוט ניט קיין איין פאַל, וואו ער האָט מיט אַזעלכע מיטלען, אַזעלכע הכנות, מיט אַזאַ פאַרנעם, אַזאַ אָנשטרענגונג, אַזאַ טיכטיקייט, אַז אימפעט און ליאַרעם און טאַראַראַם זיך געווידמעט צו עפּעס אַ אידישער פראַגע ווי ער האָט עס געטאָן אין דעמדאָזיקן פאַל, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זשיטלאָווסקי׳ן און זיין אידעאָלאָגיע. ער האָט אויפגערודערט אַלע אידישע גאַסן, וועלטן איינגעלייגט, די וועלט און יענע וועלט...

איין טעם איז געווען — חשבונות מיטן פאָרווערטס״. נאָך אַ טעם איז געווען דער פאַקט, וואָס אַלע שיינע זאַכן וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשריבן אויף אידן און אידישקייט אין משך פון קאַרגע דריי צענדליק יאָר זיינען געדרוקט געווען אין „טאָג״. און „דער טאָג״ האָט געפּילט: זשיטלאָווסקי דאָס בין איך...

דעריבער איז ער אַרויס מיט אַזאַ פייער פאַרטיידיקן זשיט־לאָווסקי׳ן און זיין אידעאָלאָגיע.

נאָר די סתירה דערפון ווערט קלאָר פון פאָלגנדן קליינעם ביי־שפּיל אַליין.

אינמיטן פון דער קאַמפּאַניע קעגן מיין ביכל — אין סאַמע ברען פון דער „דריטער וועלט־מלחמה״ — האָט „דער טאָג״ באַ־האַנדלט אַ גרויסן פּראָבלעם פאַר די אייראָפּעאישע אידן נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאָס פּראָבלעם פון אומקערן זיי צוריק צו די ערטער און צו זייערע היימען, פון וועלכע זיי זיינען אַזוי אכזריות׳דיק אַרויסגעריסן געוואָרן. אין אַ לייט־אַרטיקל פון אַפּריל 12, 1944, שרייבט ער אַזוי:

„אונזער רעכט אויף צו לעבן אין אייראָפּע איז אַבסאָלוט און טאָר ניט דערלאָזן קיין שום קאָמפּראָמיסן. אויף וויפיל אידן וועלן

עס נאָר וועלן, מוז זיי געגעבן ווערן די פולסטע געלעגנהייט צוריקצוקומען און צו שטעלן זיך אויף די פיס ווירטשאַפטלעך און אויך פסיכיש. דאָס וועט זיין ניט בלויז צוריקשטעלן אַ רעכט וואָס קומט זיי"...

דאָס איז אַ גערעכטע פאָדערונג. אַ ריכטיקע, ערלעכע, אַ אידישע שטעלונג. עס קען גאָר אַנדערש ניט געמאָלט זיין.

נאָר אין דער אייגענער צייט, דוכט זיך אפילו אין דעמזעלבן נומער, האָט ער פאַרטיידיקט זשיטלאָווסקי'ן וועלכער האָט פאַרטראָטן אַזאַ אידעאָלאָגיע:

„אָבער כל־זמן זי איז נאָך ניטאָ (די ליכטיקע סאָציאַליסטישע צוקונפט); כל־זמן עס קומט ערשט פאָר דאָס קלייבן און מושטירן פון דער אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן פאַר איר, האָבן מיר קיין רעכט ניט צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז מיר, אידן, וואוינען אין אַ פרעמדן*) לאַנד, צווישן אַ פרעמדן*) פאָלק; אַז מיט יעדן אָטעם, וואָס דער איד אָטעמט אין דער איצטיקער פאַרפעסטעטער קאַפּיטאַליסטישער אַטמאָספערע, געמט ער אָפּ אַביסל לופט ביי דעם אַנדערן, ביי דעם באַלעבאָס פון לאַנד; אַז אין וואָס עס זאָלן ניט באַשטיין אונזערע מענשלעכע רעכט, קען ער, דער באַלעבאָס, ניט אָנערקענען זיי פּסיכאָלאָגיש, ווייל זיין פּסיכאָלאָגיע ווערט אים דיקטירט דורך די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון אַ מענשן, וואָס לעבט אין זיין אייגענעם „לענג־שניט", וואוהין די אידן זיינען אַריינגעקראָכן, ווי ניט געבעטענע געסט" (געזאַמלטע שריפטן, ב. 6, ז. 81).

ווי אַזוי האָט „דער טאָג" געקענט האַרמאָניזירן זיין פאָדערונג פון דעם צוריקקער פון די אידן צו זייערע אַלטע ערטער, אויפן יסוד פון רעכט, מיט דער אידעאָלאָגיע פון זשיטלאָווסקי'ן, אַז מיר זיינען פרעמדע אין די לענדער?

.4

די מלחמה קעגן מיין זשיטלאָווסקי־ביכל איז געפירט געוואָרן ניט בלויז מיט אַרטיקלען פון שרייבער, נאָר אויך מיט בריוו פון לייענער. דער „טאָג" האָט געדרוקט אַ גאַנצע ריי אַזעלכע בריוו. און וואָס די „גרויסע" האָבן געטאָן שפּייען האָבן די קליינע געטאָן טאָן קייען. ס'איז ניט שווער אויפצוהעצן דעם המון צו מיאוסקייטן. עס פעלן קיינמאָל ניט קיין בעלנים אויף אַ לינטשינג־פּאַרטי.

איין בריוו אַזאַ, ווי אַן אָנדענק, איז אפילו אַריינגענומען געוואָרן אין דעם לינטש־ביכל „קעגן די אָנפאַלער אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי", וואָס די פאַרטיידיקער האָבן אַרויסגעגעבן.

---

*) אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן.

אַזאַ קאַמף, געפירט מיט אַזעלכע מעטאָדן, האָט ניט אײן רעכט דענקענדיקן זײטיקן צושויער געמוזט ברענגען אויף טרויעריקע מחשבות. און דאָס ווײזן פאָלגנדיקע צווײ בריוו, וואָס איך האָב אויסגעקליבן פון אַ סך וואָס איך האָב דערהאַלטן און וואָס איך גיב דאָ, אויך פאַר אַן אָנדענק.

21טער מאַי, 1944.

חשוב׳ער מר. חיים ליבערמאַן:

מיט אַן ערך אַ פאָר חדשים צוריק — אַזוי גלויב איך — האָב איך (אַ אי־דישער אַרבעטער) אויסגעהערט אײערע אַ לעקציע אָדער שיעור װעגן שלום אַש׳ן, אין אַרבעטער־רינג צענטער אויף וואַשינגטאָן עווענױ. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אײך צו שרײבן מײן אימפּרעסיע פון אײך פער־זענלעך און פון דער לעקציע. אָבער, פאַרשטײט זיך, ס׳איז דערפון גאָרניט געוואָרן, מחמת דעם וואָס איך גלויב ניט אין בריוולעך־שרײבערײ. אויסער דעם דאַרפט איר װיסן אַז פאַר אַ פאָלקס־מענשן איז סתם ניט אַזױ גרינג זיך צוזאַמענ־צונעמען און שרײבן אַ בריוו װעגן אַ ליטעראַרישן ענין.

אָבער מען איז דאָך מער ניט ווי אַ מענש, און ווען דער יצר הרע גיט אַ קוועטש גיט מען זיך פאָרט אונטער.

נו, האָט עפּעס פּאַסירט, און דאָס האָט געבראַכט צו דעם בריוועלע. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

איך געדענק גוט דעם טיפן רושם און דרך ארץ וואָס איר האָט בײ מיר אַרויסגערופן.

די לעקציע — אַ מוסטער פון פאָרשונג, ערלעכקײט, טיפע געפילן און איבערצײגונג.

אײער אויסטײטשונג פון דעם ענין עבודה זרה, אײערע ציטאַטן פון דעם רמב״ם, די שטעלן וואָס איר האָט געבראַכט פון דעם נײעם טעסטאַמענט, די וכוחים פון קריסטן מיט רבנים פון מיטלאַלטער, די טעקסטן וואָס מ׳לערנט אין די קריסטלעכע שולעס מיט די קינדער — וואָס זאָל איך זאָגן, איך האָב געקוקט אויף אײך און געטראַכט: אַ מענש לויט מײן האַרץ. וואָס פאַראַ קוואַל און אוצר עס ליגט אין אים — דאָס איז דער ליעברמאַן וואָס ווערט באַשמוצט, באַ־זידלט, אויסגעלאַכט און אויסגעבעקעט?

און איך האָב מיך אַלײן געפרעגט: פאַרוואָס זײן פאָרשונג, זײן אַרויס־טרעטונג קעגן דער גאַנצער וועלט? פאַרוואָס? עפּעס מוז דאָך זײן אַ מאָטיוו, אַ שטופּקראַפט. איך האָב געפונען דעם ענטפער אין אײערע רײד: מיר ראַדי־קאַלן זײנען שולדיק, מיר האָבן אַרײנגעבראַכט הפקרות אין אידישקײט, איצט קומט מען און מ׳שלעפּט אידן גאָר צום צלם... איצט מוזן מיר אַלײן די דערנער אויסרײניקן פון ווײנגאָרטן.

כ׳האָב דערשפּירט אַז עפּעס ברענט אין אייערע עצמות... איר זענט געוואָרן אַ קנאי...

און לאָמיר זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז נאָך איידער איך בין געקומען אייך הערן זיינען שוין מיינע געפילן און געדאַנקען געווען אויף אייער צד, און ניט מיט ניגער׳ן, דר. שאַצקי׳ן און דר. פראַנק׳ן, און נאָך אַנדערע. כ׳פיל אַז רעליגיע, די אידישע נביאים, זיינען אַ קוואַל וואָס לייטערט דעם מענשן, הויבט אים אויף אַ העכערער מדרגה, טויט אָפּ דעם... יצר הרע אין אים.

איצט נחזור לעניננו.

נעכטן זיץ איך אין דער טרימאָנט לייברערי און נעם אַ נומער „ניילעבן", אַפּריל, 1944, און לייען אַן אַרטיקל פון מנשה אונגער וועגן אייך. ס׳איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן, ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט אַן עקל אי צו דעם שרייבער אי צו דעם גאַנצן ענין — לאָמיר ניט זינדיקן — אידישע פּרעסע...

אַזאַ רינשטאָק שפּראַך, אַזאַ סמעטניק!

דאָס איז קולטור? אידישע קולטור? קען איך געבן מיין אַמעריקאַנעם זון וואָס שטודירט אין קופּער יוניאָן און פאַרשטייט אידיש — אַזאַ אַרטיקל צו לייענען? וואָס פאַראַ מיינונג וועט ער האָבן אי וועגן אידישע שרייבער אי וועגן דער אידישער קולטור?

איך וויל בלויז אויסרעכענען אייניקע עפּיטעטן אויף אייך: בלוט־בלבול, עקלגעפיל (צו אייך), משרת׳ל, אונטערלעקער, פאַרשווינדל, גייסטיקער קאַרליקל, צדיק׳ל און נאָך און נאָך...

און דאָס אין אַ זשורנאַל וואָס פאַרשפּרייט די וועלטלעכע אידישע קולטור.

איך שרייב אייך צוליב דעם אַז דאָס איז אַ סקאַנדאַל... אַז אַ מענש דאַרף עפּעס טאָן איז דאָ אַן אָפּגעזונדערט פּלאַץ, ניט בפני כל עם ועדה...

דאָס איז גורם אַז דער בעסערער און ראַפינירטער אידישער לייענער און ליבהאָבער פון דער מאַמע־שפּראַך און קולטור הויבט אָן צו אַנטלויפן, פאַרלירט די ליבע און רעספּעקט צו דער שפּראַך און קולטור פון זיין יוגנט.

דאָס איז אַ סקאַנדאַל, איר מוזט עפּעס טאָן צו דעם, כ׳מיין איר אידישע שרייבער. מ׳מוז רייניקן דאָס הויז פון די אידישע שרייבער.

מיט דרך ארץ און פאַרערונג

משה בירנבוים.

875 איסט 180טע סטריט, ניו־יאָרק.

און אָט איז אַ צווייטער בריוו:

דעם 19טן אַפּריל, 1944.

זייער חשוב׳ער הער חיים ליבערמאַן!

איך בין אַ פּאָלקס־מענש וועלכער האָט ליב דאָס אידישע וואָרט, און בין אַלעמאָל פאַראינטערעסירט צו לערנען און פאַרברייטערן מיין וויסן, דורך לייענען די אידישע ליטעראַטור און פּרעסע.

איך פֿאָלג נאָך ווי ווייט מעגלעך די ניי־דערשינענע ביכער און די פּרעסע, און איך האָב זיך באַלד גענומען לייענען אייער לעצטן בוך „אידן און אידישקייט ביי זשיטלאָווסקי'ן" און איך דענק, אַז דאָס איז אַ קונסט־ווערק. דער בוך צייכנט זיך אויס דערמיט וואָס ער איז זייער אויספּירלעך. איר ווייזט אָן שוואַרץ אויף ווייס אַז זשיטלאָווסקי האָט פֿאַרפּירט אַ גאַנצן דור.

עס האָט מיך אויך פֿאַראינטערעסירט צו לייענען דעם „צד כשנגד", און איך האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף די אַרטיקלען וועלכע זיינען געווען פֿון פּריער אַנאָנסירט. איך האָב דערוואַרט, אַז די קעגנער זאָלן מיט פֿאַקטן דערווייזן זשיטלאָווסקי'ס פֿאַרדינסטן. איך האָב געמיינט אַז עס וועט זיין אַן אמת'ער וכוח און איך האָב געהאָפֿט אַ סך צו לערנען פֿון אים.

נאָר ווי ביטער איך בין אַנטוישט געוואָרן! איך האָב זיך געשעמט, פּשוט געשעמט מיט מיין אידישער פּרעסע און מיט מיין אידישער ליטעראַטור.

זיינען דאָס אונזערע שרייבער, דער גייסטיקער נערוו פֿון פֿאָלק, וואָס זייער אויפֿגאַבע איז צו באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור, אויסבילדן דאָס פֿאָלק?

וואָס מיינען זיך אַזעלכע שרייבער, אַז די פּרעסע איז זייערע און די ליטעראַטור איז זייערע און זיי קענען זיך אויפֿפֿירן דאָרט ווי שיכורים אין אַ שענק? זיי האָבן ניט קיין רעכט אָנצוטאָן אַזעלכע חרפּות דעם לייענער. דער לייענער קערט זיך אָפּ פֿון זיי מיט ביטערניש און פֿאַראַכטונג.

אָבער איר, האָט ניט קיין מורא! עס איז זיי ניט געלונגען צו פֿאַרשרייען דעם נאַקעטן אמת וועגן זשיטלאָווסקי'ן, וועלכן איר האָט פֿאַקטיש דערוויזן.

מיט דרך ארץ

ש. אַקסעלראָד.

485 סענטראַל פּאַרק וועסט, ניו־יאָרק.

אַ בריוו און אַן ענטפער

די דיסקוסיעס אַרום אונזער ענין אין די צייטונגען און ביכלעך דערציילן נאָך ניט די גאַנצע געשיכטע פון דעם גייסטיקן קאַמף אַרום דעם זשיטלאָווסקי־ענין. דער קאַמף האָט אויך אַ צווייטע פאַזע, אַ שטילע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין פּריוואַטע בריוו, בריוו פון פּאָלקס־מענטשן און בריוו פון שריפטשטעלער און גייסטיקע פירער, וועלכע נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע. וואָס עס ווייזט ווי טיף דער ענין האָט אָנגערירט. עס רודערט זיך, עס יוירט. דער אידישער גוף שפּייט אויס פון זיך דעם גיפט פון אַ דור.

איך האָב דערהאַלטן אַ פּאַק מיט אַזעלכע בריוו. פון אייניקע פון זיי, געשריבן פון באַוואוסטע שריפטשטעלער און הויכגעשטעלטע מענטשן פון גייסט, וועל איך ציטירן. איינעם וועל איך דאָ געבן און באַהאַנדלען אויספירלעך.

איך גיב ניט אָן די נעמען פון די שרייבער, כדי זיי זאָלן ניט, ווי איך, באַפאַלן ווערן פון אונזערע פען־טעראָריסטן.

אַ באַרימטער פּובליציסט שרייבט מיר: „איך בין נאַטירלעך פון פריער מער־ווייניקער באַקאַנט מיט דער פאַרדאַרבלעכער און זעלבסט־האַסערישער „פילאָזאָפיע" פון דר. זשיטלאָווסקי, אָבער ווען מען לייענט די סומאַציע אין איין ביכל אַזוי גוט געשריבן ווי אייערער איז, הויבט זיך פּשוט דער מוח".

אַ העברעאיש־אידישער שריפטשטעלער שרייבט: „עס איז שוין צייט געווען אָפּצורייניקן דעם אידישן נאָמען פון דעם שמוץ וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן. איר האָט עס געטאָן. איר האָט מקדש השם געווען".

אַ שריפטשטעלער און געלערטער, וואָס איז אַליין יאָרנלאַנג געשטאַנען נאָענט צו זשיטלאָווסקי'ן און האָט געאַרבעט אין זיין לאַגער, שרייבט: „איך מוז דאָ דערמאָנען די מעשה מיט קאָלומבוס'ן און דער איי: אַזוי פּשוט, און דאָך אַן אַנטדעקונג".

אַ העברעאישער שריפטשטעלער שרייבט: „אל יפול רוחך עליך, סופר ביקר, על פטפוטי ודברי חסרי טעם ודעת של ש. ניגר שחס על כבודו של זיטלובסקי וקם כגואל להציל את כבודו. אין איש

שישים לב לדברי ניגר שגם הוא לא היה מרבה במחיר עמו, תורתו ושפתו אף ספרותו, בשעה שהיה עומד אל המקח והקנין, ולא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב וכו'. דע לך כי העם בשדרותיו הרחבות הוא עמך ולא עם ש. ניגר וסיעתו ב„טאָג". כל עברי, יהודי הנאמן עם אלהיו, מסור בכל נפשו אל עמו, דתו, תורתו, שפתיו — תרתי משמע — מושיט לך ידו החמה ולוחץ את ידך באהבה וחבה".

אַ באַרימטער רב פון ניו־יאָרק שרייבט מיר: „קבלתי ספרו החשוב ע"ד זשיטלאָווסקי... ולקחתי לי מועד וקראתי את ספרו זה מהחל ועד כלה ממש, בלי דילוג אף שורה אחת, ועלי להודות כי אמנם יש תועלת בוכוח כעין זה, יען כי כנראה אסף זש. אנשים סביבותיו שהלכו לאור חשכו והשאיר תלמידים אחריו... בתאוה פראית סאַדיסטית לקלל את ישראל ואלקיו נברא כנראה האיש זשיט־לאָווסקי, והתאוה הזאת לא הרפתהו עד מותו, אבל התגלה כפילוסוף יוצר שטות על שטות. ודא עקא כי בדור תועה מצא מחזיקים בידו, וכדי להחליש את הרעל הזה בידי אנשים כמותו נאה ויאה ספרו כעין ספר „נגד אפיון" . . . והראיה כי עתון יומי כה„טאָג", שמתימר ללאומי, לציוני, לליברלי וכו' התימר לתת מקום להרעל הזה. אוי לאותה בושה!"

און אַ גרויסער רב אין שיקאַגאָ, אַ גאון בישראל, שרייבט מיר, אַז ער האָט געלייענט מיין ביכל און דערנאָך ש. ניגער'ס אַרטיקלען, און ער געפינט אַז „ניגער האָט מיט גאָרניט אָפּגעשלאָגן אייערע טענות".

דאָ איז, אויב מ'וויל, געוועזן אַ דין תורה, כאָטש ניט קיין פאָרמעלער. אַ רב ומורה בישראל האָט געלייענט די טענות פון ביידע צדדים און האָט אַרויסגעטראָגן אַ פסק דין.

און איצט ברענג איך דאָ אַ פולן לאַנגן בריוו און דוקא מיטן נאָמען פון דעם שרייבער. איך גיב אַרויס זיין נאָמען אָן מורא, ווייל ער האָט זיך שוין, אין די אויגן פון אונזערע פּען־טעראָריסטן, סיי־ווי אַמאָל „מטמא" געוועזן מיט אַ קריטיק אויף געוויסע פאַזן פון דעם זשיטלאָווסקיזם, אין אַ סעריע פון פיר אַרטיקלען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", אָנהויבנדיק דעם 29טן מערץ, 1940, און אין די ווייטערדיקע דריי וואָכן.

דאָס איז דער שריפטשטעלער און פאָרשער פון פאָלקלאָר אוריה קאַצענעלבאָגן. ער שרייבט:

5טער יאַנואַר, 1944.

פריינד ליבער — חיים ליבערמאַן:

איך האָב דערהאַלטן דאָס בוך אייערס וועגן זשיטלאָווסקי'ן און — וואָס

זאָל איך זאָגן ? וועל אייך זאָגן אָפן, אַז ערטערווייז פאַרדריסט זיך, פאַרוואָס מען האָט הנאה לייענענדיק. איר ווייסט אַליין, אַז איר שרייבט שיין און אַ שיין־שרייבער טאָר ניט זיין קיין פּאָלעמיסט. זאָל אַ פּאָלעמיסט בעסער האָבן אַ שטומפּיק, ניט־געפּוצט, רייסנדיק פּען, ער זאָל נעמען דעם לייענער מיט זיינע אַרגומענטן, מיט זיין מאַנעריי און אָפּפרעגעניש. אַ לירישע פּען, ווי אייערע, מיין איך, פּאַסט מער פאַר פאַרגעבונג, מיטפילנדיקער פאַרשטענדעניש פאַר אַ צווייטנס אַ ווידערשפּרוך אָדער טעות'דיקער מיינונג. די ליריק פון אייער שפּראַך, פאַר־שטאַרקנדיק די פּאָלעמישע אָנפאַלן, פאַרשעמט אייער פּען.

און צום ענין טאַקע.

אייער מיינונג, אַז אידישקייט מיינט דווקא פרומקייט און אמונה איז, פאַר־שטייט זיך, ניט צו דערווייזן מיט לאָגיק און ראיות. אונזערע טאַטעס און זיידעס, גאַטספאַרכטיקע אידן און לומדים, האָבן וועגן דעם אין אונז געגנוג אַריינגערעדט. איך האַלט, איר ווייסט אַליין, אַז איר וועט דאָ גאָרניט מחדש זיין. זיי אָבער האָבן דאָך געהאַלטן זייערע קינדער און אייניקלעך פאַר אידן. און וואָסער גליק וועט זיין, אַז איר וועט שוין יאָ דערווייזן, און אַז זיי אַליין וועלן גלויבן, אַז די ניט־גלויביקע און ניט־פרומע זיינען מער ניט קיין אידן ? די אַלע פילן וועגן פרומ־קייט און גלויבן, וואָס איר וואַרפט אין זשיטלאָווסקי'ן און זיינע פאַרערער, פליען נוצלאָז אין דער וועלט אַריין.

איך גלויב ניט, צי האָבן וועלכן ווירקנדיקן איינפלוס געהאַט זשיטלאָווסקי'ס ווערטער, אַז מען מעג געהערן צו אַן אַנדער אמונה און פאַרבלייבן אַ נאַציאָ־נאַלער איד. אידן האָבן, חלילה, צוליב דעם זיך ניט גע'שמד'ט, און גוים האָבן ניט צוליב דער טעאָריע זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אידישער נאַציע. דאָס איז געווען ביי זשיטלאָווסקי'ן בלויז אַן עקסטרעמער ביישפּיל, ווי אידישע וועלטלעכקייט דאַרף פאַרשטאַנען ווערן. וואו איז דאָס שלעכטס אין דעם ? ווי אַזוי איר האָט באַטיטלט זשיטלאָווסקי'ס מיינונג „אַ רוף צו שמד", איז אַ ווייטיק און אַ לעסטערונג.

זשיטלאָווסקי'ס אַרטיקלען וועגן אידישער, צי בכלל נאַציאָנאַלער, בלוט־ירושה'דיקייט זיינען, לויט מיין איינדרוק, געווען ניט קלאָר געשריבן. זיי זיינען גיכער געווען אַ ניט־קלאָרער געשפּרעך מיט זיך אַליין, איידער אַ באַלויכטונג פון וועמענס טעאָריעס. אָבער האָבן זיי אַפּנים געלאָזט וועלכע שפּורן אין דעם געדאַנקענגאַנג פון זיינע סאַמע הייסע חסידים אפילו ? איז וואָס דאָ פאַראַן איצט וועגן זיי צו אַרגומענטירן ? אָבער ווי קען מען דאָס זאָגן, אַז „זשיטלאָווסקי'ס רעצעפּט איז אויסצולײדיקן אידן פון זייער אידישן אינהאַלט" ? אַלע ווייסן, אַז די יעניקע, וואָס זיינען געוואָרען זשיטלאָווסקי'ס פאַרערער, זיינען, חלילה, דורך אים ניט געטריבן געוואָרן זיך אויסצולײדיקן פון אידישן אינהאַלט. איז דאָך פונקט פאַרקערט גאָר.

יאָ, זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טרעגער פון דער אייראָפּעאישער קולטור אין דער אידיש־רעדנדיקער גאַס, אין אַמעריקע געוויס.

איז וואָסער „עבודה־זרה" האָט ער דורכדעם געבראַכט צו אונז? איז ניט „אייראָפּעאישע קולטור" אַ קאָנגלאָמעראַט פון אַלע קולטורן, אידישע אַריינגע־רעכנט? שטייען מיר ניט אין בלוט און אין פייער היינט באַשיצנדיק אייראָ־פּעאישע קולטור קעגן אירע באַרבאַרישע אומברענגער? איז ניט די אַמעריקאַנער קולטור די אויסשפּרייטונג פון דער אייראָפּעאישער? אָבער יאָ אייראָפּעאישע קולטור, צי קעגן, צו וואָס דאָס באַפאַלן זשיטלאָווסקי'ן (און אפילו, ווי איר זאָגט, מיט „זיין חדר") מער, איידער דעם גרויסן רוב אונזערע אידישע שרייבער און געלערנטע, אויך די, וואָס זיינען זשיטלאָווסקי'ס קעגנער? זשיטלאָווסקי האָט, חלילה, אויך ניט ווינציקער געשעצט די אידישע גייסטקע קולטורעלע אוצרות, איידער די אַלע אַנדערע.

זשיטלאָווסקי'ס גרויסקייט איז געווען אין זיין צעצונדענער און ציגנדיקער פּאַרערונג צו אידיש. און מער — ער האָט צו אידיש אויסגעדריקט זיין דרך־ארץ און שטאַרקע צוגעבונדנקייט ניט דורך לויב־זאָגעניש, נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט אין אידיש געשריבן, ווי אַ גלייכער צו גלייכע, וועגן געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. ער האָט געבראַכט צו אידיש אין פּולער מאָס זיין בילדונג און פּילזייטיקע טיפע קענטעניש. איז ער דאָך געווען ביי אונז כמעט דער ערשטער אין דעם פּרט און האָט באַאיינפלוסט שיר ניט אַלע די, וואָס שרייבנדיק אידיש, פאַרפלאַכן ניט זייערע אידייען. זיינען מיר דאָך אַזוי מיד געווען פון כסדר'דיקן פאַרפלאַכטן לייען־שטאָף אין אידיש, אַז די האַרבע עברי צומאָל פון זשיטלאָווסקי'ן איז פאַר אונז געווען אַ דערפרישונג.

אָבער דאָ קום איך צו אַ פּינטל, וואָס וועט אייך אפשר גאָר איבערראַשן. דווקא דאָרטן, וואו זשיטלאָווסקי'ס טעאָריעס דאַרפן צום שטאַרקסטן און גרינט־לעכסטן באַשטריטן ווערן, זייט איר צו קורץ און, ערטערווייז, אויסמיידנדיק און פּשרה'דיק. זשיטלאָווסקי'ס דרך־ארץ און פאַרליבטקייט אין אידיש שטעלט אונז אַוועק, דוכט מיר, פאַר אַן אָפּגרונט. אידיש איז אויפגעקומען ביי אידישע הענדלער, ביי אידישע בעלי־מלאכות, כלי־קודש און לומדי־תורה, ביי דער אידישער אָרימקייט און אידישע באַלעבאַטישע הייזער. האָבן אָפּשיי פאַר אידיש און פאַר־אַכטן אידישע פּרנסות, די אידישע מחיה, אידישע גאַנצע און האַלבע חיונה, דעם ביסן פון דער פאַרדעקטער אידישער נויט — אָט די זשיטלאָווסקיאַנישע צעשפּאָלטנ־קייט מוז גאָר שטאַרק באַקעמפט ווערן.

אידיש גופא, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל צער און רחמים, געזונטן הומאָר און ערלעכע פּשטות, איז פאַר מיר די בעסטע ראיה, אַז דאָס פאָלק, ביי וועמען אָט דער לשון איז אויפגעקומען, האָט געהאַט אַן אָרים לעבן, אָבער אַן ערלעך. דער אידישער בעל־מלאכה, דער קאַראַבעלניק, צי גראָשנדיקער שטעטלשער קרע־מער, — און זאָל אפילו זיין דער שענקער, — זיי אַלע האָבן ניט געשטיצט זיך אויף מלוכה־פּריווילעגיעס און ניט אויף דער פּריינטשאַפט פון רוסישן פּאָפּ, צי קאַטוילישן אָדער פּראָטעסטאַנטישן גלח. אויף וויסטע שליאַכן זיינען געשטאַנען די אידישע קרעטשמעס, אין אַ ים גויאישע דערפער — אידישע שטעטלעך. און

האָט די אַרומיקע באַפעלקערונג געדולדעט די אידן צווישן זיך, איז ווייל אידן האָבן ביליקער אויסגעפירט זייערע עקאָנאָמישע פונקציעס, איידער אַנדערע. אידן האָבן געגעסן אַן אָרימערן ברויט, ווי עס האָט זיי געקומט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג פאַר זייער מי און מאַטער. און מער, די רעכטלאָזע אידן האָבן אַלס געברויכער (קאָנסומענטן) געצאָלט פאַר זייער ברויט, פאַר זייער גאָרן באַדאַרף, ווי אויך פאַר באַנוצטער אַרבעט פון ניט־אידן טייערער, איידער די אַרומיקע מענשן.

און פאַרוואָס וואַרפט מען זיך אַזוי־פאַסקודנע מיט פאַראַכטונג אויף אַמאָליקן אידישן פאַרמיטלער צווישן פריץ און פויער? און אַז אַ צאָל אידן האָבן געהאַט אָט די ביטערע פרנסה, איז וואָס? דער פריץ האָט אויסגענוצט די טויגבאַרקייט פון אידן, אָבער דער איד האָט אויך אויסגעמאַכט דעם פויער ביליקער, איידער דער ניט־אידישער פאַרמיטלער אין לענדער שכנישע און ווייטע. דער איד איז ניט געקומען אַזוי האַרטהאַרציק צום פויער, ווי דער ניט־איד. און אידישע גבירים, קאַפּיטאַליסטן? — זיי זיינען געווען מער פּראָדוקטיוו (זאָגט „קאָנסטרוק־טיוו", אויב איר ווילט) אין דער אַרומיקער ווירטשאַפט, איידער די ניט־אידישע רייכקייט־באַזיצער, און דערפאַר האָט מען די דאָזיקע אידן געדולדעט און זיי האָבן געקענט דערווערבן זייער קאַפּיטאַל. וואָלטן אידן געפירט אַ „פּאַראַזיטיש" לעבן, וואָלטן זיי אומערלעך אָדער עקאָנאָמיש־לעסטיק געווען פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די אַרומיקע מענשן, וואָלט מען אונזער פאָלק אויסגעקוילעט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אַז קיין שריד ופליט וואָלט פון אונז לאַנג שוין ניט פאַרבליבן. אָדער — עס וואָלט צו שחיטות ניט דערגאַנגען גאָר. מען וואָלט פשוט ניט דערלאָזט אידן זיך פאַרוואָרצלען אין קיין לאַנד און זיך ערגעץ דערווערבן אַן עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. זיינען אידן דאָך ניט געקומען אין זייערע וואוינלענדער מיט פייער און שווערד.

דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם, ער איז פאַראַזיטיש פאַר יעדן לאַנד, וואו ער קומט אויף און דערפאַר מוז ער שטיצן זיך אויף געוואַלט, אויף פריווילעגיעס, אויף מאָרד און אויף ניט־אָפּשטעלנדיקער העצעריי. אַנטיסעמיטיזם פון יעדן לאַנד זינקט אַרונטער, אָדער הויבט זיך אָן, פון עלילת־דם, ברינימער־פאַר'סמ'ונג און זקני־ציון פראָטאָקאָלן. וואָלטן אידישע פרנסות געווען „פּאַראַזיטיש", צו וואָס וואָלטן די אידין־שענדער באַדאַרפט די גבזה'דיקע בלבולים, אין וועלכע זיי גלויבן אַליין ניט?

אָבער פאַרוואָס רופט איר דווקא זשיטלאָווסקי'ן „אַ איד קעגן אידן" און לאָזט אויף אים פאַלן אַ צונאָמען — אַ פאַרשוועכונג נאָכצוזאָגן — „אַנטיסע־מיט"? אַ פאַראַכטונג קעגן אידישע אַרבעטן און באַשעפטיקונגען איז אַריינ־געיאָגט געוואָרן אין זיין האַרצן, ווי אין די הערצער פון אַנדערע אידן — פון די משכילים אָן — צווישן ראַדיקאַלן און אידן נאַציאָנאַלע און אַסימילירטע. האָבן זיי כמעט אַלע ווי ער, געררופן אידן זאָלן איבערגיין צו ערד־אַרבעט, ניט בלויז כדי אידן זאָלן האָבן אַ זאַטערע און מער זיכערע חיונה, נאָר אויך זייער חיונה

צו „פאַרערלעכן". איר אַליין, פריינט ליבערמאַן, שרייבנדיק וועגן אָדער קעגן זשיטלאָווסקי'ן, פלעגט דאָך קוים באַרירן זיין לעבנסלאַנגע פאַראַכטונג צו די אידיש־עקאָנאָמישע פונקציעס אין די לענדער, וואו אידן לעבן. דער דאָזיקער פאָראורטייל זשיטלאָווסקי'ס מוז באַשטריטן ווערן. און האָט מען עס ניט געטאָן געגנוג פאַר זיין לעבן, זאָל מען עס טאָן אין טרויער אויף זיין טויט. אַרויסרייסן זיין פאַראַכטונג צו אידישע פרנסות דאַרף מען דווקא דערפאַר, מיין איך, ווייל איך האַלט, אַז מען דאַרף אים לייענען און מען האָט אויך אַ סך פון אים צו לערנען. אָט אַזוי־אָ פאַרשטיי איך דעם ויכוח מיט זשיטלאָווסקי'ן.

אָבער מיין בריוו האָט זיך פאַרצויגן אַזוי לאַנג. זאָל ער זיין אַ תשובה אויך אויף די אַנדערע פאָלעמישע שריפטן אייערע, וואָס איך האָב ווען געלייענט. נו, איז דאָך מיין פען אַ שטומפּיקערע, איידער אייערע, מעג איך דאָך פאָלעמיזירן. האָב איך עס געטאָן.

און פאַרבלייבט מיר געזונט, אייער

אוריה קאַצענעלבאָגן.

דערדאָזיקער בריוו איז אינטערעסאַנט פון אַ סך שטאַנדפונקטן.

קודם כל לאָמיר באַזייטיקן דעם פונקט אַז „אַ לירישע פען" פּאַסט ניט פאַר אַ פאָלעמיסט. דאָס איז ניט קיין ריכטיקע טענה. ס'איז ניט קיין חסרון, ס'איז אַ מעלה. היינריך היינע איז געווען אַ גרויסער ליריקער און אַ גרויסער פאָלעמיסט. קאַצענעלבאָגנ'ס בריוו אַליין איז פול מיט ליריזם. אידישער גורל איז ניט קיין זאַך פאַר קאַלטער לאָגיק אַליין. אָט איז ניגער שוין אַרויס פאַרטיידיקן זשיטלאָווסקי'ן מיט אַ שטומפּיקער פען, איז וואָס האָט ער פועל געווען?

נאָר דער תוך פון קאַצענעלבאָגנ'ס בריוו: איז ער אַ פאַרטיידיקונג פון זשיטלאָווסקי'ן? ניין. וואָס שייך זיין „אידישער עקאָנאָמיק" איז עס דירעקט אַן אָנקלאַגע. דאָ פאָדערט דער בריוו אפילו נאָך מער. וואָס שייך די אַנדערע זאַכן איז דער בריוו גיכער פון אַלץ אַן אַפּאָלאָגיע, אַ געבעט־שריפט פאַר פאַרשטענדיקונג און מיטגעפיל און פאַרגעבונג פאַר „ווידערשפּרוכן" און „טעות'דיקע מיינונגען", וועלכע האָבן סיי־ווי קיינעם ניט באַווירקט.

איז גוט וואָס מיר האַלטן שוין אַזוי וויט, אַז אין זשיטלאָווסקי'ס אייגענעם לאַגער איז מען מודה די טעות'ן און ווידערשפּרוכן. דאָס איז שוין אַ גרויסע דערגרייכונג. האָט דער קאַמף סוף־כל־סוף געבראַכט רעזולטאַטן. נאָר כדי דער פרידן זאָל געוואונען ווערן איז נויטיק גוט צו פאַרשטיין די סיבות פון דעם קריג. און דער בריוו ווייזט ניט אַרויס אַזאַ קלאָרע פאַרשטענדעניש.

ווידעראַמאָל מיין טענה: אפילו זשיטלאָווסקי׳ס פּאַרערער האָבן זיין תורה ניט געקענט . . .

עס נוצט ניט צו ווען צערייבן די זאַך צווישן די פינגער און זאָגן: דאָס האָט ניט געהאַט קיין „ווירקנדן איינפלוס״ (אַז מ׳קען זיין אַ נאַציאָנאַלער איד און געהערן צו אַן אַנדער אמונה), אָדער אַז דאָס איז געווען „ניט קלאָר געשריבן״ (די טעאָריע פון „בלוט־ירושה׳דיקייט״), און נאַאיוו פרעגן: „וואו איז דאָס שלעכטס אין דעם״?

מיט דידאַזיקע צוויי, כלומרשט אומשולדיקע זאַכן האָט מען — אין אונזער פאַל זשיטלאָווסקי — געוואָלט אַריבערשטעלן דאָס אידישע פאָלק אויף נייע יסודות און אַריבערפירן די אידישע געשיכטע אויף נייע רעלסן. איז דאָס עפּעס אַ קלייניקייט?

געגוי דערין איז באַשטאַנען זשיטלאָווסקי׳ס לעבנסאַרבעט, צו באַווייזן אַז מ׳קען זיין אַ איד און אַ קריסט, אַ איד און אַ מאַכמעדאַנער א. אַ. וו. איז דאָס אַ קלייניקייט? דאָס איז ביי אים ניט געווען בלויז אַן „עקסטרעמער ביישפּיל״, נאָר דער הויפּט עיקר. און ס׳איז אויך ניט געבליבן אָן אַ „ווירקנדן איינפלוס״: שלום אַש׳ס קריסטלעכע באַמיאונגען זיינען אַ פּראַקטישע אָנווענדונג פון זשיטלאָווסקיס׳ טעאָריע. און ס׳איז ניט קיין צופאַל וואָס אַלע פּאַרטייּדיקער פון זשיטלאָווסקי׳ן, איינער ווי איינער, זיינען אויך די פּאַרטיידיקער פון אַש׳ס קריסטלעכע ווערק. דער צד השוה שבהם איז — דאָס אָוועקציען פונם היסטאָרישן אידישן דרך. איז קאָלעגע קאַצענעלבאָגן בטוח אַז דאָס וועט אין ערגעץ ניט פירן? מיט איידייען שפּילט מען זיך ניט. דאָס זיינען פונקען וואָס קענען ברענגען גרויסע שׂרפות.

אין דער פראַגע פון רעליגיע האָט זיך זשיטלאָווסקי אָפּגעטיילט פון אַנדערע אידישע ראַדיקאַלן אין אַ וויכטיקן פּרט. יענע האָבן געקעמפט קעגן עצם רעליגיע, פאַר פרייען געדאַנק. זשיטלאָווסקי האָט ניט באַקעמפט רעליגיע בכלל. ער האָט גראָד געזען אין רעליגיע אַ וויכטיקן יש. ער האָט אָבער געקעמפט קעגן דער „חוצפה״ פון דער אידישער אמונה וואָס זי וויל האָבן אַז נאָר דורך איר איז מען אַ איד.

ער האָט געוואָלט איבערקערן דעם סדר העולם און ער האָט אַזוי גע׳דרש׳נט: לעולם איז מען אַ איד אָן אידישער אמונה, נאָר אַ גלויביקער איד איז אויך אַ איד. און די גלויביקע אידן מעגן געדולדיקט ווערן אין אידישן פאָלק אויפן סמך פון טאָלעראַנץ, פון „רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך״. און ווייל רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך קען אַ איד זיך אויסקלייבן וועלכע רעליגיע ער וויל. קיין אָרגאַנישע

שייכות צווישן אידישן פאָלק און דער אידישער אמונה האָט זשיט־לאָווסקי ניט אָנערקענט.

ס׳איז אָבער יאָ דאָ אַזאַ שייכות. אין דעם פּרט איז דאָס אי־דישע פאָלק איינציק צווישן די פעלקער. אידן אַליין האָבן אין זייער אמונה אַ נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג. אָן אַ לאַנד און זי האָט די קאָנקרעטע סאָלידקייט פון אַ טעריטאָריע. אָן אַ שטאַט און זי האָט די געביטערישקייט פון אַ מלוכה. אידן מיט אידישקייט זיינען אַלץ, אָן אידישקייט זיינען זיי גאָרניט. מ׳קען ניט אָפּטיילן דאָס אידישע פאָלק פון דער אידישער אמונה פּונקט ווי מ׳קען ניט, אין אַ מענשן, אָפּטיילן און אָפּקלייבן דעם טאַטנ׳ס חלק און דער מאַמעס חלק.

דער איד אָן דער אידישער אמונה איז אַ נייער טיפּוס אין אונ־זער געשיכטע און ער ווייס נאָך אַליין ניט מה טיבו. דער דור וואָס האָט אָנגעהויבן דעם עקספּערימענט איז אַליין קיין ראיה ניט פאַר זיך. ווייל ער איז נאָך געווען אין אידישקייט. די פראַגע וועט זיין די נאָכקומענשאַפט. וועט ער מסוגל זיין איבערצולאָזן אַ נאָכקומענ־שאַפט דעם אידישן פאָלק? און דאָ האָט די געשיכטע ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף איר פּסק־דין. וואָרים אין בית אשר אין שם מת...

אַז אידישקייט מיינט דווקא פרומקייט און אמונה, איז יע צו דערווייזן מיט לאָגיק און ראיות — מיט דער לאָגיק און מיט די ראיות פון טויזענטער יאָר אידישער געשיכטע. געשיכטע איז אַ ראיה. און די אידישע געשיכטע האָט אַ לאָגיק. אַז ס׳איז ניט אַזוי האָבן געדאַרפט דערווייזן די ניט־גלויביקע און ניט־פרומע. דאָס האָט זשיטלאָווסקי זיך אונטערגענומען צו טאָן פון זייערטוועגן און זיינעטוועגן. דערפאַר איז ער געוואָרן זייער אידעאָלאָג און זייער רבי. זייער משה רבינו. זייער „ריש־גלותא״ — נאָך „מער ווי אַ ריש גלותא״ — ווי עס האָט אים געקרוינט ניט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער בר־סמכא לעאָן קאָברין אַליין (לויט אַ באַריכט אין דער „מאָרגן פרייהייט״, מאַי 25, 1944).

פאַרוואָס עפּעס ריש־גלותא? מסתמא דערפאַר וואָס ער האָט זיי געזאָלט אַרויספירן פון דעם גלות פון דער אידישער אמונה.

ער האָט זיך שטאַרק געמיט דאָס צו טאָן און צערייסן דעם חוט המשולש פון גאָט, תורה, איד, מיט זייערע דרייצן עיקרים. און ער און זיינע תלמידים זיינען געווען זיכער אַז דאָס איז אים געראָטן.

אָבער ס׳איז אים ניט געראָטן. ער האָט זיך נאָר פאַרבלוטיקט די פינגער. און דאָס האָט געדאַרפט קלאָר געמאַכט ווערן. און אַז דאָס איז קלאָר געוואָרן ווייסן איצט די ניט־גלויביקע און ניט־פרומע וואו זיי האַלטן אין דער וועלט. זיי ווייסן, אַז זיי זיינען גע־בליבן הענגען אין דער לופטן. זיי האָבן מער ניט קיין יסוד אונטער

די פיס. זיי מוזן זוכן אַ נייע אָריענטאַציע פאַר זיך. די אַלטע האָט באַנקראָטירט. זיי שטייען צוריקביים אָנהויב, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

די דריי און די דרייצן האָט ער „אָפּגעשאַפט" און האָט אויפגעשטעלט אייגענע צוויי. בלויז צוויי. פשוט און גרינג! ער האָט זייער גרינג געמאַכט דעם עול פון אידישקייט. אַזוי גרינג ווי — געבוירן צו ווערן. בלויז ווען מען ווערט געבוירן אַ איד איז מען אַ איד, האָט ער געזאָגט.

צו דעם גענעטישן פאַקטאָר פאָדערט זשיטלאָווסקי בלויז נאָך איין היסטאָרישן פאַקטאָר: די אידישע שפּראַך. מ'זאָל ריידן אידיש. און וואָס זאָל מען ריידן אין אידיש? די „אייראָפּעאישע קולטור" זאָל מען ריידן...

דעם ה' אחד האָט ער פאַרביטן אויף אַן אַנדער אחד — אידיש. און דאָס איז געווען זשיטלאָווסקי'ס גאַנצע „אידישקייט".

און נאָך האָט קאָלעגע קאַצענעלבאָגן פאַראיבל למאי איך האָב געזאָגט אַז „זשיטלאָווסקי'ס רעצעפּט איז אויסצולייזיקן אידן פון זייער אידישן אינהאַלט".

„וואָסער גליק וועט שוין זיין — פרעגט דער שרייבער פון דעם בריוו — אַז איר וועט שוין יאָ דערוויזן... אַז די ניט־גלויביקע און ניט־פרומע זיינען מער ניט קיין אידן?" אַז די ניט־גלויביקע און ניט־פרומע זיינען מער ניט קיין אידן האָט נאָך דער־וויל קיינער ניט געזאָגט. ווייניקער פון אַלעמען טאַקע „אונזערע טאַטעס און זיידעס", די „גאָטפאָרכטיקע אידן און לומדים". אָבער ס'איז דאָך ניט צו לייקענען אַז דידאָזיקע גאָטפאָרכטיקע אידן און לומדים האַלטן „זייערע קינדער און אייניקלעך" פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטן דור. און זיי וואַרטן זיי זאָלן זיך אומקערן אויפן „ריכטיקן וועג".

נאָר וואוהין זיי וועלן פאַרגיין אויב זיי וועלן זיך ניט אומקערן, קען נאָך קיינער דערווייל ניט זאָגן.

כאָטש זשיטלאָווסקי האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט אַ ווייטערדיקן וועג. וויסנדיק זייער גוט אַז מענשן קענען ניט אייביק לעבן אין אַ חלל, האָט ער זיך ניט פאַרזאַמט צו רופן דעם אַנט־אידישטן דור צו דער אייראָפּעאיש־קריסטלעכער קולטור. דערביי האָט ער ניט, ווי קאַצענעלבאָגן מיינט, „געשעצט די אידישע גייסטיקע קולטורעלע אוצרות ניט ווייניקער ווי אַנדערע". און עס זאָגט דאָך עפּעס וועגן דעם דור וואָס איז געווען ווילִיק זיך צוצוהערן צו אַזאַ תורה.

אין היפּנאָז, כדי עס זאָל ווירקן, מוז דער אַנדערער צד אויך וועלן...

פון גערמאַנישער טראַגיק און איטאַליענישער קונסט וועט ניט זיין קיין אידיש פאָלק, קאָלעגע קאַצענעלבאָגן.

זשיטלאָווסקי איז אפשר גאָרניט מסוגל געווען צו פילן דעם טעם פון דער אידישער אמונה און איר באַדייטונג פאַרן אידישן פאָלק. ער האָט ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט פאַר איר. „איך האָב אין מיינע אינגל־יאָרן — דערציילט ער — ניט געהאַט קיין ברעקל רעליגיעזן גלויבן, קיין רעליגיעזע איבערלעבונגען און הייליקטימער, וואָס וואָלטן באַדאַרפט „פאַרשוועכט" ווערן אין דעם ליכט פון מיין אַטעאיסטישן מאַטעריאַליזם און פאַרוואַנדלט ווערן אין „טומאה". און דאָס — ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ פרום אידיש הויז, ביי זייער און זייער פרומע אידישע עלטערן" („זכרונות", ב. 1, ז. 136).

ער האָט ניט איבערגעלעבט קיין שום אידישע קדושה און קיין שום אידישע „טומאה". ער איז געווען אַ בלינדער. איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס ער האָט ניט געזען דעם רעגנבויגן. ס'איז אויך ניט קיין חידוש וואָס ער האָט געזאָגט, אַז קיין רעגנבויגן איז בכלל ניטאָ. ס'איז נאַטירלעך אַזוי פאַר בלינדע.

זיך אָפּרייסן פון דעם היסטאָרישן דרך פון אַ פאָלק איז ניט קיין פשוט'ע זאַך. און דער דור וואָס האָט אָפּגעבראָכן מיט דער היסטאָרישער אידישקייט און איז אַרויס „לתרבות רעה" האָט דורכגעמאַכט אַ טיפע דראַמע. ער איז געווען באַלאַדן, און איז אפשר געבליבן באַלאַדן, מיט אַ שווערן שולד־געפיל. דער וועג איז געווען אַ יסורים־וועג.

אויך דערפון האָט זשיטלאָווסקי ניט געוואוסט, ווי ער אַליין דערציילט. „וואָס איז שייך די אינווייניקסטע יסורים — לייענען מיר ביי אים — ווען עס ווערט צונויפגעבראָכן אַן אַלטע געדאַנקען־וועלט און אַ נייע פאַרנעמט איר פּלאַץ, בין איך אינגאַנצן געווען פריי פון זיי, ווייל ביי מיר איז גאָרניט פאָרגעקומען קיין וועלכער עס איז איבערבראָך אין דעם וועלט־באַנעם" (דאָרט).

אפילו פון די יסורים פון זיינע אייגענע תלמידים און חסידים האָט ער קיין השגה ניט געהאַט. אין זיין אייגענער וועלט איז ער אויך געווען אַ „דרויסנדיקער און פרעמדער".

מ'מעג גיין נאָך אַ שריט ווייטער און זאָגן, אַז אפילו צו זיין אייגענער תורה האָט ער ניט געפילט קיין שום קדושה. וואָרים אויב דער תוך פון דעם אידן איז זיין בלוט, דאַרף דאָך אַ נאַציאָנאַליסט שטאַרק היטן זיין בלוט פון אויסמישונג. דאַרף ער דאָך זיין קעגן געמישטער הייראַט. איז זשיטלאָווסקי געווען קעגן געמישטער הייראַט?

דאָס אייגענע איז מיטן צווייטן עיקר פון זיין תורה, מיט דער אידישער שפּראַך. „די קינדער פון דר. זשיטלאָווסקי׳ן — דערציילט אונז דר. שלמה ביקל מיט ווייטיק — פון דר. זשיטלאָווסקי׳ן, וואָס האָט מיין דור געלערנט „פּאַרוואָס דווקא אידיש", קענען און ריידן דווקא ניט קיין אידיש" („טאָג", מאַי 19, 1944).

איז עס דאָך גאָר אַ מחיה!! אי אַ גרינגע אידישקייט, אי מ׳איז ניט מחויב זי צו היטן . . .

וואוהין, קאַלעגע קאַצענעלבאָגן, קענען די „ניט־גלויביקע און ניט־פרומע" דערגיין מיט אַזאַ „אידישקייט"? „אונזערע טאַטעס און זיידעס, גאָטספאַרכטיקע אידן און לומדים" זיצן און ציטערן . . .

און אָן אידישער קדושה, און מיט אַ קאַלטער לאָגיק וואָס איז ניט געווען דורכגענומען מיט קיין טיפע אידישע ווערטן, האָט ער פון זיין ערשטן עיקר געצויגן קאָנסעקווענצן. לאָגישע פאַר אים, אָבער עבודה־זרה־דיקע לגבי אידישקייט, ווי דערווידערדיק דאָס וואָרט זאָל ניט קלינגען פאַר אייך, קאַלעגע קאַצענעלבאָגן . . .

די מאָדערנע עבודה־זרה האָט געפונען איר שטאַרקסטן אויס־דרוק אין דעם בלוט־נאַציאָנאַליזם. און דאָס איז אויך געווען זשיט־לאָווסקי׳ס נאַציאָנאַליזם. און פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער אינגאַנצן גערעכט געווען וואָס ער האָט ניט אָנערקענט קיין גרים פאַר אידן.

ער האָט אויך לאָגיש געצויגן די ליניע ווען ער האָט ניט אָנ־גענומען דעם אידישן אוניווערסאַליזם.

עס קענען ניט זיין קיין גרים און עס קען ניט זיין קיין אוניווער־סאַליזם אויב די פעלקער זיינען צעטיילט אין באַזונדערע, אָפּגעשלאָ־סענע ביאָלאָגישע קעמערלעך.

ס׳איז כדאי צו הערן די זאַך אין זשיטלאָווסקי׳ס אייגענע ווער־טער. אין זיינע „זכרונות" דערציילט ער ווי אַזוי עס האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט זיין טעאָריע פון אינטערנאַציאָנאַליזם און ער שרייבט:

„אָדער שטאַמט גאָר מיין אינטערנאַציאָנאַליזם פון דעם אידיש־רעליגיעזן וועלט־באַנעם, וואָס האָט געהערשט אין אונזער אידישער געדאַנקען־וועלט? אין פלוג קען דאָס געמאָלט זיין . . . אָבער אויך אָט די סברה מוז איך אָפּוואַרפן.

„ראשית, איז מיר די אידישע רעליגיע אפילו אין דער לינקער פאה ניט געלעגן. וואָס דאָרטן איז דאָ אָדער ניטאָ — וועמעס דאגה איז דאָס געווען? געוואָרפן זיך אין די אויגן האָט דער אתה־בחרתנו געדאַנק, און ער האָט „געשטראַלט" אין אַ ריין־שאָוויניס־טישן ליכט.

„השנית, איז די פעלקער־פאַרשיידנקייט אין דעם געוויינטלעכן

אידישן וועלט־באַנעם געוועזן אַ פאַרקריפּלטע. אידן זיינען פאַרשיידן פון די גוים. אָבער אַלע גוים, אַלע „יונים" האָבן געהאַט „איין פנים".

און דריטנס, אפילו דער נאַציאָנאַליזם, אַט דער גרונט־עלעמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, איז אין דער אידישער רעליגיע ניט קיין אַבסאָלוט ריינער. ער איז היפּש דורכגעזאַפּט מיט רעליגיע. ווען ניט־אידן זיינען זיך מגייר, ווערן זיי אידן. די פעלקער וועלן ווערן „אגודה אחת" נאָר ווען זיי וועלן אָננעמען דעם אידישן גלויבן, און דעמאָלט ווערן אַלע איין־איינציק פאָלק, דאָס אידישע.

„אַזוי אַרום איז דער געוויינלעכער אידישער וועלט־באַנעם אָדער שאָוויניסטיש (פאַר איצט) אָדער קאָסמאָפּאָליטיש (לעתיד לבוא)".

נאָך אַ באַווייז, קאָלעגע קאַצענעלבאָגן, ווי הויך זשיטלאָווסקי האָט געשעצט די „אידישע גייסטיקע קולטורעלע אוצרות"...

זשיטלאָווסקי איז געשטאַנען אויף דער ביאָלאָגישער טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם. ביאָלאָגיע איז אַן אייביקע זאַך, אַ נאַטור־זאַך. אייביקע וועגט האָט ער געזען אויפגעשטעלט צווישן פאָלק און פאָלק. און דאָס איז ניט קיין אידישקייט און אויך ניט קיין גוטע אייראָפּעאישקייט.

קאַצענעלבאָגן זאָגט: צוליב זשיטלאָווסקי'ס תורה האָט זיך קיין איד נאָך ניט גע'שמד'ט און קיין גוי איז ניט געוואָרן קיין איד. אויב קיין איד האָט זיך ניט גע'שמד'ט איז דאָס ניט זיין שולד. אין זיין תורה שטייט אַז ער קען זיך שמד'ן. ווען אַ איד זאָל געוועזן קומען צו זשיטלאָווסקי'ן און פרעגן: מעג איך זיך שמד'ן, וואָלט ער דען אים געזאָגט ניין, ווען ער האָט געפּריידיקט אַז מ'מעג? אָדער ווען אַ „זשיטלאָווסקי־רב" וואָלט געדאַרפט פּסק'ענען די דאָזיקע שאלה לויט דעם זשיטלאָווסקי־שלחן־ערוך, וואָלט ער דען געקענט פּסק'ענען אַנדערש ווי מותר?

און ווען אַ גוי קומט צו אַ זשיטלאָווסקי־רב און וויל זיך מגייר זיין, מוז דער רב פּסק'ענען אַז דאָס קען קיינמאָל ניט געשען, ווייל זיין בלוט איז אַנדערע בלוט און קען זיך קיינמאָל ניט בייטן.

דער זשיטלאָווסקי־איד האָט קיין שום וועג ניט ווי אַזוי אַריינצו־לאָזן אַ גוי פאַר אַ קינד פון אידישן פאָלק.

ווי פרעמד דאָס איז דעם גייסט פון אידישן פאָלק! און אַט די טעאָריע — ווערט ניט אין כעס, פריינט קאַצענעלבאָגן — באַרירט זיך מיטן נאַציזם, זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, אָדער דעקט זיך טאַקע אינגאַנצן מיט אים...

און דאָס איז די מאָדערנע עבודה־זרה.

און דער נאַציזם האָט געוויזן אַז די אַלע זאַכן, דוכט זיך ריין־טעאָרעטישע פראַגן, זיינען ניט קיין קאַטאָוועס־זאַכן.

מיט בלויז אַ פערטל אידיש בלוט האָט דער נאַציזם אַנערקענט אַ גוי פאַר אַ אידן און האָט אים אַרויסגעוואָרפן. אַרויסגעוואָרפן פון דייטשישן פאָלק. אין דער וועלט אַריין.

וואָס זאָל ווערן פון אַזעלכע אַרויסגעשטויסענע לויט זשיטלאָווסקי'ס נאַציאָנאַליזם?

מה־דאָך איין פערטל אידיש בלוט מאַכט פון אַ גוי אַ אידן, היינט מיט דריי פערטל גויאיש בלוט קען דאָך איינער אוודאי ניט זיין קיין איד. אַ פשוט'ער חשבון.

וואָס זשע טוט מען פאָרט מיט די אַרויסגעשטויסענע? און די פראַגע איז דאָך ניט גלאַט קיין קאָפּ־אַקראָבאַטיק. זי איז דאָך געווען אַן אַקטועלע פראַגע אין אונזערע טעג!

לויט זשיטלאָווסקי'ס נייעם אידישן נאַציאָנאַליזם איז ניטאָ קיין תקומה פאַר אַזעלכע אַרויסגעשפּיגענע.

איצט צאַ ולמד וויפיל העכער ס'איז דער אַלטער אידישער נאַציאָנאַליזם, וועלכן זשיטלאָווסקי האָט מיט אַזאַ אינטעלעקטועלער גאווה צוריקגעוויזן.

דאָס אַלטע אידישע פאָלק איז געשטאַנען גרייט זיי אַריינצונעמען צו זיך. ווען זיי זאָלן געוואָלט וועלן זיך מגייר זיין. אפשר האָבן אַזעלכע זיך טאַקע מגייר געווען. ניט נאָר מענשן מיט דריי פערטל גויאיש בלוט, נאָר טאַקע מיט די גאַנצע פיר פערטל.

וועלכער זשע „אינטערנאַציאָנאַליזם" איז העכער, זשיטלאָווסקי'ס נייער, אָדער אונזער אַלטער? וועלכער איד איז העכער: דער זשעטלאָווסקי־איד אָדער דער צמח־צדק־איד?

איך גלויב ניט אַז די אידישע „ניט־גלויביקע און ניט־פרומע" וואָס זיינען געוואָרן זשיטלאָווסקי'ס תלמידים און חסידים האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. זיי זיינען נאָר געווען צטומלט און פאַרבלענדט. עס האָט זיך זיי געוואָלט אַ גרינגע אידישקייט און זיי האָבן געמיינט אַז ער האָט עס זיי געגעבן. אין אמת'ן האָט ער זיי געגעבן עבודה־זרה, אַן אונטערשטערע מענשלעכקייט.

„יע — זאָגט פריינד קאַצענעלבאָגן — זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טרעגער פון דער אייראָפּעאישער קולטור אין דער אידיש־ריידנדיקער גאַס". זייער שיין. די צרה איז אָבער וואָס ער איז עס שוין געווען צופיל. שטענדיק האָבן אידן גענומען וואָס עס איז גוט אין דער וועלט בכלל און אין אייראָפּע בפרט. אָבער די אמת'ע אידישע שעפער — וואָס זיי האָבן גענומען פון אייראָפּע האָבן זיי גענומען אויף צו פאַרשטאַרקן דערמיט אידישקייט. אַזוי,

למשל, האָט געטאָן דער רמב״ם אַמאָל. אַזוי טוט ר׳ חיים העליר היינט און צווישן זיי טויזנטער קלענערע פון זיי. זשיטלאָווסקי איז אָבער געקומען מיט דער אייראָפּעאישער קולטור מבטל צו זיין אידישקייט. די גרעסטע אייראָפּעאישע נאַרישקייט איז ביי אים געווען אַ חכמה, די גרעסטע אידישע חכמה — אַ נאַרישקייט.

די משכילים האָבן געזאָגט: אין אייראָפּע איז דאָ גוטס; איז געקומען זשיטלאָווסקי און געזאָגט: אין אייראָפּע איז אַלדאָס גוטס. יענע האָבן געזאָגט מ׳דאַרף אין אידישקייט אויסבעסערונגען; האָט ער געזאָגט מ׳דאַרף עס אינגאַנצן אָפּשאַפן. איינע האָבן געזאָגט: העברעאיש און אידיש; האָט ער געזאָגט: נאָר אידיש. אַ סך האָבן געזאָגט: דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אידן איז ניט נאָרמאַל; האָט ער געזאָגט: אידן ווילן ניט אַרבעטן.

ווי יענער פיד־שדכן וואָס האָט געדאַרפט אונטערזאָגן דעם שדכן: די כלה דערזעט ניט אַביסעלע אויף אַן אויג; אַלץ הייסט ניט דערזען! בלינד אויףביידע אויגן...

און דערפאַר טאַקע בעט זיך אַזוי צו שרייבן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן. ער איז אַזאַ שאַרפער עקזעמפּליאַר פון זיין דור. אין אים זעען זיך אַלע טראַגישע בלאָנדזשענישן פון דעם דור אַזוי פיל קלעערער אַרויס. „צו וואָס דאָס באַפאַלן זשיטלאָווסקי׳ן״ מער איידער אַנדערע, פרעגט קאַצענעלבאָגן אומזיסט. ס׳איז ניט קיין „באַפאַלן״: ס׳איז דער קנס פאַר „גרויסקייט״.

אַז אין די לעצטע יאָרן איז געווען פיל צו קריטיקירן ביי אים, וועט איר פועל׳ן ביי אַ סך. איך האָב נאָר געוויזן אַז ער איז שטענדיק געווען דער אייגענער. ס׳איז דאָ אַ גאַנצקייט אין דעם זשיטלאָווסקיזם. און מיין ציל איז נאָר צו העלפן פאַרהיטן אַז זיין תורה זאָל מער ניט מזיק זיין.

זשיטלאָווסקי׳ס גרויסקייט איז געווען אין זיין צעצונדענער און צינדנדיקער פאַרערונג צו אידיש, דערציילט אונז אונזער חשוב׳ער פריינט. ריכטיק. אָבער פונדעסטוועגן ברעכן שטולן צוליב דעם דאַרף מען אויך ניט. מ׳דאַרף ניט מיינען, אַז ווען ניט זשיטלאָווסקי וואָלטן מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, רייזען ניט אויסגעקליבן צו שרייבן אין אידיש.

דאָס אייגענע איז אויך מיט זיין נאַציאָנאַליזם. מ׳דאַרף ניט מיינען אַז ווען ניט זשיטלאָווסקי וואָלט זיך דאָס אידישע פאָלק אַסימילירט. געווען אַן עלעמענט ביי אונז מיט צעצונדענע פאַנטאַזיעס וואָס זיינען געלאָפן צו די גוים. האָט זיי זשיטלאָווסקי אָפּגעשטעלט אין וועג און זיי געזאָגט: מ׳קען זיין ״גוים״ אין דער היים אויך...

ס'איז געווען די נאַרישע, פּערזענלעכע טראַגעדיע פון אַ טייל פון דעם דור, וואָס האָבן געמיינט אַז די גוים וועלן זיי אויסכאַפּן. אָבער מ'וואָלט זיי אַלעמען סיי־ווי ניט אויסגעכאַפּט. ס'איז אָסור געווען אַ סכנה אַז ניגער זאָל, חלילה, חתונה האָבן מיט אַ נעגערין: די נעגערינס זיינען צו מוזיקאַליש...

אוריה קאַצענעלבאָגן האָט שטאַרקן פּאַרדראָס פּאַרן צונאָמען „אַנטיסעמיט" און פאַרן אויסדרוק „רוף צו שמד". אָבער דאָס איז נאָר געטשעפּעט זיך צו ווערטער. מיינעטוועגן פאַרבייט עס מיט אַנדערע ווערטער. ניט איך האָב אים געגעבן דעם צונאָמען „אי־דישער אַנטיסעמיט". איך האָב נאָר פאַרנאָטירט דעם היסטאָרישן פאַקט אַז גלייך אין אָנהויב האָט מען אים אַזוי אָנגערופן (זע ז. רייזען'ס לעקסיקאָן, אונטער „זשיטלאָווסקי").

און אויפן סמך דערפון אַליין וואָס איך ברענג פון זשיטלאָווסקי'ן אין דעם דריטן קאַפּיטל פון דעם איצטיקן ביכל קען מען ניט זאָגן אַז „דער רוף צו שמד" איז אומבאַרעכטיקט. ווען ער האָט געקנעלט אַז אַ איד איז אַ איד אפילו ווען ער שמד'ט זיך, איז עס אַ היתר אויף שמד לכל הדעות. און ווען אידישקייט איז מען מבטל און קריסטנטום לויבט מען ביזן הימל, איז דאָס אַ „רוף צו שמד". ווייל ס'איז דאָך ניט מער ווי לאָגיש אַז מ'דאַרף אַוועקוואַרפן דאָס נידע־ריקערע און גיין צום העכערן...

זשיטלאָווסקי האָט אַליין געזאָגט אַז זיין „ווערט־מאָס" איז געווען אַן „אייראָפּעאיש־קריסטלעכע". און פונדאַנען זיינען אַרויס־געוואָקסן אַלע זיינע פּלאָנטערנישן צווישן אונז. מ'קען אידן ניט שאַצן און באַנעמען מיט דער מאָס פון „ככל הגוים". פּרובט מען עס, פאַרבלאָנדזשעט מען זיך אין אַ טיפן וואַלד.

עס פּאַסט זיך אַהער די מעשה מיטן אַלטן אידישן באַלעבאָס און זיין איידים דעם משכיל. געווען אַמאָל אַ איד אַ באַלעבאָס. גע־פירט גרויסע געשעפטן אויפן אַמאָליקן ברייט־באַלעבאַטישן שטייגער: טיר און טויער אָפן, אַן אייביקער הו־האַ, ווער ס'איז געקומען האָט גענומען, אַלעמען געגעבן, געבאָרגט, געליען, אָן חשבון.

ויהי היום האָט ער גענומען אַן איידים. אַ היינטוועלטיקן. אַ משכיל. דעם איידים זיינען ניט געפעלן געוואָרן דעם שווער'ס פּאַ־ראַנדקעס.

ס'איז קיין תכלית ניט, מ'דאַרף מאַכן אַ טאָלק אין געשעפט, האָט דער איידים געזאָגט. ס'איז אַנדערע צייטן. מ'דאַרף איינפירן מאָדערנע בוכהאַלטעריע.

דער שווער האָט ניט געוואָלט זיך איבערברעכן אויף ניי. צו אַלט געווען. נאָר ער האָט דעם איידים ניט געקענט איינהאַמעווען.

איינגעפירט די ביכער, קומט דער איידים צום שווער מיט אַ יללה: שווער לעבן, מיר זיינען באַנקראָט... אַזוי ווייזן די ביכער...

דער שווער גיט אַ גלעט די לאַנגע באָרד און מאַכט צום איידים: טאָ וואַרף אַרויס דיינע ביכער...

און דאָס געשעפט איז געגאַנגען ווייטער, געגאַנגען און געגאַנגען.

ס'איז אַ משל אויף דעם אידישן פאָלק. מ'קען דאָס אידישע פאָלק ניט מעסטן מיט גויאישע מאָסן. לויט דער גויאישער בוכהאַלטעריע האָט דאָס אידישע פאָלק שוין לאַנג געדאַרפט צומאַכן דאָס קרעמל...

דאָס אידישע פאָלק האָט זיין אייגענע מאָס. עס דאַרף געשאַצט ווערן פון אינווייניק אַרויס, ניט פון דרויסן אויף אינווייניק.

ניט איינער איז שוין געקומען צו אונז מיט די גויאישע רעצעפטן, יעדערער לויט די ביכער וואָס ער האָט געלערנט. זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אונז מיט זיין פּאַק גויאישע ביכער. האָט עס ניט געטויגט.

ניט אַזוי מיט „איראָפּעאישער קולטור" איז ער געקומען צו אונז, ווי מיט אומאידישער. מיט אַ שטורם האָט ער זיך אַריינגעיאָגט אין דער אידישער גאַס און זיך אַ נעם געטאָן אַרונטערצורייסן אונזערע אַלטע בנינים און בויען פאַר אונז לופט־שלעסער אין וועלכע קיין איד טאָר ניט וואוינען: זיי האָבן ניט קיין מזוזות אויף די טירן... זיי האָבן גאָר קיין טירן אויך ניט...

לופט־שלעסער, לופט־בנינים — דאָס איז דער באַרמהערציקסטער נאָמען פאַר זיי. איך דענק אַז זשיטלאָווסקי'ס מהות קען צום בעסטן אויסגעדריקט ווערן מיט דער באַצייכענונג: לופט־מענש. גייסטיקער לופט־מענש.

איך ווייס ניט צי דער באַגריף „גייסטיקער לופט־מענש" איז שוין ערגעץ באַנוצט געוואָרן פריער. נאָר אין אונזער ניט־נאָרמאַלן לעבן, וואו ס'איז געווען דער עקאָנאָמישער לופט־מענש, איז עס געווען אומפאַרמיידלעך עס זאָל ניט אַנטשטיין אויך זיין קאָנטראַ־טיפּ אין דעם געביט פון גייסט, דער „גייסטיקער לופט־מענש".

אַזוי ווי דער איינער איז געטראָגן געוואָרן ווי אַ שיף אָן אַ רודער אין די וואַסערן פון עקאָנאָמישן לעבן, אַזוי איז דער אַנדערער געווען אַ שיף אָן אַ רודער אין די וואַסערן פון „קולטור".

אַן ערך אַזאַ אויפפאַסונג פון זשיטלאָווסקי'ן איז שוין אייגנטלעך אויסגעדריקט געוואָרן, און ניט איין מאָל. מיר געפינען זי, למשל, אין דער „באָלשאַיאַ סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (די גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע). דאָ (באַנד 25, 1932, זז. 7־546) ווערט

ער אָנגערופן אַ „טיפּישער עקלעקטיקער". דאָס הייסט, קיין אָריגי־נעלס האָט ער ניט פאַרמאָגט, נאָר ער האָט גענומען געדאַנקען פון דאָ און פון דאָרט און זיי צונויפגעשטוקעוועט. אַ טיפּישער עקלעק־טיקער האָט נאָך אַ באַזונדערן בייגעשמאַק, און ניט קיין אָנגענעמען. אויסגעדריקט אידיאָמאַטיש קען עס מיינען: איינער וואָס שטוקע־וועט צונויף טאַנדעטנע, אָדער קלעפּט צונויף מיט ניכטעכן שפּיי־עכץ, אָדער גאָר: פּירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אַז דאָס האָט די ענציקלאָפּעדיע אינזינען געהאַט זעט מען אין דער נאָטיץ ווייטער, וואו עס ווערט געזאָגט אַז ער „איז אַרויסגעטראָטן ווי אַ קריטיקער פון מאַרקסיזם און האָט זיך געמאַטערט אַרויסצו־שטעלן קעגן אים זיין צעטומלטע רעאַקציאָנערע קאָנצעפּציע פון קולטור־היסטאָרישן אידעאַליזם". די ענציקלאָפּעדיע באַנוצט: פּוטאַנויו, צעפּלאָנטערטע, צעטומלטע...

היינט אויב ס'איז אַזוי מיט'ן מאַרקסיזם, וואָס ער האָט מסתמא געקענט, אַ פּשיטאָ שוין מיט אידישקייט וואָס ער האָט געשריען געוואַלד אַז ער האָט ניט געקענט.

איז ניט זיין וועלטלעכע אידישקייט, צונויפגעשטוקעוועט פון אידישער שפּראַך, גערמאַנישער טראַגיק, אייראָפּעאישער קולטור, קריסטנטום, צעטומלטער עקלעקטיציזם?

ווען מ'זאָל מיך ניט שלעכט פאַרשטיין, און ווען מ'זאָל אָננעמען דעם מנחם־מענדל טיפּ ניט אין דעם גרינג־ליטעראַרישן זין, נאָר אין אַן ערנסט־היסטאָרישן זין, וואָלט איך געזאָגט, אַז זשיטלאָווסקי איז געווען אַ גייסטיקער מנחם־מענדל.

אַ שיינער מנחם־מענדל, מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט אַ סך גלאַנץ, אָבער אַ מנחם־מענדל.

ביידע זיינען זיי געווען פאַנטאַזיאָרן, פּאָעטן אין תוך.

נאָר מיט דעם חילוק: מנחם־מענדל האָט זיך פאַרנומען מיט מסחרים, זשיטלאָווסקי האָט זיך פאַרנומען מיט אידייען. יענער האָט געמאַכט פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס מיט געשעפטן, פּאַפּירן, און דער האָט געמאַכט אַלערליי פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס מיט געדאַנקען, טעאָריעס, ביכער. יענער האָט געלעבט אין אייביקן הו־האַ, און דער. פון יענעמס פלענער פלעגט זיך אויסלאָזן אַ טייך און אַזוי אויך פון דעמס.

שטענדיק האָט זשיטלאָווסקי געהאַט נייע קאָמבינאַציעס.. ווי אַ דריידל אין חנוכה האָט ער זיך געדרייט צווישן אַלע פאַרטייען און באַוועגונגען און ריכטונגען אויף דער אידישער גאַס. און אַלע מאָל געפאַלן אויף אַן אַנדער זייט. „טיפּישער עקלעקטיציזם".

אויף אַן אײביקן יאַריד האָט ער געלעבט, וואו אײן געדאַנק האָט אַריבערגעשריען דעם אַנדערן, אײן טעאָריע האָט אויסקאָנקו־רירט בײ דער אַנדערער, און וואו די הויפּט סחורה איז געווען קאָ־לירטע פּאַפּיר־באַלונען. גראַדע ווי מנחם מענדל׳ס פאַנטאַסטישע געשעפטן.

נאָר בײ מנחם־מענדל׳ען, נאָך אַלע זײנע „גליקן״, ווען שײנע שײנדל האָט גענומען מאַכן דעם שבת, האָט זי ניט געהאַט מיט וואָס.

און אַזוי איז עס אויך מיט זשיטלאָווסקי׳ס שײנע שײנדלס. זײנע פּאַרטײדיקער בלע״ז.

יעדע אײנציקע פון זײנע שײנע־שײנדלס וואָס זײנען אַרויסגע־קומען, מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס, זיך אָננעמען פאַר זשיט־לאָווסקי׳ן, האָט נעבעך געמוזט דערקלערן אַז עס פעלט איר עפּעס צום שבת קודש.

די שענסטע שײנע־שײנדל, ש. ניגער, האָט געהאַלטן אין אײן טענה׳ן, אָבער און ווידער, אַז גאָר אַ סך קען זי ניט אָננעמען בײ זשיטלאָווסקי׳ן. לײוויק וואַרפט זיך אָפּ פון זײנע „פילאָזאָפישע יסודות פון אידישיזם״. דר. הערמאַן פראַנק ווײזט צוריק זײן „צו שוואַך באַגרינדעטע דערציאונג־לערע״ („פרײע אַרבעטער שטימע״, מאַי 26, 1944). די קאָמוניסטן נעמען ניט אָן זײן אַמאָליקן אַנטי־קאָמוניזם. און אפילו אַזאַ ארורה פון אַ שײנע שײנדל ווי דר. י. שאַצקי דערקלערט אויך אַז ער שטימט ניט אײן מיט אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשריבן.

„זײנע אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע ענינים — זאָגט ער — געשריבן זינט דעם היטלעריזם, זײנען מיר ניט צום האַרצן. איך האַלט עס פאַר שעדלעך און אפילו פאַר אומלאָגיש״ — אינטעלעק־טועלער סאַמנאַמבוליזם?

און דאָ קומט אונזער געערטער קאָלעגע קאַצענעלבאָגן און גרעניצט זיך אָפּ פון זשיטלאָווסקי׳ס בלוט־ירושה׳דיקייט און זײן איד־קריסט טעאָריע, און אוודאי און אוודאי פון זײן „אידישן פּאַראַ־זיטיזם״.

וואָס זשע בלײבט שוין פון זשיטלאָווסקי׳ס גאַנצער ירושה? וואָס וועט בלײבן אין פאָלק?

איך האָב מורא אַז בלײבן אין פאָלק וועט סוף־כל־סוף נאָר זײן „פאָעטישער פּראָדוקט״. ניט זײן „נאַציאָנאַל ליד״, חלילה. דאָס איז פע! כ׳מײן זײן לידל וועגן מאַכן „אַ שנעפּסל״, און וואָס דער צווײ־טער און לעצטער פערז גײט אַזוי:

כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל,
כל־זמן איר זייט ביים לעבן;
אם ירצה השם אויף יענער וועלט
וועט מען אייך גאָר ניט געבן.
טראַ־לאַ־לאַ...

ס'איז טשיקאַווע אַז זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט אַזוי געשטורעמט קעגן די אידישע שענקער און דעם „אידישן בראַנפן" וואָס האָט פאַר'שיכור'ט די וועלט, זאָל אונז גראָד איבערלאָזן אַ ליד וועגן כאַפּן אַ שנעפּסל . . .

אָט דאָס לידל וועט מסתמא בלייבן,
און אפשר נאָר דער — טראַ־לאַ־לאַ...

ווי אַזוי ש. דובנאָוו האָט אויפגענומען זשיטלאָווסקי'ס ערשטע ווערק

אַ דערקלערונג (געדרוקט אין „פאָרווערטס", פעברואַר 24, 1944)

געערטער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"!

איך בעט איך זייער, מיר צו געבן פּלאַץ פאַר פאָלגנדער דער־קלערונג:

אין מיין ביכל „אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון דר. זשיטלאָווסקי" גיב איך איבער (אויף זייטל 3) וואָס זשיטלאָווסקי דערציילט, ווי אַזוי די אידישע פּרעסע, און העברעאיש און רוסיש, האָט באַגעגנט זיין ערשטן בוך מיט „כעס און גאַליקער שנאה" און האָט אים אָנגערופן „עוכר ישראל" און „האנטיסמיט העברי", דער אידישער אַנטיסעמיט, דאַן שרייב איך:

„צווישן די וואָס האָבן אים דעמאָלט אַזוי באַצייכנט*) איז, לויט זשיטלאָווסקי'ן אַליין, געווען דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו".

איך וויל איצט ברענגען גענוי וואָס זשיטלאָווסקי אַליין דערציילט וועגן דעם אין זיינע „זכרונות" (באַנד 3, זייטן 124־127):

„אַ לענגערע און שאַרף־שאַרפע קריטיק איז דערשינען אין דעם רוסיש־אידישן זשורנאַל „וואָסכאָד": אָט די קריטיק איז פאַר מיר געווען אַן אמת'ער ווייטיק אין האַרצן... אויף אַזאַ מין באַהאַנד־לען מיין ערשטע שריפט גראָד פון דער אידישער זייט, האָב איך מיך בשום אופן ניט געריכט... דער קריטיקער פון „וואָסכאָד" האָט קיין איין גוט־וואָרט ניט געקענט געפינען פאַר מיין ליטעראַ־רישן ערשטלינג. אויף גאַנצע צען זייטלעך, אויב ניט מער, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו „רייבן מיר די זייטן" — און נאָך ווי רייבן! וואָס אַ ציטאַט אין דער שריפט — אַ האָגל פון שאַרף־קריטישע שמיץ, נאָך שניידיקנדיקערע איידער די וואָס איך פלעג באַקומען פון מיינע רביים אין די חדרים. דער „קאַנטישק" האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער פון דעם ערשטן בלעטל ביז צום לעצטן.

„דער מחבר פון דער קריטיק האָט זיך אונטערגעשריבן מיט

---

*) עס האָט געדאַרפט שטיין „באַגעגנט". ווייטער איז אַלץ ריכטיק.

דעם נאָמען „קריטיקוס״... ערשט אין איבער אַ יאָר אַרום, ווען איך בין געווען אין ציריך, האָב איך מיך דערוואוסט, אַז קריטיקוס איז ניט קיין אַנדערער ווי ש. דובנאָוו.

„ומעשה שהיה כך היה. אין ציריך בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט זייער אַן אינטערעסאַנטער גייסטיקער פּערזענלעכקייט, איינעם אַ ראַבבערט זייטשיק... ער האָט אויך געלייענט מיינע „מיסלי״ און נאָך מער, ער האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות אויך צו דער צעשמעטערנ־דיקער קריטיק אינם „וואָסכאָד״. פון דר. זייטשיק׳ן האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דער „קריטיקוס״ אין „וואָסכאָד״ איז ש. דובנאָוו, ניט נאָר דער בעסטער און טיפסטער רוסיש־אידישער פּובליציסט, נאָר אויך אַן אמת׳ער געלערנטער און פּראָגרעסיוו־דענקענדיקער מענש...

„פאַרוואָס זשע האָט „קריטיקוס״ אַזוי אומבאַרמהערציק געשמיסן מיך פאַר מיין ערשטער שריפט? דר. זייטשיק האָט מיר געגעבן די דערקלערונג. ווי ער האָט מיר דערציילט, האָבן זיי ביידע גע־לייענט די „מיסלי״ אין וואַרשע. אויף זיי ביידן האָט די שריפט גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האָט אַ שטאַרקע, ניט קיין גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכטע נייגונג צו דעם רעליגיעזן קריסטנטום״...

אַזוי דערציילט זשיטלאָווסקי אַליין און ער איז מוסיף:

„עס וואָלט זיי באמת געווען גרינג צו פאַרשטיין, אַז די פּאָר גליידניקע ווערטער פון מיין הויכער אַכטונג צו ישו דעם נוצרי, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער שריפט, האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון זיין תורה. איך האָב מיך געאינ־טערעסירט מיט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער זייט אירער״...

דאָס הייסט, אַז ספּעציפיש איז עס דובנאָוו׳ן דעמאָלט געגאַנגען, ניט אין „אידישן אַנטיסעמיטיזם״, נאָר אין — שמד.

אָט דידאָזיקע אויסבעסערונג וויל איך דאָ מאַכן צוליב היס־טאָרישער פּינקטלעכקייט, כאָטש קיין אונטערשייד איז דערביי ניטאָ.

נאָר מען מוז סיי ווי באַוואונדערן דעם שאַרפן חוש פון דוב־נאָוו׳ן, וואָס שוין אין דער ערשטער שריפט זשיטלאָווסקי׳ס האָט ער דערפילט זיינע נייגונגען צום קריסטנטום. וואָרים שפּעטער האָט זשיטלאָווסקי אַרויסגעפירט יעזוס׳ן פאַרן גרעסטן אידישן נביא און האָט געפּריידיקט, אַז אידן מעגן, און קענען, זיך שמד׳ן און דאָך בלייבן גוטע נאַציאָנאַלע אידן. ער האָט אפילו געשריבן, אַז אַזוי ווי אידן באַזאָרגן אָרימעלייט מיט מעות חיטים אויף פסח, אַזוי דאַרפן זיי אויך באַזאָרגן אָרימע משומדים מיט מעות־חזיר אויף פּאַסכאַ. אין מיין בוך האָב איך טאַקע אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן זשיטלאָווסקי׳ס לערעס פון שמד.

איצט זאָלן זשיטלאָווסקי׳ס פּאַרטיידיקער אויסקלייבן וואָס זיי איז ליבער: אידישן אַנטיסעמיטיזם, אָדער אידישן קריסטנטום.

וואָס שייך דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס די אַנדערע קריטיקער האָבן באַלד דערפֿלט אין זשיטלאָווסקי׳ס שריפֿט, האָט ער עס אויך מער ווי באַשטעטיקט שפּעטער, מיט זיין אַלגעמיינער טעאָריע, אַז אידן זיינען אומעטום „פּאַראַזיטן״, און מיט עקלדיקע זלזולים אויף אידן אויף הונדערטער ערטער אין זיינע שריפֿטן. און מיטן נאָמען „אַנטיסעמיט״ האָט זיך זשיטלאָווסקי אַפּט אַליין גע׳חנ׳דלט. אַזוי האָט ער אין איין אָרט געשריבן: „איך בין נאָך באמת געווען צו ווייניק אַנטיסעמיטיש״ (שריפֿטן, ב. 6, ז. 249). און אין אַן אַנדער אָרט האָט ער געשריבן בפירוש אַזוי (זכרונות, באַנד 3, ז. 135):

„איז טאַקע פֿאַראַן — וואָס זאָל איך לייקענען — גאָר אַ וויכ־טיקער געמיינשאַפֿטלעכער פּונקט אין מיין איינשטעל און אין דעם אַנטיסעמיטישן. זיי ביידע ווילן פּטור ווערן פֿון דער אידישער הענד־לעריי און פּראָפֿעסיאָנעלעריי״...

דאָס אַלץ איז זייער מיאוס צו הערן פֿון אַ אידישן מויל.

זאָגן מיר: מיר ווילן מער ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל מטמא זיין די אידישע שפּראַך מיט שמד־פּראָפּאַגאַנדע, און פּאַרמיסטיקן די אידישע גאַס מיט שרייבעכצן, אַז אידן זיינען „בלוטזויגערס״, „פּאַ־ראַזיטן״, „אָקטאָפּוסן״ און „ווערים״, ווי זשיטלאָווסקי האָט עס אַ לעבנלאַנג געטאָן.

גענוג אַז מיר דאַרפֿן עס הערן פֿון די גויאישע אַנטיסעמיטן.

מיט דרך ארץ,

חיים ליבערמאַן.

דידאַזיקע דערקלערונג איז דערשינען אין „פֿאָרווערטס״ עטלעכע טעג איידער ש. ניגער איז אַרויס מיט זיינע אַרטיקלען. די אויסבע־סערונג האָט געדאַרפֿט דערליידיקן דעם ענין צי עס איז געווען דובנאָוו אָדער עמעצער אַנדערש וואָס האָט באַנוצט דעם אויסדרוק „אידישער אַנטיסעמיט״ (באַנוצט האָט עס דער „היום״). אַזוי וואָלט עס געווען צווישן אַנשטענדיקע מענשן.

אָבער ניגער׳ן האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן. ער האָט אָפּגעגעבן אַ גאַנצן אַרטיקל צו דער זאַך וואָס איז שוין געווען אָפּגע׳פּטר׳ט, אַ גאַנצן אַרטיקל אונטערן נאָמען „האָט ש. דובנאָוו געהאַלטן דר. ח. זשיטלאָווסקי׳ן פֿאַר אַן אַנטיסעמיט?״

נאָכמער, ער האָט צוגעשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל, און ערשט אויף דער דערקלערונג האָט ער אויסגעגאָסן כל חמתו, זיין באַוואוסטן טעמפּעראַמענטין . . . און דורכאויס האָט ער געזוכט צו מאַכן דעם

איינדרוק אַז דובנאָוו האָט זשיטלאָווסקי'ן פּשוט געקושט אין די פּיסקעס.

„אַלזאָ, — שרייבט ניגער („טאָג, מערץ 7, 1944) — אַלזאָ, קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין „קריסטלעכקייט" האָט דובנאָוו אים (זשיטלאָווסקי'ן) ניט געקענט חושד זיין — און ער האָט אים טאַקע ניט חושד געווען (קורסיוו ניגער'ס). ער האָט אים קריטיקירט גאָר פאַר אַנדערע זאַכן" . . .

אין זיין גאַנצער פּאָלעמיק האָט ניגער געהאַט צו מיר רק איין טענה, אַ טענה אָן אַן אויפהער, אַז איך האָב ביי זשיטלאָווסקי'ן אַרויסגעריסן ציטאַטן פון אינמיטן און האָב זיך ניט וויסנדיק געמאַכט וואָס עס שטייט פריער און וואָס נאָכדעם. פאַר אים אַליין אָבער איז דער אינמיטן גראָד ניט דער עיקר: אים ציט גראָד צו מה לפנים ומה לאחור . . .

טאָ לאָמיר אַ קוק טאָן אויפ'ן הינטן פון דער ציטאַטע וואו עס האַנדלט זיך דאָרט ביי דובנאָוו'ן וועגן דער קריסטלעכקייט אין זשיטלאָווסקי'ס ערשטן ווערק.

לאָמיר לייענען וואָס זשיטלאָווסקי דערציילט וועגן דעם ווייטער, אויפ'ן זעלבן פּלאַץ, אין זיינע „זכרונות" וועגן דובנאָוו'ס רעצענזיע:

„אָבער דובנאָוו האָט געוואוסט, אַז צווישן דער אידישער יוגנט האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע ריין רעליגיעז־קריסטלעכע שטימונגען, אפשר נאָך אונטערגעוואַרעמטע מיט דער האָפענונג, אַז ווען זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער הערשנדיקער אידישער רעליגיע, גרינדן אַ מין אידיש־קריסטלעכע סעקטע, וועט זי די רוסישע געזעצגעבונג אַרויסנעמען פון דעם כלל „אידנשאַפט" און געבן אַלע אירע אָנהענגער די זעלביקע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג וואָס די קאַראַאימען האָבן געהאַט, ניט פאַרלאַנגענדיק דערביי קיין שמד־פּראָצעדור.

אָט די קריסטלעכע שטימונגען ביי אַ טייל אידישער יוגנט פון יענער צייט האָט דובנאָוו אויסגעטייטשט ניט אַנדערש, ווי אַ פאַררעטערישן פאַרלאַנג, צו אַנטלויפן פון דעם אייגענעם פאַרפאָלגטן לאַגער. *מיין שריפט האָבן ביידע* — אי זייטשיק אי דובנאָוו — באַטראַכט ווי אַ געוויסע דערקלערונג, וואָס שטאַמט פון דעם זעלביקן *אידייען־קרייז* (קורסיוו מיינער — ח. ל.) און צי מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן ערלעכער רעליגיעזער פאַרבלענדעניש, צי מיט אַ געמיינעם פערד־האַנדל, דאַרף מען די חברה אָנלערנען! אַזוי האָבן זיי ביידע באַשלאָסן. דערפון — די שאַרפסטע אכזריות מיט וועלכע דובנאָוו האָט געריסן פאַסנווייז די „מיסלי".

אַזוי דערציילט זשיטלאָווסקי.

אַלזאָ, ניין, מר. ניגער, „דובנאָוו האָט אים ניט געקענט חושד זיין אין קריסטלעכקייט און האָט אים טאַקע ניט חושד געווען" — חלילה וחס...

אָט אַזוי „ערלעך" שרייבט ש. ניגער, דער וועכטער פון דער אידישער ליטעראַטור.

אָט דאָס איז דער וועכטער פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס טונקט אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא אין וואַסער און שרייבט...

קען מען פאַרטיידיקן חיים זשיטלאָווסקי'ס אַטאַקעס אויף אידן?

פון הלל ראָגאָף*)

ווען אַ לאָיער [1]) האָט אַ שווערע קעיס [2]), ווען ער זעט, אַז ער קען זיין קליענט ניט פאַרטיידיקן, באַנוצט ער פאַרשיידענע טריקס [3]) צו פאַרטומלען די קעפּ פון דער דזשורי מיט זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן מיט דער קעיס גופא קיין שייכות ניט. איין טריק אַזאַ באַשטייט פון פאַרפירן אַ קריג מיט'ן דיסטריקט אַטוירני [4]) אָדער מיט'ן דזשאָדזש [5]), טשעפּען זיך צו ווערטער, טענה'ען, אַז די אָנקלאַגע איז ניט „פעיר", ניט יושר'דיק. אַ ביישפּיל פון דעם טריק האָבן מיר געהאַט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין דער לאָנערגען מאָרד־קעיס. לאָנערגען'ס לאָיער האָט געמאַכט אַזוינע סקאַנדאַלן אין געריכט, גע־מאַכט אַזוינע אַטאַקעס אויפ'ן דיסטריקט אַטוירני און דזשאָדזש, אַז מ'האָט געמוזט אָפּשטעלן דער טראַיעל [6]) און אַריבערפירן די קעיס אין אַן אַנדער קאָורט [7]).

אַ צווייטער טריק איז צו באַנוצן „כאַראַקטער־עדות". דער לאָיער זוכט אויף עטלעכע בכבוד'יקע מענשן, אַ גלח, אַ לערער פון אַ סקול, אַ דאָקטאָר, אַ באַנקיר, וואָס האָבן אַמאָל געקענט דעם אָנגע־קלאָגטן. דער לאָיער ווירקט אויף זיי, אַז זיי זאָלן קומען אין קאָורט און זאָגן אַ גוט־וואָרט וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם גע'משפּט'ן. דער טריק באַשטייט אין דעם, וואָס ביי דער דזשורי שאַפט זיך דער־ווייל דער איינדרוק, אַז די אָנגעזעענע עדות האַלטן דעם אָנגעקלאָגטן פאַר אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער ווערט גע־משפּט, כאָטש אין דער אמת'ן האָט זייער עדות־זאָגן מיט דער פראַגע פון דעם פאַרברעכן קיין שייכות ניט.

קאָלעגע ש. ניגער האָט אין זיין פאַרטיידיקונג פון דר. חיים

---

*) „פאָרווערטס", מערץ 18, 1944.

1) אַדוואָקאַט. 2) פּראָצעס. 3) שפּיצלעך. 4) פּראָקוראָר. 5) ריכטער.
6) פּראָצעס. 7) געריכט.

זשיטלאָווסקי קעגן דער שווערער קלאָגע פון חיים ליבערמאַנ׳ס ביכל „אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי״ אָנגעווענדעט אָט די צוויי טריקס, וואָס לאָיערס ווענדן אָן, ווען זיי זעען איין, אַז די באַווייזן קעגן זייער קליענט זיינען צו־שטאַרק. אין די פינף גרויסע אַרטיקלען, וואָס ניגער האָט אָנגעשריבן אַלס פאַר־טיידיקונג פאַר זשיטלאָווסקי׳ן, רעדט זיך וועגן דער קלאָגע גופא זייער־זייער ווייניק. וואָס ער זאָגט דאָרט וועגן דער קלאָגע גופא האָט געקענט אויפגעשריבן ווערן אין אַ פאָר קאָלומס. דעם הויפּט־פּלאַץ פאַרנעמט ניגער טיילווייז מיט קולות און גוואַלדן וועגן אַ פראַזע אין ליבערמאַנ׳ס ביכל און אַ פראַזע אין אַב. קאַהאַנ׳ס אַרטיקל. ער ווידמעט צו דעם קאָלום נאָך קאָלום, אין איין אַרטיקל, אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן — ער קען זיך פון די צוויי פראַזן ניט אָפּטשעפּן, כאָטש זיי האָבן מיט דער קעיס גופא, מיט דער אָנקלאָגע קעגן זשיטלאָווסקי׳ן, אַ גאָר קנאַפּע שייכות. אַ צווייטן טייל פון דעם הויפּט־פּלאַץ אין די אַרטיקלען ווידמעט ניגער צו ברענגען ציטאַטן פון דעם וואָס בכבוד׳יקע מענשן האָבן געזאָגט און געשריבן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן. די ציטאַטן באַציען זיך ניט חס ושלום אויף דער אָנקלאָגע, אויף די באַשולדיקונגען וואָס חיים ליבערמאַן מאַכט אין זיין ביכל. דאָס זיינען „כאַראַקטער־עדות״, וואָס דאַרפן צעטומלען די קעפּ פון די לעזער און אָפּציען זייער אויפמערקזאַמקייט פון דער קעיס גופא.

איך וויל ניט פאַרנעמען קיין פּלאַץ צו ענטפערן אויף די „אַרגו־מענטן״. לאָמיר צוגעבן, אַז ליבערמאַן האָט געמאַכט אַ טעות אין זיין באַהויפּטונג אַז דובנאָוו האָט אָנגערופן זשיטלאָווסקי׳ן „אידישער אַנטיסעמיט״; לאָמיר אויך צוגעבן, אַז אַב. קאַהאַן האָט באַנוצט אַ צו שטאַרקע פראַזע ווען ער האָט באַצייכנט זשיטלאָווסקי׳ן אַלס „ווילדער אַנטיסעמיטיזם״. ווערט דערמיט אויף איין האָר אָפּגעשלאָגן די אָנקלאָגע וועגן זשיטלאָווסקי׳ס אַטאַקעס און בלבולים אויף אידן? באַווייזט עס אַז זשיטלאָווסקי האָט די אַטאַקעס ניט געמאַכט, אָדער אַז ער האָט רעכט געהאַט אַזוינע שרעקלעכע אַטאַקעס צו מאַכן?

אויב חיים ליבערמאַנ׳ס באַשולדיקונגען זיינען אמת, טענה׳ט ניגער, קען ער ניט פאַרשטיין ווי אַזוי די אַלע אָנגעזעענע אידן האָבן זיך געקענט באַציען פריינטלעך צו זשיטלאָווסקי׳ן. די זעלבע פראַגע, אויף אַן אַנדער אופן, האָב איך געשטעלט, און די זעלבע פראַגע שטעלט ליבערמאַן אין זיין ביכל. דאָס איז אָבער ניט די איינציקע רעטעניש פון דעם סאָרט אין דעם צערודערטן לעבן פון דער הייניקער צייט. מיר איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס איז מעגלעך פאַר אָנ־געזעענע ציוניסטן זיך צו חבר׳ן מיט קאָמוניסטן, וועלכע האָבן צענדליקע יאָרן פאַרפאָלגט און געשטיקט די ציוניסטישע באַוועגונג

וואו זיי האָבן נאָר געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. מיר איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אָרטאָדאָקסישע רבנים קענען זיך פריינטלען מיט קאָמוניסטן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געשענדט זייער רעליגיע און געדרוקט קעגן זיי די העסלעכסטע קאַריקאַטורן און געהעצט קעגן זיי אויף דעם שענדלעכסטן אופן. עס זיינען פאַראַן אַ סך, אַ סך זאַכן אין דער אויפפירונג פון מענשן איצטער, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך און אויף וועלכע דער צוקונפטיקער היסטאָריקער און פסיכאָלאָג וועט זיך ברעכן דעם קאָפּ צו געפינען אַ דערקלערונג.

אָבער ווידעראַמאָל — דאָס האָט מיט דעם ענין פון ליבערמאַנ׳ס אָנקלאָגע קיין שייכות ניט. לאָמיר דעריבער דאָס אַלץ אַוועקלייגן אָן אַ זייט און צוטרעטן צום ענין גופא, צו ליבערמאַנ׳ס באַשולדיקונגס־אַקט. לאָמיר זען וואָס ניגער האָט וועגן דעם צו זאָגן.

מיט זשיטלאָווסקי׳ס מיינונגען וועגן אידן שטימט ניגער אַליין ניט איין. ער ווידערהאָלט אין זיינע אַרטיקלען ווידער און ווידער אַז „אין אַ סך וויכטיקע פונקטן בין איך זיך מיט אים פאַרנאַנדערגע־גאַנגען ווען ער האָט געלעבט און איך גיי זיך מיט אים פאַרנאַנדער...״ ער גיט־צו אַז זשיטלאָווסקי האָט גענוצט ווערטער וואָס זיינען געווען „אכזריות׳דיק האַרט און סתם אַזוי ניט פּאַסיק״. ניגער טענה׳ט אָבער אַז זשיטלאָווסקי׳ס מאָטיוון זיינען געווען גוטע, אַז ער האָט געמיינט צו העלפן די אידן מיט זיין קריטיק. פּונקט אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די אַלטע נביאים וואָס האָבן גע׳מוסר׳ט אידן מיט די האַרבסטע ווער־טער, פּונקט ווי דאָס האָבן געטאָן די ציוניסטן, די משכילים. און ער פרעגט: „קען מען גאַגאַל׳ן באַטראַכטן פאַר אַן אַנטי־רוס, היינע׳ן אָדער ניצשע׳ן פאַר אַן אַנטי־דייטש און אונזערע אייגענע אַמעריקאַנער „מאַקרעיקערס״ פאַר שונאים פון אַמעריקע ?״

אויף דער טענה, וועלכע איז די איינציקע וואָס האָט אַ האַפט אין אַלע פינף אַרטיקלען וואָס ניגער האָט אָנגעשריבן, וויל איך זיך אָפּשטעלן געענוי. איך וויל זיך אויף דעם אָפּשטעלן ווייל ערשט ווען מען פאַרגלייכט זשיטלאָווסקי׳ס אַטאַקעס אויף זיין פאָלק מיט די אַטאַקעס וואָס די אַנדערע, די וואָס ניגער רעכנט אויס, האָבן געמאַכט, זעט מען ווי גרויס און שרעקלעך זשיטלאָווסקי׳ס פאַרברעכן איז געווען.

פריער וועגן די נביאים. די נביאים האָבן גע׳מוסר׳ט די אידן פאַרוואָס זיי לערנען זיך אָפּ די שלעכטס פון די גוים, פאַרוואָס זיי זיינען ניט שענער און בעסער ווי די גוים. זשיטלאָווסקי, אָבער, אַטאַקירט די אידן פאַרוואָס זיי זיינען ערגער פאַר די גוים, פאַרוואָס זיי שטייען נידעריקער ווי די גוים, פאַרוואָס זיי טוען שלעכטס צו די גוים.

ווען איר לייענט די נביאים פילט איר אַז אידן זיינען געווען אַ העכער פאָלק, אַ געטלעך פאָלק, וואָס איז אַראָפּ פון וועג, וואָס האָט זיך אויף אַ ווייַלע פאַרבלאָנדזשעט. ווען איר לייענט זשיטלאָווסקי׳ן פילט איר אַז אידן זיינען אַ געפאַלן, אַ פאַרדאָרבן פאָלק, וואָס איז ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים.

נאָך אַן אונטערשייד צווישן דעם מוסר פון די נביאים און זשיטלאָווסקי׳ס מוסר. די נביאים האָבן געשטראָפט דעם אידישן פאָלק, ווען ער איז געווען אין אַ גוטן צושטאַנד, ווען עס האָט זיך אים געלעבט גוט. אין צייטן פון אומגליק, פון חורבן האָבן די נביאים ניט געשטראָפט, נאָר געטרייסט. אין צייט פון חורבן האָבן די נביאים ניט געזאָגט קיינע גוטע ווערטער פאַר די אידישע שונאים און צוררים. זשיטלאָווסקי האָט זיינע שרעקלעכסטע אַטאַקעס אויף אידן געמאַכט אין די צייטן פון די פּאָגראָמען אין פּוילן, אין די צייטן פון די שרעקלעכסטע פאַרפאָלגונגען אויף אידן אין רוסלאַנד. ער, זשיטלאָווסקי, האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַרעכטיקן די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס און היטלער׳ס נאַציס פּונקט אין דער צייט ווען זיי האָבן פאַרגאָסן אידיש בלוט און ווען די אידישע וועלט איז געווען אין טרויער נאָך די אידישע קדושים.

די ציוניסטן און די משכילים האָבן גע׳מוסר׳ט אידן פון אידישן שטאַנדפּונקט. זשיטלאָווסקי אָבער מוסר׳ט און אַטאַקירט אידן פון אַ גוי׳אישן שטאַנדפּונקט. די משכילים האָבן געלייגט דעם הויפּט־געוויכט פון זייער קריטיק אויף די אידישע ליידן, אויף דער אידישער געפאַלנקייט. זיי האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר די אידן. זשיט־לאָווסקי לייגט דעם טראָפּ אויף די ליידן וואָס מיר פאַראורזאַכן די גוים. זיין געשריי איז כסדר, אַז מיר זיינען פּאַראַזיטן אויף דעם גויאישן קערפּער, אַז מיר זויגן אויס די בלוט פון די גוים, אַז מיר פאַרהאַלטן דעם פּראָגרעס פון די גוי׳אישע לענדער וואו מיר וואוינען, אַז מיר נעמען צו פּרנסה פון די גוים, און אַזוי ווייטער און ווייטער. ער האָט קריטיקירט די אידן ניט ווי אַ איד, נאָר ווי אַ גוי; ווי אַ גוי וואָס האָט פיינט אידן.

עס איז פּשוט קינדעריש פון ניגער׳ן צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן גאָגאָל׳ס אַטאַקעס אויף רוסלאַנד, אָדער היינע׳ס אויף דייטש־לאַנד, און די אַטאַקעס וואָס זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט אויף אידן. די אידן זיינען אין גלות, זיי לעבן אין שטענדיקן שרעק, אין שטענ־דיקער געפאַר פון אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, פון פּאָגראָמען. ווען אַ אידישער שרייבער ווידערהאָלט די טענות פון אַנטיסעמיטן, שטאַרקט ער דערמיט די הענט פון די אַנטיסעמיטן און שוואַכט דערמיט אָפּ די הענט פון די פריינט, אויף וועמען מיר לייגן אונזער האָפענונג אַז

זיי ווילן אונז העלפן אין דעם קאַמף קעגן די אַנטיסעמיטן. ניט די רוסן, ניט די דייטשן, ניט קיין אַנדער פאָלק האָט דעם זעלבן חשבון. מיר קענען זיך ניט פאַרגינען די „לוקסוסן" וואָס אַנדערע, נאָרמאַלע פעלקער קענען זיך יע פאַרגינען.

אייגנטלעך פאַרטיידיקט גאָר ניגער ניט זשיטלאָווסקי'ן. ער פּרובירט בלויז אים צו „פאַרענטפערן". אין דעם פערטן אַרטיקל שרייבט ער: „איך האַלט עס פאַר מיין חוב איבערצו'חזר'ן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַז איך געהער ניט צו יענע, וועלכע באַרעכטיקן אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשריבן. אונטער אייניקע פון די טענות וואָס מען האָט געהאַט און מען האָט צו אים וואָלט איך זיך אַליין אונטערגעשריבן. די צרה מיט אים איז געווען, וואָס ווען אפילו ער האָט געזאָגט וועגן אידן און אידישן לעבן שיר־ניט דאָס אייגענע וואָס עס האָבן געזאָגט אַנדערע משכילים, אַנדערע ציוניסטן . . . האָט ער עס אַן אַנדערש מאָל אויסגעדריקט אַזוי שאַרף, אַזוי ווייטיקדיק און אָפט אַזוי שאָקירנדיק און ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום זאַך — אַז עס האָט פאַרשאַפט עגמת־נפש אפילו זיינע נאָענטע".

אויב איר ווילט, אַנטהאַלט די שטעלע אין ניגער'ס אַרטיקל דעם עצם פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט וואָס ליבערמאַן מאַכט אין זיין ביכל. ניגער זאָגט, אַז אפילו ער אַליין, וועלכער איז אַ אַזאַ פריינט און אַזאַ פאַרהערער פון זשיטלאָווסקי'ן, איז גרייט זיך אונטערצושרייבן אויף „אייניקע פון די טענות קעגן זשיטלאָווסקי'ן, אַז מאַנכעס מאָל דריקט זיך זשיטלאָווסקי אויס אַזוי, אַז אפילו זיינע נאָענטסטע האָבן דערפון עגמת־נפש".

ניגער, זייענדיק זשיטלאָווסקי'ס פריינט קען זיך באַנוגענען מיט „אונטערשרייבן זיך אויף די טענות", ער קען זיך באַנוגענען מיט זאָגן אַז ער האָט עגמת־נפש, אַז ער איז שאָקירט. אַנדערע, וואָס זיינען ניט אַזוי באַגייסטערט פון זשיטלאָווסקי'ס פערזענלעכקייט, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען זיינע נאָענטע פריינט — זיי קענען זיך מיט דעם ניט באַנוגענען. זיי זייען אַביסל מער ווי שאָקירט. זיי ווערן אַנגעצונדן מיט צאָרן און זיי קענען זיך ניט איינהאַלטן פון אויסשרייען זייער פראָטעסט און זייער אַנטריסטונג.

ניגער זאָגט ווייטער, אַז „זשיטלאָווסקי האָט ליב געהאַט צו פּראָווען אינטעלעקטועלע אפּיקורסות. עס איז געווען עפּעס אין אים וואָס האָט אים געגעבן עפּעס אַ גאָר באַזונדער באַפרידיקונג, ווען ער האָט געדענקט, אויב ניט געטאָן, צו־להכעיס".

איז דאָס אַ פאַרטיידיקונג? מיינט ניגער צו זאָגן, אַז מיר דאַרפן מוחל זיין זשיטלאָווסקי'ן זיינע בלבולים אויף אידן אַז זיי זיינען פּאַראַזיטן, אַז זיי פּראָדוצירן ווייניקער ווי די נידעריקסטע, צוריקגע־

שטאַנענע פעלקער און ראַסן, אַז מיר דאַרפן דאָס אים פאַרקוקן דער־פאַר וואָס ער האָט „ליב געהאַט צו פראַוועו אינטעלעקטועלע אַפּיקורסות״? מיינט ניגער אונז צו זאָגן, אַז מיר דאַרפן פאַרקוקן זשיטלאָווסקי׳ס שענדלעכע העצעס, אַז אידן שטערן דעם פּראָגרעס פון די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען, בלויז דערפאַר וואָס ער „האָט אַ באַזונדער באַפרידיקונג פון טראַכטן אויף צו־להכעיס״?

ליבערמאַן מאַכט זיין אָנקלאַגע קעגן זשיטלאָווסקי׳ן אַלס אַ איד וועמעס האַרץ בלוטעט פאַר דער גרויסער אידישער טראַגעדיע. ניגער מאַכט זיין פאַרטיידיקונג אַלס אַ פריינט און פאַרערער פון זשיט־לאָווסקי׳ן, וועלכער וויל איינהיטן זשיטלאָווסקי׳ס כבוד. און דער דורכשניטלעכער לייענער דאַרף פסק׳ענען וואָס עס איז וויכטיקער — דער אידישער שיקזאַל, אָדער זשיטלאָווסקי׳ס כבוד.

וואוהין גייט דאָס אידישע פאָלק?

די מלחמה האָט חרוב געמאַכט דאָס אידישע לעבן. די נייע צייט האָט אונז געבראַכט די ביטערסטע אַנטוישונגען אין אונזער גאַנצער גלות־געשיכטע — וואָס זאָלן מיר טאָן ווייטער? ווי אַזוי זאָלן מיר אויפבויען צוריק אונזער הויז? אויף וואָס פאַראַ פונדאַמענטן זאָל עס געשטעלט ווערן?

לייענט דאָס זאַמלבוך

„די שטימע פון טאָל"

וואו די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון אונזער צייט, רבנים, שריפטשטעלער און כלל־טוער פון איבער דער גאָרער וועלט, זאָגן אַרויס מיינונגען, אין בריוו און אַרטיקלען, געשריבן אין שייכות מיט דעם ביכל

„אין טאָל פון טויט"

פון חיים ליבערמאַן

אין דעם זאַמלבוך

„די שטימע פון טאָל"

גייען דורך פאַר אונזערע אויגן, ווי אין אַ גאַלעריע, אַלערליי קלאַסן אידן פון אונזער צייט, רבנים, שריפטשטעלער, דיכטער, קינסטלער, לערער און פאָלקס־דערציער, כלל־טוער און אויך מענשן פון פאָלק, און אַלע זאָגן דאָ אַרויס זייערע מיינונגען און גיסן אויס זייערע הערצער וועגן דער אַנגעווייטאָגטער אידישער פראַגע. דאָ וועט איר הערן די מיינונגען פון אָרטאָדאָקסן און פריידענקער, פון ציוניסטן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן, אַנאַר־כיסטן, קאָמוניסטן און גלאַט אידן — אַלע געדאַנקען און באַוועגונגען אויף דער אידישער גאַס פון אונזערע טעג זיינען אָפּגעשפּיגלט אין דעם זאַמלבוך

„די שטימע פון טאָל"

רעדאַגירט מיט באַמערקונגען פון חיים ליבערמאַן

פרייז 2 דאָלאַר

אויך

ממעמקים

אַ וויי־געשריי פון דער אידישער טראַגעדיע אין דער היינטיקער צייט.

פרייז 30 סענט

צו באַקומען אין בוכהאַנדלונגען אָדער דירעקט פון פאַרפאַסער:

H. LIEBERMAN

175 East Broadway, New York 2, N. Y.